STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01871

MAHATMA GANDI

Romain Rolland

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

מאַהאַטמאַ גאַנדי



ראָמען ראָלאַן.



[illegible]

ראָמעי ראָלאַן

מאהאטמא גאנדי

*

Printed in Po[illegible]

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע

רגעזעצט, לויטן אויפטראג פון דער גרופע
ג־וועלט, דורך ל. גאָלדין און י. פאַגעל

איבערגעזעצט פון דער ערשטער פראנצויזישע
אויפלאגע

:: געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן. :
:: :: :: :: וואַרשע, 1926 :: :: ::

דרוק. שיקאָרא און מילנער, נאָוואָליפקי 6

Romain Rolland: Mahatma Gandhi

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

„...דאָס, וואָס גאַנדיס 20־יעריקע טעטיקייט האָט גישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין אייראָפּע, איז אַ בולטער באַווייז פון דער אומגלייבלעכער שמאָלקעפּלדיקייט פון אונ־ערע פּאָליטישע טוער, אונזערע היסטאָריקער, דענקער און אפילו רעליגיאָנס־מענטשן. ווייל דאָס איז די געשיכטע פון אַ נשמה, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין אונזער צייט"... — רופט אויס ראָמאַן ראָלאַן (זייט 13).

און ווי האָט דען בעקאַנט אַנדערש זיין? האָט דאָך די ענגלישע רעגירונג, אָט די מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פון ציוויליזירטער געוואַלט, געמוזט פאַרהוילן פאַר דער וועלט דעם שרעקלעכן אמת וועגן אירע מעשים לגבי דעם אינדישן פאָלק. און במילא האָט זי דאָך געמוזט פאַרשווייגן, אָדער אין בעסטן פאַל — אויסלאַכן די וואונדערלעכע מעשים פון מאַהאַטמאַ גאַנדי, פון זיין אומווידערשטאַנדס־אידעע, מיט וועלכער ער באַהויכט זיין גאַנץ פאָלק.

ראָמען ראָלאַן, דאָס געוויסן פון אייראָפּע, האָט אונז דעם אמת אויפגעדעקט. ער האָט אונז דערציילט די געשיכטע פון דער בלוטיקער גאַנדישער רעוואָלוציע — בלוטיקער, ווייל זי איז באַשפּריצט נאָר מיטן בלוט פון די אויפשטייענדיקע, וואָס קעמפן אָן געווער און וואָס זייער איינציקער וואָפן איז — ליבשאַפט.

קענען אָט די רעוואָלוציע — הייסט באַהעפטן זיך מיט איר.

ל. ג.

דעם לאַנד פון פּראַכט און קנעכטשאַפט,
פון פאַרגייענדיקער מאַכט און אייביקן געדאַנק,
דעם פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען געגן דער צייט —

אין יאָרטאָג פונם משפט איבער איר משיח
18 מערץ 1922

דער גרויסער גייסט — מ אַ ה אַ ט מ אַ*)...
דער מענטש, וואָס איז צענויפגעוואָקסן מיטן זיין פון דער וועלט...

רויקע, טונקעלע אויגן; קליינגעוויקסיק; אַ קרענקלעך אויסזען; אַ דאַר פנים; גרויסע, אַרויסשטאַרצנדיקע אויערן; אויפן קאָפּ — אַ ווייס היטעלע; אויף די אַקסלען — אַ דיק ווייס געוועב; באָרוועס; שפּייזט זיך מיט רייז, מיט גרינוואַרג; טרינקט גאָר וואַסער; שלאָפט אויף דער גאָלער ערד, און דאָס זייער יינגציק, אַרבעט אָן אַן אויפהער. פון זיין אויסערלעכקייט וואַרפט

*) דאָס איז דער באַטייט פונם נאָמען, מיט וועלכן דאָס אינדישע פאָלק האָט באַשאָנקען גאַנדין: מ אַ ה אַ — גרויסער, אַ ט מ אַ — גייסט. דער נאָמען שטאַמט פון די אופּאַנישאַדן, וואו ער באַצייכנט די העכערע עקזיסטענץ און די אַלע, וואָס פאַרייניקן זיך מיט איר אין ליבע און יושר.

ער איז דער איינציקער, ליכטערער, דער באַשעפער פון אַלץ — מאַהאַטמאַ,
ער לעבט אייביק אין די הערצער פון די מענטשן;
ער איז אָנערקענט מיטן האַרץ, מיטן געפיל, מיטן שכל;
ווער עס דערקענט אים, ווערט אומשטערבלעך.
(אופּאַנישאַדן, 15 שיר).

ווען טאַגאָרע איז פאַריקן דעצעמבער (1922) געווען אין גאַנדיס באַזוכט אָרט אַ ש ר אַ ם, האָט ער רעציטירט דאָס ליד און עס אָנגעווענדעט אויף גאַנדין.

זיך גאַרנישט אין די אויגן, אַ חוץ „דער אויסדריק פון גרויסע ליידן און גרויסער ליבשאַפט“. פּירסאָן, וואָס האָט אים אין 1913 געזעען אין דרום-אַפריקע, האָט קוקנדיק אויף אים זיך דער-מאָנט אָן דעם הייליקן פראַנציסק פון אַסיזש. ער איז צוריקגע-האַלטן און העפלעך אפילו צו זיינע געגנער, וועגן זיך רעדט ער מיט באַשיידנקייט; ער איז אויף אַזוי פיל געוויסנהאַפט, אַז טיילמאָל דאַכט זיך אַז ער צווייפלט און אַז ער זאָגט: „איך האָב מיך טועה געווען“; ער פאַרדעקט קיינמאָל נישט זיינע טעותן, גייט קיינמאָל נישט אויף פּשרות, ווייסט נישט פון קיין שום אונטער-כוונות, מיידט אויס רעדנערישע זשעסטן — ער קלערט גאָרנישט וועגן דעם; ער קאָן נישט פאַרליידן די רוי-שנדיקע פאָלקס-דעמאָנסטראַציעס, וואָס קומען פאַר אין זיין נאָ-מען, און ווען נישט זיין פּריוואַט מאָולאַנאַ שאַוקאַט אַלי, וואָס שיצט אים מיט זיין אַטלעטישן קערפּער, האָט ער נישט איינ-מאָל געקאָנט דערדריקט ווערן בשעת די דעמאָנסטראַציעס. „ער איז בוכשטעבלעך קראַנק פונם המון, וואָס גייט אים נאָך“*); אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ האָט ער נישט קיין אמונה אין דער מאַסע, און האַסט דאָס פּעבלדיקייט פונם אויפגע-ברויזטן המון; ער פילט זיך פריי נאָר אין אַ קליינעם קרייז, און גליקלעך איז ער אין זיין איינזאַמקייט, ווען ער הערט דאָס שוואַכע שטילע קול, וואָס פירט מיט אים אָן...**).

אַזאַ איז דער מענטש, וואָס האָט אויפגעהויבן דריי הונ-דערט מיליאָן מענטשן, וואָס האָט אַ טרייסל געטון מיט דער

---

*) Young India פון 2 מערץ 1922. די דאַטן, וואָס זענען אָנגעוויזן אין די באַמערקונגען באַציען זיך צו גאַנדיס אַרטיקלען, געדרוקט אינם זאַמל-בוך Young India.

**) אינם זעלבן נומער.

בריטישער אימפּעריע און באַשאַפֿן אויף דער ערד די מעכטיקסטע גייסטיקע באַוועגונג, וואָס האָט נישט איר גלייכן זינט צוויי טויזנט יאָר.

*

זיין אמתער נאָמען איז מ אַ ה אַ נ ד אַ ס ק אַ ר אַ מ ש אַ נ ד ג אַ נ ד י. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 2־טן אָקטאָבער 1869 אין אַ נישט גרויסן האַלב אומאָפּהענגיקן פירשטנטום אין צפון־מזרח־אינדיע, אין פּאָרבאַנדאַר, אויפֿן ברעג פֿון אָמאַנישן ים. זיין פֿאָטער, קאַראַמשאַנד גאַנדי, איז געווען פּרעמיער־מיניסטער פֿון דער מדינה. צוליב זיינע אומאָפּהענגיקייטס־איבערצייגונגען האָט ער נישט נושא־חן געווען ביי דער ענגלישער רעגירונג און געמוזט דעמיסיאָנירן. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ הויך־אינטעליגענטער קולטורעלער סביבה, וועלכע האָט אָבער נישט געהערט צו דער העכערער קאַסטע.

זיינע עלטערן זענען געווען אָנהענגער פֿון דער אינדישער שול דזשאַינאַ. לויט דער דזשאַינאַ האָט איר הויפּט־אידייע, אַהימשאַ, געדאַרפֿט באַהערשן די וועלט. דאָס איז די תורה פֿון גוטסקייט אויפֿן גאַנצן לעבן, פֿונם נישט בייזערן זיך. אָט דער פּרינציפּ איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן אפילו דורך בודדאַ און דורך די אָנהענגער פֿונם קולט ווישנו, וואָס האָט אויף גאַנדין געהאַט אַ גרויסע השפּעה. לויט דער דזשאַינאַ איז נישט דער שכל, נייערט די ליבע — דער וועג, וואָס פֿירט צו גאָט.

אין דער משפּחה פֿלעגט מען רעגלמעסיק לייענען די ראַמאַיאַנאַ. די ערשטע בילדונג האָט גאַנדי באַקומען ביי אַ געוויסן בראַהמאַנער, וואָס האָט אים געגעבן צו לערנען די ספרים פֿון ווישנו. שפּעטער האָט ער זיך אפילו באַקלאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט גוט באַהערשט דעם סאַנסקריט: דאָס איז געשען מחמת

זיין ענגלישער דערציִונג, צוליב וועלכער ער איז אָפּגעריסן גע־וועןן פון זיין מוטערשפּראַך; דאָך האָט ער זייער גוט געקענט די אינדישע הייליקע ספרים, הגם די וועדן און אופּאַנישאַדן האָט ער געלייענט בלויז אין איבערזעצונג*).

חתונה געהאַט צו צוועלף יאָר**) איז ער צו צוואַנציק יאָר אַוועק קיין ענגלאַנד און, כדי צו ענדיקן זיין סטודיום, איז ער אַריינגעטרעטן אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט אויפן יו־רידישן פאַקולטעט. זיין מוטער, זייער אַ פרומע פרוי, האָט אים פאַרן אַוועקפאָרן געהייסן אַ נדר טון פאַר דזשאַינאַן: נישט טרינ־קען קיין וויין, נישט עסן קיין פלייש און נישט קענען קיין פרוי. פון זיינער אַ שפּעטערדיקער רעדע איז צו זען***), אַז אין אייראָפּע האָט ער שטודירט פרעמדע אמונות און זיך מיט זיי אַזוי איבערגענומען, אַז ס'איז געווען אַ צייט, ווען ער האָט זיך געוואַקלט צווישן הינדואיזם און קריסטנטום. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז „זיין רעטונג איז מעגלעך נאָר אין אויסלעבן זיך אינעם אינדישן גלויבן".

אין 1891 יאָר האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין אינדיע און געוואָרן אַן אַדוואָקאַט אין באָמבײַ. נאָך עטלעכע יאָר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דער באַשעפטיקונג, ווייל זי האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס נישט קיין ערלעכע. עס פלעגט אפילו אויך פריער טרעפן, אַז ער פלעגט זיך אָפּזאָגן פון אַזעלכע אַרויס־טרעטונגען, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן פאַר אומגערעכט.

---

*) וועגן זיין קינדהייט האָט ער דערציילט אין אַן אינטימען שמועס [■]יף דער פאַרזאַמלונג פון די „מצורעים" דעם 13 אַפּריל 1921.

**) שפּעטער האָט ער העפטיק געקעמפט קעגן קינדערישע חתונות. ער [■]האַלט, אַז דאָס ברענגט צום אונטערגאַנג פון דער ראַסע.

***) 13 אַפּריל 1921.

שוין אין יענע צייטן האָט אינדיעס שלעכטער מצב דער־ וועקט אין אים די ערשטע פאָרגעפילן פון זיין קומענדיקן גורל. דעמאָלט האָבן אין אינדיעס געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרנומען דעם אויבנאָן די צוויי טוער: פאַרשי דאַדאַבהאַי און פּראָפעסאָר גאָקהעל, ביידע הייסע אינדישע פּאַטריאָטן. גאָקהעל איז געווען איינער פון די ערשטע רעפאָרמאַטאָרן אין דער אינדישער ביל־ דונג; דאַדאַבהאַי איז געווען דער גרינדער פונם אינדישן נאַ־ ציאָנאַליזם (לויט גאַנדיס רייד*). ביידע זענען געווען פּרעדיקער פון חכמה און פון שלום. דאַדאַבהאַי איז געווען דער, וואָס האָט גאַנדין אין 1892 יאָר געגעבן זיין ערשטע לעקציע פון אַהימשאַ אין עפנטלעכן לעבן: העלדישע פּאַסיווקייט, אויב ס'איז נאָר מעגלעך צו פאַראייניקן אָט די צוויי ווערטער, ליידנשאַפטלעכער אויסברוך פון דער נשמה, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דעם שלעכטן—נאָר נישט מיט שלעכטס, נייערט מיט ליבע. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם מאַגישן וואָרט, צו אָט דער פריי־ לעכער בשורה, וואָס אינדיע שיקט דער גאַנצער וועלט.

פון 1893 יאָר הייבט זיך אָן גאַנדיס אינדישע געזעלשאַפט־ לעכע טעטיקייט. זי טיילט זיך איין אויף צוויי פעריאָדן. פון 1893 ביז 1914 אין דרום-אַפריקע, פון 1914 אָן — אין אינדיע גופא.

דאָס, וואָס גאַנדיס 20-יעריקע טעטיקייט אין דרום-אַפריקע האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין אייראָפּע, איז אַ בולטער באַווייז פון דער אומגלויבלעכער שמאָל-קעפּלדיקייט פון אונזערע

---

*) היינט זענען שוין יענע שוואַכע פּרווון צו פאַרעלטערט אין דער יונגער דור האָט אינגאַנצן אָן זיי פאַרגעסן. גאַנדי איז זיי אָבער פאַרבליבן געטריי און נישט איינמאָל גערופן זיי צו אַכטן. (זע Hind Swaraj, דער בריוו צו די „מצורעים" פון 23 מערץ 1921 און דעם „ווידוי" 3 יולי 1921).

פּאָליטישע טוער, אונזערע היסטאָריקער, דענקער און אַפילו רעליגיאָנס-מענטשן: ווייל דאָס איז די געשיכטע פון אַ נשמה, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין אונזער צייט נישט נאָר צוליב איר גייסטיקן כח און מסירת-נפש, נאָר אפילו צוליב איר קומענדיקן אומבאַדינקטן נצחון.

אין 1890—1 יאָר האָבן זיך אין דרום-אַפריקע, דאָס רוב אין נאַטאַל, געפונען 150 טויזנט הינדוסן. דער צופלוס פונם פרעמדן פאָלק האָט אַרויסגערופן צווישן די ווייסע אייבוואוינער אַזאַ אַנטאַגאָניזם, אַז די מאַכט האָט געמוזט אָננעמען דערצו מיטלען: זי האָט פאַרבאָטן די אינדישע אימיגראַציע און האָט זיך געקליבן אַרויסצוטרייבן אפילו די הינדוסן, וואָס וואוינען שוין אין לאַנד.

די כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג האָבן אומערטרעגלעך געמאַכט זיי דאָס לעבן: קאָלאָסאַלע שטייערן, דערנידעריקנדיקע פּאָליציייאישע תקנות, עפנטלעכע באַליידיקונגען און אחוץ דעם לינטשערייען און רויבערייען האָבן זיך ברייט צעבליט אונטער דער אפּוטרופּסות פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

אין 1893 יאָר האָבן זיך די אַפריקאַנער הינדוסן געווענדעט צו גאַנדין נאָך הילף, און ער איז גלייך צו זיי געקומען. דאָ הייבט זיך אָן די עפּאָכע פון קאַמף צווישן דעם געוויסן מיט דער רויער קראַפט. ווען ער איז נאָך געווען אַדוואָקאַט, האָט ער אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעוויזן די יורידישע אומגעזעצלעכקייט פון דער מאַכט בנוגע דעם אַרויסטרייבן די אַזיאַטן. דעם פּראָצעס האָט ער געוואונען, נישט קוקנדיק אויף דער בולטער אומצופרידנקייט אין די רעגירונגס-קרייזן. דערנאָך וויל ער פאַרזיכערן פאַר זיינע לאַנדס-לייט לכל הפחות אַן ערטרעגלעכן רעזשים. אין יאָהאַנעסבורג האָט ער געהאַט אַ ברייטע קליענטור; ער וואַרפט דאָס אַוועק, און ווי דער הייליקער פראַנציסק, פאַראייניקט ער זיך מיט די אָרעמע, פאַרפאָלגטע, רעכט-באַרויבטע הינדוסן. ער לעבט מיט

זיי צוזאַמען און בילדעט זיי — דאָס לערנט ער זיי די תורה פון אומווידערשטאַנד. נישט ווייט פון דורבאַן גרינדעט ער אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע לויטן מוסטער פון טאָלסטאָי, מיט וועלכן ער איז באַגייסטערט*).

דאָרט זאַמלט ער צונויף הינדוסן און שאַפט פאַר זיי ערד. יעדער גיט אָפּ אַ פייערלעכן נדר צו לעבן אין אָרעמקייט. ער אַליין ערפילט די אַרבעטן פון אַ שקלאַף.

אַזוי האָט אין משך פון אַ סך יאָרן דאָס דאָזיקע שוייגנדיקע פאָלק זיך אַנטקייגנגעשטעלט דער רעגירונג. דאָס פאָלק פאַרלאָזט די שטעט, די אינדוסטרי ווערט אָפּגעשטעלט. דאָס איז אַזאַ ריזיקער רעליגיעזער שטרייק, אַנטקייגן וועלכן ס'איז אָנמעכטיק יעטוועדע רויע קראַפט, אַזוי ווי ס'איז געווען אָנמעכטיק דאָס קייזערלעכע רוים בנוגע די ערשטע קריסטן. יענע קריסטן וואָלטן אָבער נישט דערפירט דעם פרינציפּ פון מחילה און ליבע צו אַזאַ מדרגה, צו וועלכער עס דערפירט אים גאַנדי. אַפילו זיינע פאַרפאָלגער קומט ער צו הילף, ווען עס דראָט זיי אַ סכנה. יעדעס

---

*) מיין פריינט, פּאַוועל בירוקאָוו, האָט מיר געוויזן טאָלסטאָי'ס אַ לאַנגן אומבאַקאַנטן בריוו צו גאַנדי, וואָס ער האָט געשריבן אין סעפּטעמבער 1910, נישט לאַנג פאַרן טויט. טאָלסטאָי האָט נאָר וואָס געהאַט איבערגעלייענט גאַנדיס דרום־אַפריקאַנישע צייטונג Indian Opinion, און ער פרייט זיך מיט דער ידיעה וועגן די אינדישע אומווידערשטענדיקע. ער זאָגט, אַז „דער אומווידערשטאַנד איז דאָס געזעץ פון ליבע, איז דער געמיינזאַמער אָטעם פון מענטשלעכע נשמות". דאָס איז דאָס געזעץ, וואָס ס'האָט געגעבן קריסטוס דער גאַנצער וועלט.

דערזעלבער בירוקאָוו האָט נישט לאַנג צוריק געפונען אין טאָלסטאָי'ס אַרכיוו נאָך עטלעכע זיינע בריוו צו גאַנדי. ער האָפט דאָס איינגיכן, צוזאַמען מיט נאָך דאָקומענטן, אַרויסצוגעבן אונטערן נאָמען: „טאָלסטאָי און דער אָריענט".

מאָל, ווען די רעגירונג פון דרום-אַפריקע האָט זיך געפונען אין אַ שווערע לאַגע, ערקלערט גאַנדי, אַז די הינדוסן זענען גרייט צו טראָגן אַלע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן און אַז ער לייגט פאָר זיין הילף.

אין 1899 יאָר, אין דער צייט פון דער מלחמה מיט די בורן, האָט ער געגרינדעט דעם אינדישן רויטן קרייץ. אגב איז ער צוויי מאָל באַלוינט געוואָרן פאַר זיין מוטיקייט. אין 1904 איז אין יאָ-האַנעסבורג אויסגעבראָכן די דזשומע — גאַנדי גרינדעט אַ שפּיטאָל. אין 1906 ברעכט אויס אַן אויפשטאַנד פון די שוואַרצע — גאַנדי נעמט אָנטייל אין דער מלחמה, שטייט אין דער שפּיץ פון דער סאַניטאַרער הילף-אָפּטיילונג, און דער גובערנאַטאָר פון נאַטאַל דאַנקט אים עפנטלעך.

זיין אויפריכטיקייט איבערצייגט אָבער נישט די אָרטיקע נאַציאָנאַליסטן. נישט איינמאָל פאַרשפּאַרט אין תפיסה (אַפילו באַלד דערנאָך ווי מען האָט אים געדאַנקט נאָך דער מלחמה אין נאַטאַל) אַריינגעזעצט אין אַ שטייג מיט צוגעבונדענע צו איר הענט און פיס, אַ באַליידיקטער, אַ צעשלאָגענער מיט שטעקנס דורכן אונטערגע-העצטן שוואַרצן המון-איינמאָל שוין געהאַלטן אים אַפילו פאַר טויט —האָט גאַנדי רויק איבערגעטראָגן אַלע יסורים און דערנידערונגען; קיין זאַך האָט נישט געמינערט זיין גלויבן. פאַרקערט, ער האָט זיך דורך אָט דעם אַלעם וואָס אַמאָל מער געשטאַרקט.

אין 1908 יאָר האָט ער געשריבן אַן ענטפער דער רעוואָלו-ציאָנערער דרום-אַפריקאַנישער שולע — זיין בוך, וואָס איז שפּע-טער אַזוי באַרימט געוואָרן—Hind Swaraj, די אינדישע זעלבסט-פאַרוואַלטונג, די תורה פון העלדישער ליבשאַפט*).

---

*) איך וועל מיך נאָך דערצו אומקערן.



מאהאטמא גאנדי אין יאר 1914.

די מלחמה האָט זיך עקשנותדיק געצויגן 20 יאָר. האַרבסט 1913 האָט גאַנדי אין טראַנסוואַל אָרגאַניזירט די נאַטאַלישע געזעלשאַפט פון אומווידערשטאַנד. ווידער איז ער פאַרשפאַרט געוואָרן אין תפיסה מיט נאָך טויזנטער הינדוסן. מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין קעלערס. נאָר דאָס מאָל האָט אויפגעברויזט גאַנץ אינדיע; אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפט-לעכער מיינונג האָט אפילו דער וויצע-קעניג געמוזט עפנטלעך פּראָטעסטירן קעגן די מעשים-תעתועים פון דער דרום-אַפריקאַנישער רעגירונג.

גאַנדיס וואונדערלעכער עקשנותדיקער אויסדויער האָט גע-זיגט: די ברוטאַלע קראַפט האָט אָפּגעטרעטן פאַר דעם גרויסן גייסט — מאַהאַטמא. גענעראַל סמוטס, וואָס האָט אין 1909 יאָר ערקלערט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט אָפּטרעטן אויף איין האָר פונם געזעץ בנוגע דער אינדישער עקשנות, האָט יעצט געמוזט קאַפּיטולירן*). לאָרד האַרדינג האָט אונטערגעהאַלטן די אינדישע פאָדערונגען, און אינגיכן האָט די ספּעציעלע רעגירונגס-קאָמיסיע אָנערקענט גאַנדין פאַר גערעכט כמעט אין כּל פּרטים. אין 1914 יאָר האָט די רעגירונג מבטל געמאַכט דעם ספּעציעלן שטייער פון דריי פונט שטערלינג. גלייך דערנאָך איז אין נאַטאַל געגעבן גע-וואָרן בירגער-רעכט אַלע הינדוסן, וואָס ווילן דאָרט בלייבן פרייע אַרבעטער. אַזוי, נאָך 20 יאָר מסירת-נפשדיקן קרבנות-פולן קאַמף, האָבן געזיגט די אומווידערשטענדיקע.

*

גאַנדי איז צוריקגעקומען קיין אינדיע שוין מיטן רום פון אַ פירער.

---

*) גאַנדי' דערמאָנט וועגן דעם אין אַן אַרטיקל פון 12 מאַי 1920.

דאָרט האָט זיך אָנפאַנג היינטיקס יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַ ריזיקע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס-באַוועגונג. מיט אַ דרייסיק יאָר פאַר דעם האָבן צוויי ענגלישע ליבעראַלע פּאָליטיקער אַ. כום און וו. וועדדערבערן געגרינדעט דעם נאַציאָנאַלן אינדישן קאָנגרעס; לאַנג האָבן זיי זיך באַמיט אים צו לעגאַליזירן. זיי האָבן אויפגעוויזן, אַז אינדיעס אינטערעסן זענען נישט געווענדעט קעגן ענגלאַנדס גרויסמאַכט. פון דער אַנדערער זייט האָט דער יאַפּאַנישער נצחון אין דער מלחמה מיט רוסלאַנד דערוועקט דעם אַזיאַטישן שטאָלץ; די פּראָוואָקאַציע פון לאָרד קערזאָן האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די פאַרביטערונג פון די אינדישע פּאַטריאָטן לגבי ענגלאַנד. אין די רייען פון קאָנגרעס איז באַשאַפן געוואָרן אַן עקסטרעמע פּאַרטיי, וואָס האָט מיט איר עקסטן נאַציאָנאַליזם געפונען אַן אָפּקלאַנג אין לאַנד. די אַלטע פּאַרטיי פון די קאָנסטיטוציאָנאַליסטן איז געבליבן ביז צום אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה אונטערן איינפלוס פון גאָקהעל. ער איז געווען אַ הייסער אינדישער פּאַטריאָט, נאָר גלייכצייטיק געטריי צו ענגלאַנד.

דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, וואָס האָט באַהערשט די אינדישע פאָרשטייער, האָט זיי גענייט צו פאָדערן דעם ס וו אַ ר אַ ד ז ש (האָם-רול), די זעלבסטפאַרוואַלטונג. אָבער נישט אין אַלע פּרטים זענען זיי צווישן זיך געווען אייניק: אַ טייל זענען געווען פאַר ענגלאַנדס אינטערווענץ, אַנדערע האָבן געפאָדערט — אַרויסצוטרייבן די אייראָפּייער פון אינדיע; די ערשטע האָבן גענומען אַ ביישפּיל פון קאַנאַדע און דרום-אַפריקע, די צווייטע — פון יאַפּאַן.

איז געקומען גאַנדי און פאָרגעלייגט זיין באַשלוס, וואָס איז אין גרונד גענומען מער רעליגיעז, ווי פּאָליטיש און איז פּאַקטיש דער ראַדיקאַלסטער (הינד סוואַראַדזש). מען מוז מודה זיין, אַז גאַנדיס פאָרשטעלונג האָט נישט געקאָנט דעמאָלט פאַרווירקלעכט ווערן אינם פּראַקטישן לעבן: דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס

הגם ער האָט לאַנגע יאָרן געוואוינט אין דרום-אַפריקע און דור דער צייט פלייסיק געפּאָרשט די אינדישע נשמה — איז ער דאָך דריי און צוואַנציק יאָר געווען אָפּגעריסן פון זיין היימלאַנד.

ער איז נאָך דעמאָלט אַזוי ווייט געווען פונם געדאַנק וועגן קאַמף געגן דער ענגלישער רעגירונג, אַז ביים אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה, אין סעפּטעמבער 1914, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד צו אָרגאַניזירן דאָרט סאַניטאַרע הילף. „איך האָב אויפריכטיק זיך געהאַלטן פאַר אַן אונטערטאַן פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט". אין זיינע בריוו פון 1920 יאָר „צו אַלע ענגלענדער אין אינדיע", דערמאָנט ער אַ סך מאָל וועגן דעם קעניגרייך: „טייערע פריינט, קיין איין ענגלענדער האָט נישט מער געטון פאַר דער אויפבליונג פון דער אימפּעריע, ווי איך; אין משך פון מיין ניין און צוואָנציק יאָריקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָב איך פיר מאָל איינגעשטעלט מיין לעבן פאַר ענגלאַנד... ביזן יאָר 1919 האָב איך אויפריכטיק געאַרבעט פאַר פאַרייניקן זיך..."

ער איז נישט געווען אַליין. גאַנץ אינדיע האָט זיך איבערגענומען מיטן צבועישן אידעאַליזם פון דער וועלט-מלחמה — דער מלחמה, כלומרשט, פאַר רעכט. די ענגלישע רעגירונג האָט צוגעזאָגט אינדיע גרויסע הנחות, אַבי נאָר זי זאָל זיך מיטבאַטייליקן אין דער מלחמה. דעם אַזוי געגאַרטן סוואַראַדזש האָט מען פאַרמשכונט דער מלחמה. אין אויגוסט 1917 יאָר האָט דער קעניגלעכער סעקרעטאַר אין אינדיע, מאָנטעגיו, צוגעזאָגט צו געבן אינדיע אַן אַנטשפּרעכנדיקע זעלבסט-פאַרוואַלטונג; אין יולי 1918 יאָר איז פאָרגעקומען די דעבאַטע וועגן דער אינדישער פראַגע; דער וויצע-קעניג לאָרד טשעלמספאָרד האָט צוזאַמען מיט מאָנטעגיו אונטערגעשריבן אַן אָפיציעלן גענויעם אַקט וועגן די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען וואָס ווערן געמאַכט לגבי אינדיע. אין די ערשטע חדשים פון

1918 יאָר, ווען דאָס מיליטער פון דער קאָאַליציע איז געווען אין געפאַר, האָט לאָיד דזשאָרדזש זיך געווענדעט (דעם 2-טן אַפּריל 1918) מיט אַ אויפרוף צום אינדישן פאָלק. אויך די קריגס-קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעלהי סוף דעם זעלבן חודש האָט באַוויזן, אַז דער טאָג פון אינדיעס אומאָפּהענגיקייט איז נישט ווייט. און אינדיע האָט זיך הייס אָפּגעַרופן אויף דעם אויפרוף. גאַנדי האָט גאָכאַמאָל פאָרגעלייגט ענגלאַנד הילף און דערמיט געוויזן זיין פולע לאָיאַליטעט. אינדיע האָט געגעבן ענגלאַנד 985.000 מענטשן, האָט געברענגט ריזיקע קרבנות און געדולדיק געוואַרט אויף דער באַלוינונג.

די אַנטשיידונג איז געווען אַ שרעקלעכע. סוף יאָר איז די געפאַר אַריבער, און מען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן אינדיעס פאַרדינסטן. נישט נאָר די רעגירונג האָט נישט ערפילט די צוגעזאָגטע פרייהייטן — זי האָט אָפּגענומען אפילו די, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט. דער פאַרלאַמענט אין דעלהי האָט אין פעברואַר 1919 געוויזן, ווי אומצוטרוילעך די ענגלישע רעגירונג באַציט זיך צו אינדיע, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק אַזוי בולט באַוויזן איר פאַטריאָטיזם; ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דער קריגס-צושטאַנד, וואָס איז צייטווייליק ערקלערט געוואָרן בשעת דער מלחמה, בלייבט אין קראַפט אויף ווייטער. מען האָט איינגעפירט אַ צענזור, געהיים-פּאָליציי און די איבעריקע טיראַנערייען, מיט וועלכע ס׳צייכנט זיך אויס דער קריגס-צושטאַנד.

דאָס האָט אַרויסגערופן אין דער רואיגירטער אינדיע אַ מוראדיקן רושם. גאַנדי האָט פּראָקלאַמירט אַ בונט.

ביז אַהער האָט ער געלעבט פאַרטיפט אין סאָציאַלע רעפאָרמען, און באַזונדערס זיך פאַרנומען מיטן אויסבעסערן די לעבענס-באַדינגונגען פון די ערד-אַרבעטער. אומבאַמערקט פאַר דער

מאכט האָט ער אין 1918 אין קיירא און אין שאַמפּאַראַן אַדורכ־
געפירט אַ גלענצנדן עקספּערימענט מיט דער אומבאַזיגבאַרער
אַרמיי, וועלכע ער האָט בקרוב געדאַרפט פירן אין קאַמף פאַר
נאַציאָנאַליזם, פאַר אומווידערשטאַנד. וועגן אָט דער באַוועגונג,
וועלכער גאַנדי האָט אַ נאָמען געגעבן Satyagraha, וועלן מיר
רעדן שפּעטער.

דאָך איז ער ביז צום 1919 יאָר געבליבן אויפן צווייטן
אָרט און אַפילו אַביסל אין שאָטן; די עקסטרעמע עלעמענטן
פון דער באַוועגונג, וואָס זענען אין 1916 יאָר אָרגאַניזירט גע־
וואָרן דורך אַננאַ בעזאַנט (אגב איז זי אינגיכן באַזייטיקט גע־
וואָרן), האָבן איצט אָנערקענט פאַר זייער פירער דעם גרויסן
הינדוס לאָקאמאנאַיאַ באַל גאַנגאַדראַר טילאַק. אַ מענטש פון
זעלטענער ענערגיע, וואָס האָט אין זיך פאַרייניקט שכל, ווילן
און כאַראַקטער, מיט אַ ברייטערן אינטעלעקט אַפילו פון גאַנ־
דין, מיט דער אייגנעבוירענער אַזיאַטישער קולטור — אַ געלער־
טער, אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס האָט געבּרענגט אַלע מעגלעכקייטן
פון זיין זשעני אַלס קרבן פאַר זיין פּאַרטיי; אַזוי ווי גאַנדי—
אָן איבעריקער גאווה, האָט ער נאָר געוואַרט אויף דעם נצחון
פון זיין אידייע, כדי אומצוקערן זיך צו וויסנשאַפטלעכע אַר־
בעט, איז ער ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן געווען דער
אומפּאַרטעטבאַרער פירער פון אינדיע.

וואָס וואָלט געווען, ווען זיין פריציטיקער טויט וואָלט אים
נישט צוגענומען אין אויגוסט 1920? גאַנדי וואָס האָט געבויגן דעם
קאָפּ פאַר דער גרויסער מאַכט פון טילאַקס זשעני, איז זיך ווייט מיט
אים פונאַנדערגעגאַנגען אין די פּאָליטישע מעטאָדן. עס איז אָן אַ
שום ספק, אַז ווען טילאַק וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט גאַנדי, בלויז גע־
האַט די רעליגיעזע אָנפירערשאַפט מיטן אויפשטאַנד. ווי מעכ־
טיק וואָלט דאַן געווען דער אויפברויז פון אינדישן פאָלק אונטער

אָט דער טאָפּלטער אָנפּירערשאַפט! קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט נישט אומשטאַנד געווען צו שטעלן זיך אין וועג, מחמת טילאַק וואָלט אין זיינע הענד געהאַלטן דעם רודער פון דער באַוועגונג און גאַנדי וואָלט געהערשט איבער אירע אינערלעכע כּוחות. דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט, און עס איז צום בעדויערן אי צוליב אינדיע, אי צוליב גאַנדין. די ראָלע פון אַ פירער פון דער מינדערהייט, אַלס „גייסטיקן פאָטער" וואָלט גאַנדין אַנטשפּראָכן זיין נאַטור און זיינע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען. ער האָט קיינמאָל נישט געטרויט דער מאַסע, און אויך דאָס מאָל וואָלט זי געקאָנט געהערן טילאַקן. אַלס אַ מאַטעמאַטיקער האָט טילאַק אויך אין דער ווירקלעכקייט געהאַט אמונה אין ציפערן. ער איז געווען אַ דעמאָקראַט פון געבוירן און אַן אַנטשלאָסענער פּאָליטיקער, אָן ריקזיכט אויף די רעליגיעזע באַדערפענישן. ער פלעגט זאָגן, אַז פּאָליטיק איז נישט פאַר די Sadhus (פרומע מענטשן). ער האָט ערקלערט, אַז ער וואָלט מקריב געווען דעם אמת פאַר דער פריי־הייט פון זיין פאָטערלאַנד. און אָט דער געוויסנהאַפטער מענטש, וועמענס לעבן ס'האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ריינקייט, האָט אָן וואַקלענישן געזאָגט, אַז אין דער פּאָליטיק איז אַלץ ערלויבט. מען קען דרייסט זאָגן, אַז ס'איז פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן די געדאַנקען מיטן באָלשעוויזם. גאַנדיס געדאַנק איז אָבער ווייט דערפון*).

די חלוקי־דעות צווישן טילאַק און גאַנדי, אונטערגעהאַלטן דורך זייער טיפסטן קעגנזייטיקן דרך־ארץ, האָבן בולט באַוויזן די וועלט־אָנשויונגען פון די דאָזיקע צוויי טעמפּעראַמענטפולע מענטשן; אין זייערע מעשים שפּיגלען זיך אָפּ זייערע געדאַנקען.

*) ער האָט זיך אַנטשיידן אַרויסגעזאָגט קעגן באָלשעוויזם (24 נאָוועמ־בער 1921).

אין קעגנזאַץ צו טילאַקן זאָגט גאַנדי, אַז ווען מען וואָלט אים געגעבן אויסצוקלויבן, וואָלט ער מקריב געווען די פרייהייט פאַר דעם אמת. און ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין זיין רעליגיעזע ליבע צו אינדיע, שטעלט ער העכער זיין גלויבן פון זיין פאָטערלאַנד.

„איך האָב מיט אינדיע אַ ברית פאַרשניטן. איך טראַכט, אַז זי האָט איר באַשטימטע שליחות אין דער וועלט. אויב זי ערפילט זי נישט, איז עס פאַר מיר אַ נסיון, און איך האָף, אַז איך וועל עס ערפילן. מיין גלייבן האָט נישט קיין ממשותדיקע גרענעצן, אויב ער לעבט, וועט ער אפילו איבערשטייגן מיין ליבע צו אינדיע"*)...

אָט די גרויסע ווערטער גיבן אַן אַלמענטשלעכן זין דעם קאַמף, וועלכן איך טרעט יעצט צו צו באַשרייבן, מחמת זיי מאַכן דעם נביא פון אינדיע פאַר אַ מיטבירגער פון אונז אַלע**), פאַרן אַפּאָסטאָל פון דער גאַנצער וועלט. פאַר וועמען דען, אויב נישט פאַר אונז, האָט דער מאַהאַטמאַ מיט פיר יאָר צוריק אָנגעהויבן דעם קאַמף?

---

*) 11 אויגוסט 1920, בשעת דעם ויכוח וועגן דער פראַגע פון וואָפן.

**) „די מענטשהייט איז איינע. פאַראַן נאָר אַ ראַסן אונטערשייד. נאָר וואָס העכער די ראַסע, אַלץ מער התחייבותן טראָגט זי" (Ethicol Religion).

*

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דוקא דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געשטעלט בראש פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קעגן דעם ראוו־לאַט־געזעץ, טוט ער עס, „כדי אָפּצוּווענדן די באַוועגונג פון עקסטן ווידערשטאַנד״*). ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, האָט זיך דאָך דער אויפשטאַנד אָנגעהויבן און מען האָט געמוזט ווייטער פירן.

כדי בעסער צו פאַרשטיין דאָס פאָלגנדיקע, דאַרף מען געדענקען, אַז גאַנדיס געדאַנקען־גאַנג פליסט פון צוויי קוואַלן: אַ רעליגיעזער בנין, און איבער אים צוגעבויט די געזעלשאַפטלעכע אידייען, צוגעפּאַסט צו די קאָנקרעטע באַדינגונגען און פאָלקס־שטרעמונגען. גאַנדי איז רעליגיעז לויט זיין נאַטור און אַ פּאָליטיקער, ווייל ער מוז עס זיין. צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן ווערן וואָסאַמאָל ווינציקער די פירער פונם פאָלק. בדיעבד מוז ער נעמען אויף זיך דעם עול אָנצופירן מיט דער שיף אין דער צייט פון שטורעם—און זיין פּאָליטישע און פּראַקטישע טעטיקייט ווערט וואָס אַמאָל מער זיכערער. דער ענדגילטיקער שטראָם פון זיין בויענדיקן ווילן בלייבט אָבער אַלע מאָל ווי אַ הייל. זי איז גרויס און טיף און געמאַכט נישט פאַר די מעשים, וואָס ווערן געשאַפן אין טאָג־טעגלעכן לעבן און קאַמף. זי אייביג איז אייביק. דאָס גאַנצע איבעריקע איז קורצצייטיק און פאַרמשפט צום אונטערגאַנג.

עס איז דעריבער נייטיק צו קענען אַט דעם אונטערערדישן היכל, פון וואַנען גאַנדי שעפט יעדן טאָג גייסטיקע יניקה פאַר

---

*) 5־טן נאָוועמבער 1919.

זיין לעבן אויבן, אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

ער גלייבט הייס אין דער אמונה פון זיין פאָלק — אין הינדואיזם; נאָר נישט ווי אַ געלערנטער, וואָס שטודירט די כתבים, און נישט ווי אַ פאַנאַטישער חסיד, וואָס דערלאָזט נישט צו זיך קיין קריטיק. זיין גלויבן ווערט שטרענג קאָנטראָלירט דורך דעם שכל און געוויסן.

„איך מאַך מיר נישט קיין אָפּגאָט אפילו פון דער רעליגיע אַליין און וועל קיין שום שלעכטס אין איר נאָמען נישט מוחל זיין*)... איך וויל נישט קיינעם נאָכשלעפּן נאָך זיך, אויב ער האָט מיך נישט גוט פאַרשטאַנען. איך אַליין וועל לייקענען אין דער געטלעכקייט פון די Shatras, אויב כ'וועל אין דעם נישט זיין איבערצייגט**)...

פון דער אַנדערער זייט:

„איך גלייב נישט, אַז די וועדן איז דאָס איינציקע געטלעכע בוך. איך מיין, אַז דער תנך, דער קאָראַן און די זענד-אַוועסטאַ זענען געשריבן מיטן זעלבן רוח-הקודש, ווי די וועדן... דער הינדואיזם איז נישט קיין אָפּגעשלאָסענע רעליגיע. דער, וואָס גלייבט אין אים, קאָן אויך אַכפּערן די נביאים פון דער גאַנצער וועלט... ער לאָזט יעדן דינען צו זיין גאָט, ווי ס'באַפעלט אים זיין גלויבן אָדער Dharma. ער לעבט בשלום מיט אַלע רעליגיעס".

גאַנדי פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף די טעותים און חסרונות, וואָס האָבן זיך אַריינגעגנבעט אינעם הינדואיזם אין משך פון דורות, און ער פאַראורטיילט זיי. דאָך:

---

*) 27 אָקטאָבער 1920.

**) יולי 1920.

„איך קאָן נישט בולטער באַצייכענען מיין געפיל צו אינ־דיע, ווי צו פאַרגלייכן עס מיט דעם געפיל צו מיין פרוי. זי רעגט מיך מער ווי אַלע פרויען אויף דער וועלט, נישט דער־פאַר ווייל זי איז פולקום; איך ווייס, אַז זי האָט מער חסרונות ווי איך זע. דאָ איז אָבער דאָ דאָס געפיל פון צוגעבונדנקייט. דאָס זעלבע איז אויך מיין באַציונג צום הינדואיזם, מיט אַלע זיינע פעלערן און באַגרענעצטקייטן. קיין שום מוזיק אין דער וועלט באַצויבערט מיך נישט אַזוי, ווי די מוזיק פון גיטאַ אָדער ראַמאַיאַנאַ — די צוויי ביכער, וועגן וועלכע איך קען דרייסט זאָגן: איך פאַרשטיי. איך ווייס וואויל וועגן די עבירות, וואָס באַשמוצן די אינדישע טעמפלען — דאָך זענען זיי מיר ליב... איך בין אַ רעפאָרמאַטאָר פון מיין טיפן האַרצן, אָבער איך פאַר־לייקן נישט קיין איין אינדישן אַבערגלויבן“*).

וועלכע דען זענען די אמתן, אין וועלכע ער גלייבט? ער רעכנט זיי אויס אין אַ אַרטיקל פון 6 אָקטאָבער 1921 יאָר, וואָס ווערט געהאַלטן פאַר זיין אני־מאמין:

„1) איך גלייב אין די וועדן, אין די אופּאַנישאַדן, אין די פּוראַנען און אין דעם אַלעם, וואָס טראָגט דעם נאָמען אינ־דישע תורה, אַנדערש גערעדט — איך גלייב אין דער ווידער־אויפלעבונג.

2) איך גלייב אין Varnashrama Dharma**), נאָר נישט אין דעם פּאָפּולערן וואולגאַרן זינען, נייערט אין שטרענג־עטישן זינען פון די וועדן.

---

*) זעקסטער אָקטאָבער 1921.

**) בוכשטעבלעך: וואַרנאַ — געזעלשאַפטלעכער קלאַס, שראַמאַ — לעבנס־מדרגות, דהאַרמאַ — רעליגיע, געמיינט ווערט דאָ די רעליגיעזע געזעצן פון די קלאַסן און לעבנס־מדרגות.

3) איך גלייב אין דער השגחה פון דער קו איבערן מענטש אין אַ פיל טיפערן זינען, ווי ס'איז אָנגענומען צו פאַרשטיין.

4) איך פאַרלייקן נישט דאָס געצנדינעריי".

יעדער איינאָפּעער, וואָס ווערט איבערלייענען דעם דאָזיקן מאָדנעם אני־מאמין, וועט זיך טראַכטן, אַז די געדאַנקען וואָס זענען אין אים אַרויסגעזאָגט, זענען אים פרעמד. שוין דערמיט אַליין, וואָס זיי זענען אַזוי שטרענג איינגעפּאַרעמט אין אַזאַ רע־ליגיעזער ראַם, וואָס איז פרעמד אונזער צייט און אָרט — עס איז זיי נישט צו מעסטן מיט אונזער אַנטוויקלונג, און אַז עס איז אומנוצלעך זיי נאָכצופאָלגן.

זאָל ער אָבער לייענען ווייטער. אַביסל נידעריקער וועט ער געפינען אַזוינס, וואָס איז אים שוין נאָענט צום האַרצן.

„איך גלייב אין דער מסקנא, אַז קיינער קען נישט גרינט־לעך די Shatras, אויב ער האָט נישט דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין חכמה (ahimsa), אין אמת (satya), אין אַליינבאַ־הערשונג (Brahmacharya) און וואָס האָט זיך נישט אָפּגע־זאָגט פון יעדן פאַרלאַנג צו עשירות".

אָט דאָ קלינגען שוין די ווערטער פונם הינדוס, אַזוי ווי די ווערטער פון נייעם טעסטאַמענט. גאַנדי פאַרלייקנט טאַקע נישט זייער אָפּשטאַמונג. אַ געוויסער ענגלענדער האָט אים געפרעגט, וועלכע ביכער האָבן אויף אים צומיינסט געווירקט? גאַנדי האָט גלייך געענטפערט: „דער נייער טעסטאַמענט"*). זיין בוך Ethi-cal Religion ענדיקט זיך מיט קריסטוסעס ווערטער**).

---

*) 27 פעברואַר 1920. דערנאָך רופט ער אָן דזשאָן רעסקין און לעוו טאָלסטאָי.

**) „זוכט לכתחילה גאָטס מלכות און זיין אמת, און דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך אַליין".

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אַז דער גלויבנדיקער אַזיאַט האָט גרינטלעך באַהערשט גאַנץ טאָלסטאָי*), האָט איבערגעזעצט רעסקינען און פלאַטאָנען**), איז געווען באַגייסטערט פון מאַדזיני, האָט געליינט קאַרפּינטיער, און אַז די בעסערע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע אידייען זענען אים געווען זייער נאָנט.

קיין אויפריכטיקער אייראָפּייער האָט נישט קיין גרונט זיך צו פילן ווייט פון גאַנדיס געדאַנקען. מען דאַרף נאָר וועלן זיך צו זיי דערנענטערן. דעמאָלט וועט ער באַגרייפן דעם הויכן זינען פון די פונקטן פון זיין אני-מאמין, וואָס שרעקן אים אַזוי אָפּ מיט זייער פּאָרב.

דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישן דעם אינדישן און אייראָפּעאישן רעליגיעזן געדאַנק באַשטייט באַזונדערש אין די צוויי פרטים: דער קולט פון דער קו און דאָס קאַסטעס-סיסטעם***).

---

*) אין זיין בראָשור Hind Swaraj ברענגט ער צום סוף אַ רשימה פון זעקס איבערזעצונגען פון טאָלסטאָיען, וואָס ער רעקאָמענדירט צו לעזן: (באַזונדערש: „גאָטס מלכות אין אונז", „וואָס איז אַזוינס קונסט?" און „וואָס זאָלן מיר טון?"). אויף דער פראַגע: ווי אַזוי באַציט איר זיך צו לעוו טאָלסטאָיען? ענטפערט ער (אין Young India 25 אָקט. 1921): „מיטן גרעסטן דרך-ארץ, ווייל איך האָב אים אַ סך צו פאַרדאַנקען". אין נומער פון 10 נאָוועמבער 1920 ברענגט Y. I. טאָלסטאָיס בריוו וועגן די אופנים פון קאַמף קעגן דער רעגירונג.

**) אגב איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז פלאַטאָנס „אַפּאָלאָגיע" און „סאָקראַטעס טויט", וואָס גאַנדי האָט איבערגעזעצט, האָט די רעגירונג פאַרווערט אין 1919.

***) אויף דער געצנדינערײַ לוינט זיך נישט אָפּצושטעלן. „איך פאַרהערלעך זי נישט — שרייבט גאַנדי — נישט מער זי איז אַ טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור". ער האַלט עס פאַר אַ נויטווענדיקייט אין דער מענטשלעכער שוואַכקייט. דער מענטש מוז טיילמאָל זיין אמונה געבן אַ פיזישן אויסזעען, כדי זיך מער אָפּצוגעבן צו איר. איבעריקנס איז עס דאָך נישט מער ווי דאָס, וואָס מיר זעען אין אַלע אונזערע קאַטוילישע קלויסטערס.

נאָר לאָמיר זעען ווי ס׳באַלויכט עס גאַנדי.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז אַפילו ביי אים אַן ערשטקלאַסיקע פראַגע. די השגחה פון דער קו איז דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פונם הינדואיזם. גאַנדי גייט אַפילו אַזוי ווייט, אַז ער זעט אין איר איינס פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל די קו איז דער סימבאָל פון ד ע ר וועלט, איבער וועלכער עס הערשט דער מענטש; מיט אָט דער וועלט שליסט דער מענטש אַ בונד. די קו באַצייכנט „די ברודערשאַפט צווישן מענטש און חיה״. לויט ווי גאַנדי דריקט זיך אויס, „פירט זי אַרויס דעם מענטש אויסער דעם תחום פון זיין וועלט. זי באַשטעטיקט די זעלביקייט פון מענטש מיט אַלעם, וואָס לעבט״. די קו איז דערפאַר אויסגעקליבן פון צווישן אַלע באַשעפענישן, ווייל אין אינדיע איז זי דעם מענטשנס בעסטער חבר און פאַרשאַפט אים אויך פיל פאַרגעניגן. גאַנדי זעט „אין אָט דער שטילער בהמה אַ גאַנצע פּאָעמע פון ליידן״. דער כבוד, וואָס ווערט איר אָפּגעגעבן, טראָגט אָבער אין זיך נישט קיין שום סימנים פון געצנדינערײ. קיינער פאַראורטיילט נישט אַזוי שטרענג די קאַלטע גאָטס-דינסט פון אינדישן פאָלק, ווי גאַנדי. „זי פאָלגט נאָך דעם בלינדן אות און האָט נישט קיין שום געפיל פון רחמנות צו די קלענסטע גאָטס באַשעפענישן״. דער, וואָס האָט נאָר איינמאָל דעם געפיל, וועט זיך שוין קיינמאָל נישט וואונדערן דערויף, וואָס גאַנדי האַלט עס פאַר אַזוי וויכטיק. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די השגחה פון דער קו אין דעם זין ווי עס גיט איר גאַנדי, איז אַ גייסטיקע מתנה פונם הינדואיזם פאַר דער גאַנצער וועלט. ווייל צום ביבלישן „ואהבת לרעך כמוך״, גיט ער צו: „אַלץ וואָס לעבט איז דיין חבר״*).

*) וועגן קולט פון דער קו ז. „Y. I.“ אַרטיקלען פון 16 מערץ, 8 יוני,

די קאַסטעס-סיסטעם איז נאָך שווערער צו באַגרייפן פאַר דעם אייראָפּעאישן געדאַנק (אין דער היינטיקער אייראָפּע, ווייל ווער ווייסט, וואָס ס׳ערוואַרט אונז נאָך ביי דער כלומרשט-דעמאָקראַטישער עוואָלוציע!). ווען איך ברענג גאַנדיס געדאַנקען, ווייל איך נישט האָפן אויף קיין ערפאָלג און פאַרלאַנג כלל נישט, מען זאָל מיט אים מסכים זיין. נאָר זיי ווייזן בולט, אַז דער גלויבן איז אַן אויסדריק פונם געדאַנק וועגן דער גרויסער אחריות, וואָס עס האָט אויף זיך יעדער מענטש.

„איך טראַכט — זאָגט גאַנדי — אַז דאָס געזעץ פון ירושה איז אייביק, און אַז יעדער פרווו עס צו ענדערן וועט זיך נישט איינגעבן... די Varnashrama ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור, און דער הינדואיזם האָט זי געמאַכט פאַר אַ וויסנשאַפט".

ער אָנערקענט פיר קלאַסן: די בראַהאַמאַנער (דער אינטעליגענטער און גייסטיק-אַנטוויקלטער קלאַס), די קשאַטריער (דער מיליטאַריסטישער קלאַס, וואָס פירט גלייכצייטיק אָן מיטן לאַנד), די וואישיער (דאָס סוחרטום) און די שודריער (די אַרבעטער און דינער). ער מאַכט די אַלע קלאַסן אומאָפּהענגיק איינעם פונם אַנדערן. דאָס זענען נאָר פאַרשיידענע געביטן פון לעבן. בלויז התחייבותן — קיין שום פּריווילעגיעס.

ער איז קעגן דעם הינדואיסטישן כלל, אַז אַ מענטש קאָן זיך שטעלן אויף אַ העכערער מדרגה, אָדער אַוועקשטעלן דעם אַנדערן אויף אַ נידעריקערער. „אַלע מענטשן זענען באַשאַפן געוואָרן אויף צו דינען גאָטס יצירה: דער בראַהאַמאַנער מיט זיין קענטעניש, דער קשאַטריער—מיט זיין אָנפירערישן חוש, דער וואישיער

---

4 אויגוסט 1920, 18 מאַי און 6 אָקטאָבער 1921. וועגן די קאַסטעס—8 אָקטאָבער 1920 און 6 אָקטאָבער 1921.

מיט זיין סוחרישער דורכגעטריבנקייט, דער שודריער מיט זיין פיזישער אַרבעט. דאָס הייסט כּלל נישט, אַז דער בראַהמאַנער איז פריי פון פיזישער אַרבעט — נישט מער, זיין געדאַנק איז מער מסוגל צו טעאָרעטישע גריבלענישן. אַזוי גוט ווי עס הייסט נישט, אַז דעם שודריער איז פאַרווערט צו לערנען — ער קאָן מער נוצן מיט זיין פיזישער קראַפט, און ער דאַרף נישט מקנא זיין אַנדערעס באַשעפטיקונג. דער בראַהמאַנער, וואָס וועט אויפן יסוד פון זיין וויסנשאַפטלעכקייט אויך וועלן האָבן מאַכט, קאָן דערפאַר ווערן אויסגעשלאָסן פון זיין קאַסטע, ווייל ער באַהערשט נישט דאָס אמתע וויסן... די Varnashrama איז דורכגעדרונגען מיט דער עקאָנאָמיע פון געזעלשאַפטלעכער עגערגיע און שטיצט זיך אויף דער גערעכטיקער פונאַנדערטיילונג און אויף דעם געזונטן ווילן...”

ווי מיר זעען, שטייט נישט גאַנדי אויפן שטאַנדפונקט פון באַצווינגען. מיר דאַרפן אָבער אויך נישט פאַרגעסן, אַז לויט דעם גלויבן פון גלגול-הנשמות האַלט די נאַטור די גלייכגעוויכט און פאַרוואַנדלט נאָכאַנאַנד פון א בראַהמאַנער אַ שודרא און פאַרקערט.

די פראַגע וועגן די פיר פאַרשיידענע און דאָך גלייכבאַרעכטיקטע קאַסטעס האָט נישט קיין שייכות מיט דער פראַגע וועגן די פאַריער (פאַרשטויסענע, „קרעציקע”). מיר וועלן נאָך שפּעטער זען, מיט וואָס פאַר אַ פלאַם גאַנדי קעמפט קעגן אָט דער סאָציאַלער אומגלייכקייט. דאָס איז איינער פון די ברויזנדסטיקע טיילן פון זיין מוסר. ער האַלט דאָס פאַר אַ חרפה פאַרן הינדואיזם, פאַר אַ פאַרקריפלונג פון דעם אמתן געטלעכן געבאָט — אַ פלעק, פון וועלכן ער ליידט אומערטרעגלעך.

„איך וואָלט בעסער געוואָלט, אַז מען זאָל מיך צושניידן אויף שטיקער — שרייבט ער — איידער זיך צו פאַרלייקענען פון

מיינע געראָדפטע ברידער... איך וויל נישט צוריק אויפשטיין תחית המתים, נאָר אויב עס איז מיר יאָ אַזוי באַשערט, וואָלט איך געוואָלט מגולגל ווערן אין אַ קרעציקן, כדי זיך צו טיילן מיט זייער עלנט און מקריב זיין מיין לעבן פאַר זייער באַפרייונג"*).

ער האָט אַדאָפּטירט אַ קליין מיידעלע פון צווישן די מצורעים. ער רעדט מיט צערטלעכקייט וועגן דעם קליינעם זיבן־יעריקן טייוועלע, וואָס ברענגט אַריין אין זיין שטוב אַ זון, אַ שאָטן.

איך האָב שוין גענוג געוויזן דאָס גרויסע האַרץ, וואָס איז באַהאַלטן אונטער דעם הינדואישן אני־מאמין. דאָס איז — טאָלסטאָי, נאָר צאַרטער, רויקער און אַזוי צו זאָגן — „קריסטלעכער". ווייל טאָלסטאָי איז געווען מער קריסט לויטן באַוואוסטזיין, ווי לויט זיין נאַטור.

גאַנדי האָט אין זיין אָפּשאַצונג וועגן דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע דערוויזן, וואו עס קומען זיך צונויף אָט די ביידע נאַטורן, וואו עס שטעקט מער ווי אומעטום טאָלסטאָיס השפעה.

נאָך פון רוסאָס צייטן אָן האָבן די פריידענקערישע אייראָפּייער פאַראורטיילט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע. דער אויפגעוואַכטער מזרח האָט געשעפּט אַ סך באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן זיינע אונטערדריקער — טאַקע פון אָט די קוועלן. גאַנדי האָט עס פאַרשטאַנען און זיין בוך Hind Swaraj איז פול מיט באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעשריבן דורך כשרע ענגלענדער. דער גרעסטער פאָרוואורף איז געווען דאָס, וואָס די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע האָט אין נאָמען פון די הויכע אידעאַלן פאַרגאָסן בלוט פון די אונטערטעניקע פעלקער. די לעצטע מלחמה, וואָס איז געפירט געוואָרן אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע האָט גלענצענד דערוויזן די ריזיקע צביעות, פאַלשקייט און אַכזריות פאַר

*) 27 אפריל 1921.

די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. אייראָפּעס אומפאַרשעמטקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט גערופן די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער, זיי זאָלן זעען איר אָרעמקייט. זענען זיי געקומען — און געמשפּט.

„די לעצטע מלחמה האָט דערוויזן די טייוולשע*) אייגנ־שאַפטן פון דער ציוויליזאַציע, וואָס הערשט היינט אין אייראָפּע. אַלע ביזאַהער אָנערקענטע געזעצן זענען געוואָרן דורך די זיגער געטרעטן אין נאָמען פון פּראָגרעס. יעדער ליגן איז געכשרט גע־וואָרן. אָבער הינטער אָט די אַלע פאַרברעכנס שטייט דער מגושמ־דיקער מאַטעריעלער ריוח... מען טאָר נישט זאָגן, אַז אייראָפּע איז קריסטלעך, זי דינט צום עגל־הזהב**)...“

אַזעלכע געדאַנקען זענען נישט קיין נייעס פאַר די לעצטע 5 יאָר אין אינדיע און אין יאַפּאַן. נישט אַלע זאָגן עס אַרויס עפנטלעך — אַלע זענען אָבער אין דעם איבערצייגט.

פאַר גאַנדין איז דאָס נישט געווען קיין נייעס שוין מיט העכער 20 יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה. ער האָט דאָס אַלץ שוין פאַרשטאַנען, ווען ער האָט נאָך געוואוינט אין דרום־אַפריקע. און אין זיין Hind Swaraj, אין 1908, רופט ער אָן די גאַנצע ציוויליזאַציע: „אַ גרויסע זינד“.

גאַנדי זאָגט: די ציוויליזאַציע איז נישט מער ווי דער נאָמען. זי איז, לויט אַ אינדישן אויסדרוק, „אַ פינסטערער תהום“. דער מאַטעריעלער וואוילשטאַנד איז ביי איר דער העכסטער באַגער, זי זאָרגט זיך גאָרנישט פאַרן וואוילשטאַנד פון דער נשמה. זי פּייניקט אַראָפּ די אייראָפּייער פון זינען, ווייל זי מאַכט זיי פאַר שקלאַפן פון גאָלד. זי מאַכט זיי אוממעגלעך דאָס רויקע פאַמיליען־לעבן.

---

*) דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט אָפט באַנוצט דורך אים. „די „מצורעים“־פראַגע איז אַן אויסטראַכטעניש פון טייוול“. 9 יולי 1921.

**) 8 סעפּטעמבער 1920.

דאָס איז אַ גיהנום פאַר די, וואָס ווילן אַרבעטן. אָט די טייוולשע ציוויליזאַציע וועט זיך נאָך אַליין אומברענגען.

דער אמתער שונא פון אינדיע זענען נישט די ענגלענדער, נאָר אינדיע אַליין. סוף כל סוף איז יעדער ענגלענדער פערזענלעך נישט קיין אַכזר, נאָר אַ קינד פון דער ציוויליזאַציע. דערפאַר איז גאַנדי קעגן די הינדוסן, וואָס וואָלטן וועלן אַרויסטרייבן די ענגלענדער און אַליין מאַכן אינדיע „ציוויליזירט" אויפן אייראָפּעאישן שטייגער. ער זאָגט, אַז „דאָס וואָלט אויסגעזען ווי אַ פעל פון אַ טיגער אָן אַ טיגער". אָ, ניין. „דער איינציגער דערהויבענער ציל פון אונזער פאָלק איז — אַרויסטרייבן די ציוויליזאַציע גופא פונם גאַנצן מזרח".

באַזונדערש העפטיק קעמפט גאַנדי קעגן דריי מינים מענטשן: ריכטער, דאָקטוירים און לערער.

די שנאה צו די לערער דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן אָפּגעוויינט די הינדוסן פון זייער אייגענער שפּראַך און פון זייער אייגענעם געדאַנקען-גאַנג; זיי פלאַנצן איין אין די קינדער דעם גייסט פון נאַציאָנאַלער ירידה. נאָכמער, זיי אָפּערירן בלויז אויפן שכל; זיי לייגן אינגאַנצן נישט קיין אַכט נישט אויפן געפיל און נישט אויפן כאַראַקטער פונם קינד. אחוץ דעם פאַראַכטן זיי די האַנט-מלאכה. זייער אויסשליסלעך ליטעראַרישע בילדונג איז אַן אמתער פאַרברעכן ביי דעם פאָלק, וואָס ציילט 80% ערד-אַרבעטער און 10% בעלי-מלאכות.

אויך דער באַרוף פון די ריכטער איז אומערלעך. די ריכטער אין אינדיע זענען אַ בלינד געווער אין די הענט פון דער ענגלישער מאַכט. זיי צעפלאַקערן דעם ברודער-קאַמף צווישן די הינדוסן. דאָס איז, מיט איין וואָרט, דער קולט פון די שלעכטע אינסטינקטן, לעגאַליזירט דורכן געזעץ

וואָס איז שייך דאָקטוירים, איז זיך גאַנדי אַפילו מודה, אַז לכתחילה האָט אים צוגעצויגן אָט די באַשעפטיקונג. נאָר ער איז אינגיכן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויך דאָס איז צביעות. די מאָדערנע מעדיצין זוכט מיטלען, ווי צו פאַרלייכטערן די יסורים פון דער קראַנקייט און טוט גאָרנישט, כדי אויסצומיידן די סבות, וואָס זענען גורם צו דער קראַנקייט. נאָכמער, מען קאָן אפילו זאָגן, אַז די מעדיצין טאָלערירט די סבות דערמיט, וואָס זי לאָזט מענטשן לעבן אויך ווייטער אַ שעדלעך לעבן. אַנדערש גערעדט, זי דעמאָראַליזירט דאָס גאַנצע פאָלק, שפּייזנדיק אים מיט שוואַרץ-קינסטלערישע*) רפואות, וואָס געוויינען אים אָפּ פון דער העלדישקייט פון גייסט און פון קערפּער.

אָט דער דאָזיקער פאַלשער מעדיצין, וועגן וועלכער גאַנדי רעדט מיט אַזאַ צאָרן, שטעלט ער אַנטקעגן אַן אַנדערע מעדיצין — פון היילן די סבות, וואָס זענען גורם צו די קראַנקייטן. ער האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ קליינע בראָשור A Guide to Health, „דער וועג-ווייזער פון געזונט". דאָס איז אַ רעזולטאַט פון 20-יעריקער ערפאַרונג. דאָרט רעדט ער נישט נאָר וועגן דער מעדיצין אַליין, נאָר אויך וועגן דער אויפפירונג בכלל. ער האַלט, אַז „די קראַנקייט איז אַ רעזולטאַט נישט נאָר פון אונזערע מעשים נאָר אויך פון אונזערע געדאַנקען". ער האָט דערצו זייער אַ פשוט מיטל: „אַלע קראַנקייטן נעמען זיך פון איין סבה: מ'ר ערפילן נישט די עלעמענטאַרסטע כללים פון געזונט. אונזער קערפּער איז גאָטס וואוינונג — מיר מוזן אים האַלטן ריין". די

*) מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פאַר איינער פון די שווערסטע באַשול-דיקונגען קעגן דער אייראָפּעאישער מעדיצין האַלט גאַנדי דאָס שניידן די קער-פּערס לעבעדיקערהייט (די אָפּעראַציעס), „אָט דעם שווערסטן חטא פונם מענטשן".

בראָשור איז געשריבן אין אַ שטרענג-ערנסטן טאָן*).

דאָס האַרץ פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע איז די מאַשין. דאָס האַרץ איז אייזערן, ווייל דאָס יאָרהונדערט איז אייזערן. די מאַשין איז אַן אויסטערלישער אָפּגאָט. מען מוז זי באַזיגן. גאַנדיס פּלאַמענדיקער פאַרלאַנג איז — אַרויסטרייבן די היינטיקע מעכאַניזאַציע פון אינדיע. ער טרעט העפטיק אַרויס קעגן די, וואָס ווילן זיך באַנוגענען בלויז מיטן אַרויסטרייבן די ענגלענדער, און איבערלאָזן די ענגלישע מעכאַניזאַציע. און ער זאָגט איראָניש:

„בעסער צו קויפן מאַנטשעסטערישע לייוונט, איידער צו בויען אין אינדיע אַ מאַנטשעסטער. דער אינדישער ראָקפעלער וועט נישט זיין בעסער פון אַן אַנדערן. די מאַשין איז אַ גרויסע זינד, ווייל זי פאַרשקלאַפט די פעלקער... און דאָס געלד איז די זעלבע עבירה, ווי צו גליסטן צום חברס ווייב“...

טאָ וואָס וועט זיין מיט אינדיע אָן אייזנבאַנען, טראַמווייען, אָן דער אינדוסטרי? — פרעגן די הינדוסן, וואָס זענען אָנגעשטעקט מיט דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. און גאַנדי ענטפערט: צי דען האָט אינדיע פריער נישט עקזיסטירט?

„...אָט איז שוין טויזנטער יאָרן, ווי פאַרשיידענע מלוכות ווערן באַשאַפן און גייען אונטער — און אינדיע אַליין שטייט פעלזן-פעסט. אַלץ איז פאַרשוואונדן, נאָר איין אינדיע האָט דורך טויזנטער יאָרן אויפגעהאַלטן זיך, און דעם סוד פון איר גליק. אינדיע דאַרף זיך נישט אין דעם זיבעטן לערנען ביי אַנדערע. זי האָט נישט געוואָלט נישט קיין מאַשינען, נישט קיין גרויסע שטעט. דער פּאַרצייטישער אַקער-אייזן, דאָס שפּינראָד,

*) באַזונדערש וואָס איז שייך דער געשלעכטס-פראַגע. זיין שטרענגקייט אין דעם פּרט דערמאָנט אונז אָן אַפּאָסטאָל פּאַול.

די פאַרצייטישע דערציונג — דאָס אַלץ האָט געשיצט אינדיעס חכמה און גליק. מיר מוזן זיך אומקערן צו דער אַמאָליקער פשטות. פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, געדולדיק. זאָל יעדער ווייזן דערפון אַ ביישפיל"*)...

*

אָט דאָס איז דער יסוד פון זיין וועלט-אַנשויאונג. זי איז אומגעהייער וויכטיק. ער אָנערקענט נישט אינגאַנצן דעם פראָגרעס און די אייראָפעאישע וויסנשאַפט**). אַזאַ מיטלאַלטערלעכע אַנשויאונג איז עלול צעשלאָגן צו ווערן דורך דער וואולקאַנישער לאַווע פון מענטשלעכן גייסט, וואָס גייט מיט ריזן-שריט פאָרויס. עס וואָלט געווען בעסער צו זאָגן: נישט „דעם מענטשלעכן גייסט" בכלל, נאָר אַ מענטשלעכן גייסט. ווייל ס'איז מעגלעך דער גלויבן (און איך גלייב אין דעם) אין דער סימבאָלישער אייניקייט פון קאָסמישן גייסט, צו וועלכן עס פירן די פאַרשיידענע וועגן פון אַלע אמונות. אויך אונזער אייראָפּע, געטריבן פון איר אייגענעם ריטם, פאַרגעסט טיילמאָל, אַז נישט תמיד האָט איר געקלונגען איר סימפאָניע, אַז דער וועג צום פראָגרעס איז אויך אַסך מאָל נוטה געווען צו פאַרטונקעלונגען, צו צוריקגיין. די געשיכטע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע איז אייגנטלעך די געשיכטע

---

*) Hind Swaraj.

**) ער פאַרלייקנט אָבער נישט די שטרענג-וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און די וויסנשאַפטלעכע אויספירן. ער באַציט זיך מיט גרויס יראת־הכבוד צו דער מסירת־נפש און עקשנות, מיט וועלכע ס'אַרבעטן די אייראָפּעאישע געלערטע; טיילמאָל שטעלט ער זיי אפילו העכער פון די גלייבנדיקע הינדוסן. ער האָט דרך־ארץ פאַרן אייראָפּעאישן גייסט; ער טאַדלט אָבער דעם וועג, אויף וועלכן ער גייט.

דאָך איז זיין שנאה זייער גרויס. און ווי מיר וועלן שפּעטער זען טרעט טאַגאָרע העפטיק אַרויס קעגן גאַנדיס מיטלעלטערלעכע אַנשויאונג.

פון ציוויליזאַציעס בכלל. אין יעדער ציוויליזאַציע קאָנען מיר אויסטיילן אַ געוויסן פּראָגרעס — אַ כאַאָטישן, זיגזאַגישן. דעריבער קאָן מען נישט זאָגן, אַז דער פּראָגרעס שליסט זיך איין אין דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציע.

מיר ווילן אָבער דאָ נישט ברייט אַרומרעדן די פראַגע פון אייראָפּעאישן פּראָגרעס. מיר דאַרפן וויסן, אַז הגם אַלע היינטצייטיקע באַוועגונגען זיינען אין אַ בולטער סתירה צו גאַנדיס אידעאָלאָגיע, דאָך שרעקט עס אים נישט אָפּ אויף אַ האָר. אַנדערש וואָלטן מיר שלעכט פאַרשטאַנען די נשמה פון מזרח. גאָבינאָ זאָגט, אַז „די אַזיאַטן זענען אַסך גרעסערע עקשנים ווי מיר. זיי וואַרטן גאַנצע יאָרהונדערטער, ווען דאָס איז נויטיק, און זייערע אידייען זענען נאָך אַזאַ לאַנגער הינערפלעט נישט פאַרעלטערט". יאָרהונדערטער שרעקן נישט אָפּ דעם הינדוס. גאַנדי רעכנט אויף זיין נצחון נאָך יאָרצענדליקער. ער איז אָבער אויך גרייט צו וואַרטן יאָרהונדערטער. ער פאַרגוואַלדיקט נישט די צייט. ווען זי פאַרשפּעטיקט זיך, פאַרשפּעטיקט ער מיט איר. דעריבער, ווען ער זעט אין משך פון זיין טעטיקייט, אַז אינדיע איז נאָך נישט גענוג צוגעגרייט צו באַנעמען און פאַרווירקלעכן זיינע עקסטרעמע רעפאָרמען, באַמיט ער זיך זיי צוצופּאַסן צו די רעאַלע באַדערפעניש. עס דאַרפן דעריבער נישט וואונדערן די רייד, וואָס אָט דער פאַרביסענער שונא פון דער מעכאַנישער קולטור האָט געזאָגט אין 1921:

„איך וואָלט נישט באַוויינט דאָס אונטערברעגנגען די מאַשינען, דאָך האָב איך (היינט צו טאָג) גאָר נישט קעגן די מאַשינען, אַן און פאַר זיך*)...".

אָדער: „דאָס געזעץ פון פולשטענדיקער ליבע איז דאָס גע-

*) 19 יאַנואַר 1921.

זעץ פון מיין עקזיסטענץ. דאָך וואָלט איך נישט איינגעפירט אָט דאָס דאָזיקע אומבאַדינקטע געזעץ מיט צוואַנג-מיטלען... דאָס וואָלט געהייסן זיך מיט אַמאָל פאַרמשפטן אויף אומערפאָלג. וואַרטן, אָבער, ביז דאָס פאָלק וועט אַליין דערגיין צו אָט דעם געזעץ — וואָלט געווען נישט לאָגיש*)... איך בין נישט קיין טרוימער, איך וויל נאָר זיין אַ פּראַקטישער אידעאַליסט"**).

דער אויספיר איז קלאָר: ער פאָדערט קיינמאָל נישט פון די מענטשן מער, ווי זיי קאָנען געבן. ער פאָדערט אָבער פון זיי אַלץ, וואָס זיי קאָנען יאָ געבן. דאָס הייסט געפאָדערט זייער אַ סך, בפרט ווען מיר רעדן וועגן אַזאַ פאָלק ווי די הינדוסן — אַ פאָלק וואָס איבערראַשט מיט זיין צאָל***), מיט זיין אייביקייט און מיט זיין גייסט.

באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש צווישן גאַנדי און זיין פאָלק איז צווישן זיי געשלאָסן געוואָרן אַ שטומער הסכם. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק דערקענט אָן ווערטער. גאַנדי ווייסט, וואָס מען קאָן פאַרלאַנגען פון זיין פאָלק, און דאָס פאָלק ווייסט, וואָס גאַנדי וועט פון אים פאַרלאַנגען.

קודם-כל ווערט געשלאָסן אַ פאָרמעלער אָפּמאַך: Swaraj****).

„איך ווייס — שרייבט גאַנדי — אַז דער ציל פון מיין פאָלק איז דער סוואַראַדזש, און נישט דער אומוידערשטאַנד". און ער דערגייט אַזוי וויט, אַז ער זאָגט די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס קלינגען אויסטערליש אין זיין מויל:

„איך וואָלט ליבערשט געוואָלט זען אינדיע, באַפרייט דורך

---

*) 9 מערץ 1921.

**) 11 אויגוסט 1920.

***) אַ פינפטע טייל פון די מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט.

****) בוכשטעבלעך: סווא — אַליין, ראַדזש — פאַרוואַלטונג. זעלבסט-פאַרוואַלטונג, אויטאָנאָמיע.

געוואַלט, איידער אַ פאַרשקלאַפטע, געשמידט דורך דער געוואַלט פון די פרעמדע מושלים".

ער גיט אָבער באַלד צו, אַז יעצט איז עס אוממעגלעך אויסצופירן. די געוואַלט קאָן נישט באַפרייען אינדיע; דער סוואַ-ראַדזש קאָן דערגרייכט ווערן רק מיטן כח פון גייסט. נאָר ער איז אינדיעס אמתער כלי-זין: דער כח פון אמת—סאַטיאַגראַהאַ*). גאַנדיס אומשטערבלעכער פאַרדינסט באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס ער האָט אַנטדעקט אין זיין פאָלק זיין אמתע נאַטור און זיין באַהאַלטענעם כח.

דעם אויסדריק סאַטיאַגראַהאַ האָט גאַנדי אויסגעקלערט אין דרום-אַפריקע, כדי אונטערצושיידן זיין טעטיקייט פון פאַסיוון ווידערשטאַנד. עס מוז באַזונדערש אונטערגעשטראָכן ווערן אָט דער אונטערשייד, ווייל אין אייראָפּע באַצייכנט מען די גאַנדי-באַוועגונג אַלס אַ „פאַסיוון ווידערשטאַנד". ס'קאָן נישט געמאָלט זיין קיין גרעסערער טעות. קיין שום מענטש אויף דער וועלט פילט נישט צו פאַסיווקייט אַזאַ עקל, ווי אָט דער אומדערשראָקענער קעמפער, איינער פון די מוטיקסטע „ווידערשטענדיקע". די נשמה פון דער באַוועגונג איז דער אַקטיווער ווידערשטאַנד מיט דער פלאַמענדיקער קראַפט פון ליבשאַפט, גלויבן און מסירת-נפש. דאָס וואָרט סאַטיאַ-גראַהאַ איז אין זיך כולל טאַקע אָט דעם דרייפאַכיקן כח.

זאָל זיך קיין איין פחדן נישט באַהאַלטן הינטער גאַנדיס פּלייצעס! גאַנדי וועט אַזאַ איינעם אַרויסטרייבן פון זיין געזעל-

*) בוכשטעבלעך: סאַטי — גערעכטיק, אַגראַהאַ — מעשים. גערעכ-טיקע האַנדלונג. באַזונדערש ווערט דער אויסדרוק אָנגעווענדעט בנוגע צום פּערלייקענען פון דער אומגערעכטיקייט. גאַנדי באַצייכנט עס (5 נאָוועמבער 1919) אַלס „באַשטיין אויפן אמת", „דער כח פון גייסטיקן אמת" און לסוף ווי „דער נצחון פון אמת דורך דעם כח פון דער נשמה און פון ליבע".

שטַפּט, בעסער איינער וואָס באַגייט געוואַלט, איידער א פּחדן!

דאָרט וואו עס קומט אויס אויסצוקלייבן צווישן געוואַלט און פּחדנות, וואָלט איך געראָטן געוואַלט..*) איך ראַט אַ רויקן העלדישן טויט, נישט טייטנדיק קיינעם. דער, אָבער, וואָס פאַרמאָגט נישט די העלדישקייט, זאָל בעסער הרגענען אַנדערע און אַליין געהרגעט ווערן, איידער אַנטלויפן פון דער סכנה. ווייל דער וואס אַנטלויפט, באַגייט אין געדאַנק אַ געוואַלט-טאַט: ער אַנטלויפט, ווייל ער פאַרמאָגט נישט די העלדישקייט, דערהרגענדיק יענעם, אַליין געהרגעט צו ווערן...**) די געוואַלט איז טויזנט מאָל בעסער, ווי איידער דאס גאַנצע פאָלק זאָל אליין זיך לאָזן פאַרקנעכטן...***) איך וואָלט אָן אַן ערך בעסער געוואָלט זעען, ווי גאַנץ אינדיע נעמט זיך צום געווער, כדי צו פאַרטיידיקן איר כבוד — איידער זי זאָל זיין אַ פּחדנותדיקער עדות פון איר אייגענער שאַנד"****).

„איך גלייב אָבער - גיט ער צו — אַז דער אומווידערשטאַנד איז אַ סך העכער ווי די געוואַלט, אַז מוחל זיין איז אַסך העלדישער ווי צו באַשטראָפן. די פאַרגעבונג איז די באַצירונג פון קעמפנדיקן. נישט באַשטראָפן הייסט אָבער פאַרגעבן נאָר דעמאָלט, ווען

---

*) 11 אויגוסט 1920.

**) 20 אָקטאָבער 1921

***) 4 אויגוסט 1920.

****) 11 אויגוסט 1920. איינס פון די פאָדערונגען פון דער סאַטיאַ-גראַהאַ-שולע, אַשראַם, וואָס גאַנדי האָט געגרינדעט, באַשטייט אין דער אומ-דערשראָקנקייט. „די נשמה זאָל זיין פריי פון מורא פאַר הערשער, קאַסטעס, פעלקער, מענטשן און ווילדע חיות, און אפילו פאַרן טויט".

די אומדערשראָקנקייט איז אויך אין Hind Sw. דער פערטער באַדינג פון ווידערשטאַנד אָן געוואַלט. (די איבעריקע דריי זענען — חכמה, אָרעמקייט און ערלעכקייט).

ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו באַשטראָפן. מחילה האָט, פאַרשטייט זיך, נישט קיין זין דעמאָלט, ווען מ'איז אומעטעכטיק... הונדערט טויזנט ענגלענדער קאָנען נישט אָפּשרעקן 300 מיליאָן נפשות... איבעריקנס, באַשטייט נישט די קראַפט אין פיזישע מיטלען, נאָר אינם עקשנות-דיקן ווילן... אומווידערשטאַנד הייסט נאָך נישט, אַז מען גיט זיך בכיוון אונטער דעם שלעכטס. אומווידערשטאַנד איז דאָס אַנטקעגנ-שטעלן זיך דעם ווילן פון טיראַן. אין דעם פאַל קאָן איין מענטש אויפשטיין קעגן דעם ענגלישן קעניגרייך און גורם זיין צו זיין פאַלן..."

אָבער מיט וועלכן פּרייז? מיטן פּרייז פון אייגענע ליידן. די ליידן זענען דאָס גרויסע געזעץ... דאָס איז „דער סימן פון דער מענטשהייט*)... דער אומבאַדינגטער תּנאי פון עקזיסטענץ. דאָס לעבן אַנטשטייט פונעם טויט. כּדי דער ווייץ זאָל וואַקסן, מוז אונטערגיין דאָס קערנדל. קיין מענטש האָט זיך נאָך נישט דער-הויבן, אויב ער איז פריער נישט אַדורך דורך דעם לייטער-פייער פון יסורים... קיינער קאָן עס נישט אויסמייַדן... די פּאָלקאָמענהייט באַשטייט נאָר אינם רייניקן די ליידן — נישט אָנטוענדיק דערביי קיינעם קיין יסורים. וואָס רייַנער ס'זענען די ליידן, אַלץ גרעסער איז די פאָלקאָמענהייט**)... דער אומווידערשטאַנד באַטייט באַוואוסט-זיניקע ליידן... איך האָב מיך אַנטשלאָסן צו געבן אינדיע דעם אַלטן געבאָט פון מסירת-נפש. דעם געבאָט פון ליידן. די רי-שיס, וואָס האָבן אין דער תּקופה פון די גרעסטע געוואַלטטאַטן געפּרעדיקט דעם געבאָט פון אומווידערשטאַנד — זענען גרעסערע זשעניען פון ניוטאָנען, און גרעסערע העלדן פון וועלינגטאָנען. זיי האָבן דערוויזן די אומנוצלעכקייט פון געווער... די רעליגיע

*) 9 מערץ 1920.

**) 16 יוני 1920.

פון אומווידערשטאַנד גילט נישט בלויז פאַר הייליקע און נזירים; זי איז פאַר יעדן געוויינלעכן מענטש. זי איז אונזער געזעץ, אזוי גוט ווי דאָס געזעץ פון דער חיה איז געוואַלט. אין דער חיה שלאָפט דער גייסט. דער מענטשלעכער כבוד פאָדערט אַ העכער געזעץ: דעם כח פונם גייסט... איך זע, אַז אינדיע פירט אויס דאָס געזעץ; איך וויל, אַז זי זאָל זיין איבערצייגט אין איר כח. זי האָט אַ נשמה, וואָס קאָן קיינמאָל נישט אונטערגיין. אָט די נשמה קאָן זיך אייביק דערהאַלטן, נישט געקוקט אויף אַלע שטרויכלונגען פון דער גאַנצער וועלט*)".

הויכע שטאָלצקייט! זיין שטאָלצע ליבע צו אינדיע פאָדערט, אַז זי זאָל אָפוואַרפן די געוואַלט און זיך ברענגען פאַר אַ קרבן. דער אומווידערשטאַנד איז דער סימן פון איר הערלעכ־קייט. ווען זי זאָל זיך אָפזאָגן דערפון, וואָלט עס באַטייט איר ירידה. ער וויל אָבער אפילו דעם געדאַנק צו זיך נישט צולאָזן:

„אויב אינדיע וואָלט באַגאַנגען געוואַלט אין נאָמען פון איר אמונה, וואָלט איך מער אין אינדיע נישט געבליבן. איך וואָלט שוין מער נישט געקאָנט שטאָלץ זיין מיט מיין לאַנד. מיין פאַטריאָטיזם איז אונטערגעאָרדנט דער אמונה. איך האַלט זיך אָן אינדיע, ווי אַ קינד אָן זיין מוטערס ברוסט, מחמת איך פיל, ווי זי גיט מיר מיין נויטווענדיקע גייסטיקע שפּייז. ווען די שפּייז וואָלט מער שוין נישט געווען, וואָלט איך עבלעך געווען צו אַ יתום... איך וואָלט אַנטלאָפן אין די וויסטענישן פון די הימאַלייען, כדי דאָרט צו פאַרבאָרגן מיין בלוטנדיקע נשמה**)..."

---

*) 11 אויגוסט 1920.

**) 6 אַפּריל 1921.

•

•

ער צווייפלט אָבער נישט. ער גלייבט אין אינדיע, ווען ער באַשליסט (אין פעברואַר 1919) אָנצוהייבן די סאַטיאַגראַהאַ־באַ־וועגונג, פון דער אַרמיי, וועמענס מאַכט ער האָט שוין אויס־געפּרוווט בשעת דער אַגראַר־באַוועגונג אין 1918 יאָר.

קיין שום סימן פון פּאָליטיק. גאַנדי איז נאָך אַלץ לאָיאַל. ער איז דאָס אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער גלייבט נאָך אין ענג־לאַנדס גוטע כוונות. ביז יאַנואַר 1920 פאַרטיידיקט ער נאָך דעם פּרינציפּ פון מיטאַרבעט מיט ענגלאַנד. אגב האט ער באַקומען ביטערע פאָרוואורפן מצד די אינדישע נאציאָנאַליסטן*). ער איז פעסט איבערצייגט אין אט דער מיטאַרבעט. אין ערשטן יאר פון זיין אפּאזיציע צו דער אינדישער רעגירונג באַמיט ער זיך מיט אַלע כחות איבערצוצייגן דעם לארד הונטער, אַז די אנהענגער פון סאַטיאַגראַהאַ זענען די בעסטע אונטערטאַנען פון דער רעגירונג. מען האט ווירקלעך געדאַרפט אַ בלינדע עקשנות פון דער ענגלישער רעגירונג אין אינדיע, כדי צו דערלאזן, אַז איר גייסטיקער פירער זאל איבעררייסן אַלע פע־דעם מיטן קעניגרייך, וועלכן ער האט געטרויט.

אויף אַזאַ אופן איז סאַטיאַגראַהאַ תחילת געווען אַ קאָנ־

---

*) עטלעכע חדשים פאר זיין ארעסט ענטפערט ער אויף די שאַרפע פאַר־וואורפן, אַז זיין אויפפירונג איז „נישט אויסגעהאַלטן". מען דערמאָנט אים איראָניש זייבע גרויסע לייסטונגען, וואָס ער האָט געבראַכט לטובת ענגלאַנד אין די פאַר־שיידענע צייטן. ער לייקנט אָבער גאָרנישט. צום סוף זאָגט ער: איך האָב גע־האַט אויפריכטיקע כוונות; איך האָב נאָך געגלייבט אין ענגלאַנדס דאַנקבאַרקייט אַזוי לאַנג ווי כ'האָב געקאָנט. די רעגירונג האָט אָבער מיין צוטרוי אַליין צעריג־טערגעריסן. זאָל די שולד פאַלן אויף איר (15 נאָוועמבער 1921).

סטיטוציאָנעלע אָפּאָזיציע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דער רעגירונג אירע באַשיידענע פאָדערונגען. די רעגירונג האט אבער אנגענומען אַן אומגערעכטן געזעץ. די סאַטיאַגראַהאַ-אנהענגער, וואס פלעגן זיך אַלע מאָל אונטערוואַרפן אַלע געזעצן, גיבן זיך דאָס מאָל נישט אונטער, ווייל זיי האַלטן אים פאַר אַ באַליידיקונג. און מחמת דאָס איז נישט גענוג, כדי איינצופירן גערעכטיקייט, נעמען זיי זיך דאָס רעכט צו פאַרשפרייטן זייער דעה אויף אַלע איבעריקע געזעצן — אפילו ביז צום ענדגילטיקן איבעררייסן מיטן קעניגרייך. אָבער אויף וויפל איז אָט דער פראָטעסט נישט ענלעך צו אַלע איבעריקע, וועגן וועלכער מיר דאָ אין אייראָפּע זענען געוואוינט צו הערן! וואָסער אומגעוויינלעכער אויפברויז פון רעליגיעזער העלדישקייט!

אַזוי ווי די סאַטיאגראהא פאַרווערט צו געברויכן געוואַלט לגבי דעם געגנער (ווייל מען מוז אננעמען, אַז דער געגנער איז אויך גערעכט; וואס ווייזט זיך איינעם אויס פאַר אמת, קאן ביים אַנדערן הייסן אַ טעות, און די געוואַלט פירט צו גאָרנישט*) — מוזן די אָנהענגער פון סאַטיאגראהא שטרעבן דערצו, אַז ס'זאל זיין אַן איינשטימיקייט. זיי דאַרפן זיך מיט ליבשאַפט באַציען צום שונא, ווייזן איב, מיט וואס פאַר אַ לייכטקייט און שמחה זיי טראגן דעם יאָך פון זייער פאַרשקלאַפונג**). דאס איז די פּראפּאַגאַנדע,

*) להיפך, זי פאַרערגערט נאָך. זי דערנידעריקט דעם, וואָס באַנוצט זיך מיט איר. די געוואַלט פון דער קאָאַליציע קעגן דייטשלאַנד, זאָגט גאַנדי, האָט איר געבראַכט צו דער מדרגה פון דעם זעלבן דייטשלאַנד, וואָס זי האָט אין אָנהייב פון דער מלחמה אַזוי פאַרשריגן (9 יוני 1920).

**) „ווי קאַלט ס'זאָל נישט זיין די נאַטור, מוז זי אָבער צעגיין אין פלאַם פון דער ליבע. אויב נישט, הייסט עס, אַז דער פלאַם איז נישט גענוג גרויס" (9 מערץ 1920). די אָנהענגער פון סאַטיאַגראַהאַ זענען זיך מאַסנווייז מתחייב

קעגן וועלכער ס'איז אוממעגלעך בייצושטיין. אַ דאַנק איר האָט קריסטוס מיט זיין קליינער עדה איינגענומען רוים.

פדי צו פארפעסטיקן דעם ריינעם גייסט פון אָט דער באַוועגונג צווישן פאָלק, וואָס ברענגט זיך פאַר אַ קרבן פאַרן אייביקן וואוילזיין, האָט דער מאַהאַטמאַ אָנגעהויבן זיין קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט*) דערמיט, וואָס ער האָט דעם זעקסטן אַפּריל 1919 יאָר ערקלערט פאַר אַ טאָג פון תפילות און תענתים, אַ טאָג פון Hartal**) פאַר גאַנץ אינדיע. דאָס איז געווען זיין ערשטער שריט.

און אָט דער שריט האָט אָנגערירט דעם טיפסטן באַוואוסט-זיין פונם פאָלק. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אומגעהייערער. צום ערשטן מאָל האָבן זיך אַלע שטאַנדן פאַראייניקט אין איין באַגייסטערטן אָטעם. אינדיע האָט זיך צוריק געפונען.

אין גאַנצן לאַנד האָט געהערשט פולשטענדיקע רו. נאָר אין דעלהי זענען פאָרגעקומען עטלעכע צוזאַמענשטויסן***). גאַנדי לאָזט זיך גלייך אַהין, כדי צו דערמאָנען דעם פאָלק זיין חוב. די מאַכט פאַרהאַלט אים אָבער אין מיטן וועג און שיקט אים אַוועק מיטן עטאַפּ קיין באָמביי. די ידיעה וועגן זיין אַרעסט האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם, און אין פענדזשאַב זענען אפילו

ניש אונטערגעהאַלטן די שלעכטע געזעצן, וואָס דער סאַטיאַגראַהאַ-קאָמיטעט וועט צונעמען, זיין אין די וועגן פון אמת און נישט באַגיין קיין געוואַלט — נישט אַנטקעגן מענטשן, נישט אַנטקעגן דעם לעבן און נישט אַנטקעגן זיך אליין.

*) 23 מערץ 1919.

**) דאָס וואָרט שטאַמט פון אַראַביש. עס באַטייט: איבעררייס פון דער אַרבעט.

***) אגב האָט זיך דעלהי פּועה געווען אין טערמין. דאָרט האָט מען דעם האַרטאַל אָפּגעריכט שוין דעם 30 מערץ.

פֿאַרגעקומען אומרוען. אין אַמריטזאַר זענען עטלעכע הינדוסן דערמאָרדעט געוואָרן און אַ סך האָט מען אַרעסטירט. דער גענעראַל דייער איז אָנגעקומען אין דער נאַכט אויפֿן 11־טן אַפּריל און פֿאַרנומען די שטאָט מיט זיינע חילות, און די אָרדענונג איז צוריקגעשטעלט געוואָרן. דער 13־טער אַפּריל איז געווען אַ טאָג פֿון הינדוסטאַנישן גרויסן יום־טוב. דער המון, דערונטער אַ סך פֿרויען און קינדער, האָט זיך צונויפֿגעקליבן אויפֿן פּלאַץ דזשאַליאַנוואַלאַ באַה. ס׳איז געווען פֿולשטענדיק רויִק. אַ נאַכט פֿריִער האָט דער גענעראַל דייער פֿאַרווערט אַלע מיטינגען. קיינער האָט אָבער דערפֿון נישט געוואוסט. דער גענעראַל איז אָנגעקומען מיט באַוואָפֿנטע כּוחות אויפֿן פּלאַץ. קיין שום וואָרענונג. אין אַ האַלבער מינוט נאָך זיין אנקומען האָט דאָס מיליטער אָנגעהויבן צו שיסן אין דעם אומבאַוואָפֿנטן המון. דאָס האָט געדויערט 10 מינוט, ביז וואַנען ס׳זענען אויסגעגאַנגען אַלע קוילן. קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן איז נישט געווען, ווייל דאָס אָרט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער. פֿון 500 ביז 600 הינדוסן זענען געהרגעט געוואָרן, פֿאַרוואונדעט — אַ סך מער. קיין שום מעגלעכקייט פֿון ראַטעווען די פֿאַרוואונדעטע איז נישט געווען. אין לאַנד איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד. אַ מוראדיקער טעראָר האָט געבושעוועט אין פּענדזשאַב. פֿון אַעראָפּלאַנען האָט מען געוואָרפֿן באָמבעס אויף די אומבאַוואָפֿנטע איינוואוינער. די חשובֿסטע שטאָט־בירגער זענען געמשפּט געוואָרן דורך שטאַנדגעריכטן, געשלאָגן און דערנידעריקט געוואָרן... מען קאָן זאָגן, אַז עפּעס אַ ווילדער שגעון האָט אַרומגעכאַפּט די ענגלישע מאַכט. דווקא דער אומווידערשטאַנד, וואָס אינדיע האָט פּראָקלאַמירט, האָט אויפֿגערייצט די ענגלענדער און זיי דערפֿירט צו אומגלויבלעכע געוואַלט־טאַטן. גאַנדי האָט וועגן דעם געוואוסט פֿאָרויס. ער האָט דאָך נישט צוגעזאָגט דעם

פאָלק, אַז עס וועט זיגן אָן אַ קאַמף. ער האָט דאָך אים פּאָרויס־געזאָגט, אַז זיין וועג וועט זיין אַ בלוטיקער. און דער טאָג פון דשאַללי אנוואללא באַה איז פאַר אים געוואָרן דער טאָג פון לייטערונג.

„...מיר דאַרפן זיין גרייט דערצו, אַז מיר זאָלן גלייכגילטיק קוקן נישט נאָר אויף טויזנט אומשולדיק־געטייטע מענער און פרויען, נאָר אויף אַ סך און אַ סך טויזנטער, ביז וואַנען אינדיע וועט זיך דערהייבן צו איר מדרגה... זאָל זיך יעדער צוגעוויינען צו קוקן אויפן טויט אויף דער תליה, ווי אויף אַ געוויינלעכע זאַך אין לעבן...*)"

דער מלחמה־צענזור האָט זיך איינגעגעבן, אַז די אַלע גרוילן פון פּענדזשאַב זאָלן בלייבן אין געהיים אין משך פון עטלעכע חדשים**). נאָר ווען אין לאַנד זענען דערהאַלטן געוואָרן די ערשטע ידיעות וועגן דעם, האָט אינדיע זיך אויפגע־טרייסלט. אפילו אין ענגלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג. עס איז באַשטימט געוואָרן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אונטערן פאָרזיץ פון זעלבן לאָרד הונטער. דער אינדישער נאַציאָ־נאַלער קאָנגרעס איז פון זיין זייט אויך צוגעשטאַנען דערצו.

די אויפגאַבע פון דער רעגירונג איז אייגנטלעך געווען (אַלע אויפריכטיקע ענגלענדער האָבן דאָס פאַרשטאַנען)—צו באַשטראָפן די שולדיקע אינם טעראָר אין אמריטזאַר. גאַנדי האָט אַפילו דאָס אויך נישט געוואָלט. אין זיין גרויסמוטיקער מעסיקייט האָט ער אַפילו נישט פאַרלאַנגט צו באַשטראָפן דעם גענעראַל דייער און די איבעריקע שולדיקע אָפיצירן, הגם ער האָס זיי שאַרף געטאַדלט

---

*) 5 אַפּריל 1920.

**) פון זיין זייט האָט גאַנדי דעם 18 אַפּריל 1919 אָפּגעשטעלט די באַ־וועגונג, כדי איינצושטילן די אויפרעגונג—אָנשטאָט עס אויסצונוצן, ווי ס'וואָלט עס געטון יעדער רעוואָלוציאָנער.

מיט ווערטער. נישט קיין נקמה האָט ער געוואָלט. ער האָט אויף זיי קיין שום האַס נישט געהאַט. „קיין מטורף קאָן מען נישט האַסן. מען דאַרף נאָר אים מאַכן אומשעדלעך פאַרן כלל...״ דער־פאַר האָט ער געפאָדערט נאָר דייערס דימיסיע. און ווידער איז ער ביטער אַנטוישט געוואָרן... נאָך איידער ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן די אויספאָרשונג, האָט די אינדישע רעגירונג געאײַלט זיך אַדורכצופירן דעם אַזוי גערופענעם באַלוינונגס־געזעץ. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז די פאַרברעכערישע אָפיצירן זענען נישט נאָר נישט באַשטראָפט געוואָרן, נאָר אפילו באַלוינט געוואָרן.

אין דער זעלביקער צייט איז געשען נאָך אַ שרעקלעכער פאַקט: די ענגלישע מאַכט האָט מיט איר חילול־הקודש לגבי די מחמדאַנער אינגאַנצן אונטערגעבראָכן ביי זיי דעם גלויבן צו די אייראָפייער — און דערפירט צו אַ פרישן בונט.

די אייראָפּעאישע מלחמה האָט די אינדישע מחמדאַנער געשטעלט פאַר אַ שווערן געוויסן־געראַנגל. דער ראש פון דער אמונה, דער קאַליף, האָט זיך געפונען אין טערקיי. אַלס ענגלישע אונטערטעניקע האָבן זיי געמוזט קעמפן מיט ענגלאַנד קעגן טער־קיי. עס איז זיי דעריבער זייער שווער געווען צו אַנטשליסן זיך; זיי זענען צוגעשטאַנען צו ענגלאַנד נאָר דעמאָלט, ווען זי האָט זיי צוגעזאָגט צו לאָזן זעלבשטענדיק דעם סולטאַן און דעם קאַליף. די מחמדאַנער האָבן געפאָדערט, אַז אויך די גאַנצע אייראָפּעאישע טערקיי זאָל בלייבן פאַר די טערקן; אַז דער סולטאַן זאָל האָבן דאָס רעכט פון קאָנטראָל איבער די הייליקע ערטער, און אַז ער זאָל בלייבן הערשער אויך איבער אַראַביע, סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע און פאַלעסטינע. לאָיד דזשאָרדזש און דער אינדישער וויצע־קעניג האָבן געגעבן דערויף זייער פאָרמעלע הסכמה. נאָכן סוף פון דער מלחמה איז אָבער דערפון גאָרנישט געוואָרן. דער ווערסאַילער

שלום-טראַקטאַט האָט ערנסט באַדראָט די אויבנדערמאָנטע הנחות. זומער 1919 האָבן די מחמדאַנער, אין קאַמף פאַר זייערע רעכט, אָנגעהויבן אַ ריזיקע באַוועגונג — די קאַליפאַט-באַוועגונג.

זי האָט זיך אָנגעהויבן דעם 18 אָקטאָבער 1919 מיט אַ ריזיקער שלום-דעמאָנסטראַציע. אַ חודש דערנאָך, דעם 24 נאָוועמבער, איז פאָרגעקומען אין דעלהי אַ קאַליפאַט-קאָנפערענץ פון גאַנץ אינדיע. גאַנדי איז געווען פאָרזיצער. ער האָט פון דער ערשטער מינוט אָן פאַרשטאַנען, אַז די מחמדאַנישע פראַגע איז אַ גוט מיטל צו פאַרייניקן אינדיע. דאָס איז אָבער געווען אַ שווערע אויפגאַבע. ענגלאַנד האָט שוין פון לאַנג אויסגענוצט די שנאה צווישן די הינדוסן מיט די מחמדאַנער צו אירע צוועקן. און גאַנדי באַשולדיקט אפילו די הינדוסן, אַז זיי האָבן געבערענגט צו דעם אַנטאַגאָניזם. אַלנפאַלס האָבן זיי גאָרנישט געטון, כדי דאָס צו לינדערן.ביידע רעליגיעס האָבן זיך קינדעריש קעגנזייטיק פּראָוואָצירט. די הינדוסן, אַז זיי פלעגן פאַרבייגיין אַ מעטשעט, פלעגן זיי הויך זינגען, נישט געקוקט דערויף, וואָס ביי די מחמדאַנער איז עס אַ חילול-הקודש. די מחמדאַנער, ווידער, האָבן חוזק געמאַכט פון די הינדוסן, וואָס זיי דינען צו אַ קו. דערפון פלעגן אַנטשטיין אומאויפהערלעכע סיכסוכים און אפילו צוזאַמענשטויסן, וואָס האָט נאָך מער פונאַנדערגעפלאַקערט די שנאה. ביידע פעלקער האָבן נישט צוזאַמענגעפאָרקערט: עסן ביי איין טיש און חתונה האָבן מיטן אַנדערן פאָלק איז געווען פאַרווערט. די ענגלישע רעגירונג האָט געהאָפט, אַז אָט די שנאה וועט געדויערן אייביק. גאַנדיס רוף אויף דער קאַליפאַט-קאָנפערענץ, זיך צו פאַרייניקן, האָט אויפגעוועקט ענגלאַנד. מיט אויפריכטיקער גרויסמוטיקייט — מיט אָט דעם ווירקזאַמסטן מיטל — האָט גאַנדי ערקלערט, אַז די הינדוסן מוזן זיך פאַרייניקן מיט די מחמדאַנער אין דער קאַליפאַט-פראַגע.

„הינדוסן, פערסיער, קריסטן, יידן — זאָגט ער — ווער מיר

זאָלן גישט זיין, אויב מיר ווילן לעבן ווי איין פאָלק — מוז איי- נעמס פארלאנג ווערן אלעמענס. פאר אונז דארף עקזיסטירן נאָר איינס — די גערעכטיקייט פון דער זאך".

דאָס בלוט פון די מחמדאנער האָט זיך שוין פאריייניקט מיטן הינדוסישן בלוט אויפן שלאַכט-פעלד אין אמריטזאר. יעצט מוז מען פארשטארקן אָט דעם פארבאנד. א פארבאנד אָן באדינגונגען די מחמדאנער זענען תמיד געווען די ראדיקאלערע עלעמענטן אין לאנד און אויף דער קאליפאט-קאנפערענץ האָבן זיי די ער- שטע פאָרגעלייגט זיך אָפּצוזאָגן פון מיטארבעטערשאַפט מיט דער רעגירונג, אויב מען וועט נישט נאָכקומען זייערע פאָדערונגען. גאנדי איז צו זיי צוגעשטאנען. געטריי צו זיין מעסיקייט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון צו באָיקאָטירן די ענגלישע סחורות, ווייל ער האָט געהאלטן, אז דאָס איז נקמה און א סימן פון דער אייגענער שוואכקייט. די צווייטע קאליפאט-קאָנפערענץ אין אמריטזאר, סוף דעצעמבער 1919 יאָר, האָט באשלאָסן אויעקצושיקן א דעלעגאציע קיין אייראָפּע און געשיקט צום וויצע-קעניג א דראָענדיקן אולטי- מאטום, אויף דעם פאל, אויב דער שלום וועט געשלאָסן ווערן קעגן די מחמדאנישע אינטערעסן. די דריטע קאָנפערענץ אין באָמביי, אין פעברואר 1920, האָט ארויסגעלאָזט א מאניפעסט פון די מחמדאנער, וואָס טאדלט אויפן שארפסטן אופן די ענגלישע פּאָליטיק און וואָס זאָגט אָן א קאמף.

גאנדי האָט געוואוסט, אז דער שטורעם איז נאָנט. ער האָט אָנגענומען אלע מיטלען, כדי אים נישט צו דערלאָזן. אין ענגלאנד האָט מען ענדלעך דערזען די סכנה. מען האָט זיך באמיט זי אויסצומיידן מיט פארשפּעטיקטע הנחות. דאָס געזעץ וועגן די רעפאָרמען אין אינדיע, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן גרונד פון מאָנטעגיו און טשעלמספאָרדס באריכט,

האָט געגעבן דעם אינדישן פאָלק עטלעכע באַדייטנדיקע הנחות הן אין דער צענטראַלער רעגירונג, הן אין פּראָווינציאָנעלער. דער קעניג האָט מיטן מאַניפעסט פון 24 דעצעמבער 1919 יאָר געגעבן דערויף זיין הסכמה און גערופן דאָס אינדישע פאָלק און די באַאַמטע מיטצואַרבעטן מיטן קעניגרייך. ער האָט אויך געבעטן דעם וויצע-קעניג צו פּראָקלאַמירן אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. גאַנדי אין זיין גרויסמוט איז גערירט געוואָרן און געהאַלטן, אַז די דאָזיקע רעפאָרמען זענען שטומע הנחות פון ענגלאַנד לגבי אינדיע און האָט פאָרגעלייגט זיי אָנצונעמען. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיי זענען ווייט נישט גענוגנדיק. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז זיי וועלן דינען פאַר אַן אָנהייב צו אַ גאַנצער רייע ברייטערע געזעץ-פאַרלייכטערונגען און אַז דעריבער מוז מען זיי אָפנהאַרציק אָננעמען. נאָך הייסע וכּוחים האָט דער אַלאינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס אָנגענומען גאַנדיס פּאָרשלאַג.

אָבער אויך די לעצטע האָפנונג איז צערונען געוואָרן, אַזוי ווי די פריערדיקע. דער וויצע-קעניג האָט נישט אָפגעשאַצט דעם רוף צו זיין געוויסן. די תּפיסות זענען ווידער געעפנט געוואָרן. און ווידער איז אינדיע אַנטטוישט געוואָרן. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז אַלע הבטחות וועלן בלייבן אויפן פּאַפּיר.

אין דעם זעלבן מאָמענט (14 מאַי 1920) האָט זיך אינדיע דערוואוסט וועגן די שלום-באַדינגונגען, וואָס צערייסן טערקיי. אין דעם וויצע-קעניגס באַקאַנטמאַכונג איז וועגן דעם דערמאָנט געוואָרן, און ער האָט געזאָגט, אַז הגם ער ווייסט, ווי שווער אָט די באַדינגונגען זענען פאַר די מחמדאַנישע הערצער, רופט ער זיי דאָך צו באַהערשן זיך.

אַחוץ דעם איז נאָך צוגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג דער אָפיציעלער, טענדענציעזער באַריכט פון דער קאָמיסיע

אויף אויסצופּאָרשן די בלוט-באָד אין אמריטזאר. דאָס האָט שוין אינגאַנצן איבערגעפּולט די מאָס.

עס איז געשעען. אַלע פעדעם זענען איבערגעריסן געוואָרן.

דער קאַליפאַט-קאָמיטעט, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן דעם 28 מאַי אין באָמביי, האָט אָנגענומען, לויט גאַנדיס פאָרשלאַג, דעם פּרינציפּ פון אום-מיטאַרבעט*). די געמיינזאַמע קאָנפערענץ פון די הינדוסן מיט די מחמדאַנער אין אַללאַהאַבאַט האָט איינשטימיק באַשטימט דעם 30-טן יוני 1920 פאַרן ענד-גילטיקן טאָג. אַחוץ דעם האָט זי געגעבן דעם וויצע-קעניג איין חודש צייט צו ענטפערן אויפן אולטימאַטום.

גאַנדי האָט גלייך אָנגעשריבן צום וויצע-קעניג. ער האָט אים מודיע געווען דעם באַשלוס פון אום-מיטאַרבעט. ער האָט אים ערקלערט, פאַר וואָס מען האָט עס אָנגענומען. די דער-קלערונגען זענען זייער אינטערעסאַנט: אפילו אין אָט דער סכנותדיקער מינוט וויל ער נישט איבעררייסן מיט ענגלאַנד און ער האָפט, אַז זי וועט נאָך חרטה האָבן.

„...מיר בלייבט — זאָגט ער — איינס פון דיביידע: אָדער זיך אָפּרייסן פון ענגלאַנד, אָדער, אויב איך גלייב נאָך אין דעם יושר פון דער בריטישער קאָנסטיטוציע, באַוועגן די רעגירונג צו גערעכטיקייט. און דערפאַר פיר איך דאָס פאָלק צו אום-מיטאַרבעט".

דערפון איז צו זען, ווי ענגלאַנדס בלינדער עקשנותדיקער שטאָלץ האָט געפירט דערצו, אַז זי זאָל אָנווערן אַזאַ גרויסן בירגער.

---

*) נישט מיטאַרבעטן מיט דער ענגלישער רעגירונג. באָיקאָט.

•

דעם 28 יוני 1920 לאָזט גאַנדי וויסן, אַז אויפן 1-טן אויגוסט ווערט פּראָקלאַמירט דער ערשטער טאָג פון אום-מיט-אַרבעט. ערב דעם טאָג, דעם 31 יולי, מאַכט ער פאַר אַ טאָג פון האַרטאַל, — פון עקסטאַטישן תענית און תפילות. ער שרעקט זיך נישט פאַרן צאָרן פון דער רעגירונג. נאָך מער, ער האָט מורא פאַרן צאָרן פון פאָלק און נעמט אָן אַלע מיטלען, אַז די אָרדענונג, דיסציפּלין און אַחדות זאָל נישט געבראָכן ווערן אין די רייען פון פאָלק גופא.

„פולשטענדיקע אום-מיטאַרבעט פאָדערט פולשטענדיקע אָרדענונג. אומאָרדענונג שטאַמט פון געוואַלט. געוואַלט מוז אום-באַדינקט אויסגעמיטן ווערן. די קלענסטע מאָס געוואַלט וועט שוין זיין אַ שטערונג פאַר דער זאַך. אַחוץ דעם וואָלטן אַ סך לעבנס אומנוצלעך אומגעקומען. פריער פון אַלץ—היט די אָרדענונג".

די טאַקטיק פון דער אום-מיטאַרבעט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַ צוויי חדשים צוריק דורך גאַנדי און זיין קאָמי-טעט N. C.*). עס איז געווען פאָרויסגעזעען:

1) אָפּזאָגן זיך פון אַלע הויכע אַמטן און טיטולן.

2) נישט צייכענען די מלוכהשע הלוואות.

3) שטרייק פון די געריכט-באַאַמטע. סיכסוכים ווערן ער-לעדיקט דורך פּריוואַטע בוררים-געריכטן.

4) באָיקאָט פון די מלוכהשע שולן — אַזוי דורך די תלמידים, ווי דורך זייערע עלטערן.

5) באָיקאָט פונם „ראַט פאַר קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען"

---

*) Non-Cooperatin

6) נישט אָנטיילנעמען אין די מלוכהשע אויפנאַמען און אין אַלע אַנדערע אָפיציעלע פונקציעס.

7) אָפּזאָגן זיך פון אַלע מיליטערישע און ציווילע אַמטן.

8) פּראָפּאַגאַנדע פאַר Swadeshi*). דערמיט צו ווייזן אַז נישט מען צעשטערט, נאָר מען בויט. דאָס איז די אָרדענונג אויף וועלכער ס'ווערט געבויט דאָס נייע אינדיע. מיר וועלן נאָך דערצו אומקערן.

דאָס איז נאָר געווען דער ערשטער שריט. און די קלוגע פּאָרזיכטיקייט, — וואָס איז אַזאַ זעלטנקייט ביי די אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָנערן — האָט איינגאַנצן באַהערשט אין אַלע זיינע ווענדונגען אָט דעם מענטש, וואָס פירט אָן מיטן ריזיקן מעכאַניזם פון אינדישן אויפשטאַנד, און וואָס קאָן אים איינהאַלטן מיט איין האַנט-קער. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דער „בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט”. גאַנדי איז געווען דערמיט באַקאַנט. ער האָט עס שטודירט ביי טאָראָ. ער ציטירט אים אויך טיילמאָל אין זיינע אַרטיקלען, וואו ער גרענעצט שטאַרק אָפּ זיין טעאָריע מיט דער טעאָריע פון „אום-מיטאַרבעט”. די „בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט” איז גיכער אַן אָפּזאָג פון די בירגערלעכע התחייבותן, איז אַ ווידערשטאַנד צום געזעץ. „זי איז אַ געזעץ-פאַרשוועכונג, וואָס קאָן באַגאַנגען ווערן נאָר דורך איינצעלנע מענטשן, אין דער צייט, ווען די אום-מיטאַרבעט איז און דאַרף זיין די באַוועגונג פון גאַנצן פאָלק”.

גאַנדי וויל צוגרייטן דאָס פאָלק צו דער אומגעהאָרכזאַמ-

---

*) דער באַטייט: סוואַ — אַליין, דעש — לאַנד. נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט. די אָנהענגער פון אום-מיטאַרבעט האָבן עס מערסטנטיילס פאַרשטאַנען אַלס עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט. שפּעטער וועלן מיר זעען, וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע תּורה גאַנדי דרינגט דערפון אַרויס.

קייט שטופנווייז. ער האַלט, אַז די הינדוסן זענען נאָך נישט דערצו צוגעגרייט. ער וויל נישט אָפּלאָזן דעם רודער, ביז וואַנען ער וועט נישט זיין זיכער, אַז דאָס פאָלק איז שוין פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט צו פרייהייט.

אין זיין עו־שטער דעקלאַראַציע איז נאָך אפילו נישטאָ קיין וואָרט וועגן דער שטייער־פראַגע. גאַנדי וואַרט אָפּ.

דעם ערשטן אויגוסט 1920 האָט ער געגעבן דעם ערשטן אָנזאָג צום אָנהייב פון דער באוועגונג מיט זיין באַרימטן בריוו צום וויצע־קעניג. ער קערט אים צוריק די באַקומענע אָרדנס.

„נישט אָן פאַרביטערונג — שרייבט ער — שיק איך אייך צוריק דעם גאָלדענעם מעדאַל Kaisar-i-Hind, וואָס איך האָב באַקומען פאַר מיינע פאַרדינסטן אין דרום־אַפריקע; דעם מעדאַל אין דער מלחמה מיט די זולוסן, וואָס איך האָב באַקומען אַלס אָפיציר אין דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג פון די אינדישע פרייוויליקע אין 1906 יאָר; דעם מעדאַל אין דער מלחמה מיט די בורן, ווען איך האָב געקעמפט אַלס פאַרטרעטער פונם פירער פון די אינדישע סאַניטאַרן אין 1899 — 1900 יאָר״. ...„אָבער — שרייבט ער ווייטער — אַז איך דערמאָן מיך אָן די געשעענישן אין פענדזשאַב, אַזוי אויך אין די, וואָס האָבן גורם געווען צו דער קאַליפאַט־באַוועגונג — קאָן איך נישק פילן נישט קיין ליבע, נישט קיין אַכטונג צו דער רעגירונג... איך וויל ברענגען דערצו, אַז די רעגירונג זאָל חרטה האָבן... איך פראָקלאַמיר דעריבער די אום־מיטאַרבעט, דאָס הייסט צו באָיקאָטירן די רעגירונג און אַנטקייגן שטעלן זיך איר אָן געוואַלט״. ווייטער דריקט גאַנדי אויס די האָפענונג, אַז דער וויצע־קעניג וועט נאָך אויסהערן די אָנערקענטע פירער פונם פאָלק און צוזאַמען מיט זיי נאָך פאַרריכטן די באַגאַנגענע פעלערן.

גאַנדיס ביישפּיל האָט גלייך געפונען נאָכפאָלגער. הונדערטער באַאַמטע האָבן זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע. טויזנטער סטודענטן זענען אַרויסגעטרעטן פון די הויך-שולן. די געריכטן זענען סאַבאָטירט געוואָרן. די שולן זענען ליידיק געוואָרן. דער אַל-אינדישער קאָנגרעס, וואָס איז גערופן געוואָרן אויף אַן אויסער-געוויינלעכער סעסיע אין קאַלקוטא אָנהייב סעפּטעמבער, האָט מיט אַ ריזיקער מערהייט אָנגענומען גאַנדיס פאָרשלאָגן. צוזאַמען מיט זיין פריינט מאולאנא שאוקאט אלי איז ער אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד אונטער אַ שטורמישער באַגייסטערונג פון פאָלק.

קיינמאָל האָט זיך גאַנדי נישט אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ גענילאַן פירער פון מיליאָנען מענטשן, ווי אין אָט דעם ערשטן יאָר פון זיין טעטיקייט. ער האָט געמוזט איינהאַלטן דעם המון פון געוואַלט, וואָס האָט געקאָנט אויסברעכן. באַזונדערש האָט אים געשראָקן די ווילדע סטיכיע פון אַנאַרכיע. ער געפינט נישט קיין גענוג שטאַרקע אויסדריקן אויף צו באַצייכענען די „מאָבאָקראַטיע"*), וואָס ער האַלט פאַר דער גרעסטער סכנה פון אינדיע. ווי ער זאָל נישט פיינט האָבן די מלחמה, האַלט ער זי דאָך העכער פון דער ווילדער מאַסן-סטיכיע.

„אויב אינדיע וועט אַמאָל דאַרפן באַגיין געוואַלט, טאָ זאָל עס זיין לכל הפחות די דיסציפּלינירטע געוואַלט פון מלחמה—אָבער אין קיין פאַל נישט די הפקרדיקע געוואַלט פונם המון!"**). ער געטרויט אפילו נישט די רוישיקע און פריידיקע, אָרדענונגסלאָזע דעמאָנסטראַציעס, ווייל מען קאָן נישט זיין זיכער, צי זיי וועלן נישט באַגיין קיין אומפאַראַנטוואָרטלעכע מעשים. „עס מוז געמאַכט ווערן אַן אָרדענונג פון אָט דעם כאַאָס. אויפן אָרט פונם אָרדענונגסלאָזן המון מוז אַוועקגעשטעלט ווערן דאָס פאָלקס-געזעץ". און אָט דער

*) מאָבאָקראַטיע — די הערשאַפט פון שוואַרצן המון, פונם פעבל, פונם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט.

**) 8 סעפּטעמבער 1920.

גרויסער מיסטיקער איז נישט ווייניקער פראַקטיש פון אַלע אונזערע גרויסע מלוכה-פירער און פּאָליטישע לידערס ביי אונז אין איראָפּע. און ער לייגט פאַר געוויסע כּללים, ווי אַזוי פראַקטיש אויסצונוצן דעם סטיכישן פאָלקס-אויפבּרויז.

„אונזער גרעסטער פעלער באַשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבּן פאַרנאַכלעסיקט די מוזיק. די מוזיק—דאָס איז אונזער ריטם, דאָס איז אָרדענונג. צום אומגליק איז זי צוגענגלעך נאָר פאַר יחידים. זי האָט קיינמאָל נישט געהערט צום גאַנצן פאָלק".

...„מיר דאַרפן געמיינזאַם זינגען אונזערע נאַציאָנאַלע לידער אויף אַלע אונזערע פאַרזאַמלונגען מוזן בּייזיין אונזערע גרעסטע מוזיקער, און זאָלן זיי אויסלערנען דאָס פאָלק זינגען! נישטאָ קיין בּעסער מיטל אויף צו דערגרייכן אַ האַרמאָניע אין המון, ווי מוזיק"...

דאָ גייט אַ רייע פראַקטישע אָנווייזונגען:

1) צו גרויסע דעמאָנסטראַציעס ווערן נישט צוגעלאָזט קיין צופעליקע, נישט-אויסגעפּרוווטע מענטשן. אין די ערשטע שורות ווערן געשטעלט די געניטסטע דעמאָנסטראַנטן.

2) יעדן איינעם אָנטיילנעמער ווערט געגעבּן אַ רשימה מיט אַלע כּללים, ווי אַזוי זיך צו האַלטן בשעת דער דעמאָנסטראַציע.

3) פאַר דער דעמאָנסטראַציע ווערט אָפּגעשמועסט צווישן די אָרדנער די פאַרשיידענע מינים סיגנאַלן.

4) אָנזאָגן דעם המון, אַז ער מוז זיך בּלינד אונטערוואַרפן די אָרדנער.

5) אויסרופן אין באַשטימטע מינוטן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע לאָזונגען; קיינער טאָר נישט אויסרופן דעמאָלט, ווען אים פאַרגלוסט זיך.

6) עס ווערט געבּילדעט אַ מענטשן-קייט אויף אַזאַ אופן, אַז מען שטערט נישט דעם וואָגן-פאַרקער; דער המון טאָר נישט אריינ-דרינגען אין די וואָקזאַלן; קליינע קינדער ווערן סיי צו די פאַר-

זאַמלונגען, סיי צו די דעמאָנסטראַציעס נישט צוגעלאָזן" און א. וו.

מיט איין וואָרט, גאַנדי ווערט דער דיריגענט פון אָט דעם ריזיקן מענטשלעכן כאָר.

„דער גרעסטער און שטרענגסטער חוב פונם פאָלק — איז אָפּצוהיטן די אָרדענונג אויף זיינע דעמאָנסטראַציעס"*).

דער המון וויל באַגיין געוואַלט נאָר אונטערן רושם פון אויפברויז. מיינסטנטייל ווייסט ער אַליין נישט, וואָס ער וויל. ער לאָזט זיך באַאיינפלוסן פון פאַרשיידענע צופעליקע פלוצלינגדיקע איינדרוקן, וואָס זענען זיך גאַנץ אָפט סותר. אַ געוויסער טייל היני דוסן איז אָבער באַוואוסטזיניק פאַר געוואַלט. זיי אָנערקענען נישט גאַנדיס לערע און באַזונדערש זיין פּאָליטישע טעטיקייט. גאַנדי באַקומט אַנאָנימע בריוו, וואו מען בעט אים נישט אַרויסצוטרעטן קעגן געוואַלט. אין אָט די בריוו — וואָס פאַר אַ שווערע באַליידיקונג! — ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז זיינע ווערטער זענען נישט מער ווי אַן אָנשטעל, כּדי אָפּצונאַרן דעם שונא און באַוועגן אים אָנצוהייבן די מלחמה. גאַנדי ענטפערט אויפגערעגט. אין ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס און אין הערלעכע אַרטיקלען באַקעמפט ער די „אמונה אין געווער"**). ער באַקעמפט אַנטשיידן די מיינונג, אַז די הינדוסטאַנישע הייליקע ביכער און דער קאָראַן זאָלן כּלומרשט פּראָפּאַגירן געוואַלט. אין קיין שום רעליגיע איז די געוואַלט נישט קיין געבאָט. קריסטוס איז געווען דער ערשטער פאָרקעמפער פאַר פּאַסיוון ווידערשטאַנד. די באַגאַוואַט-גיטאַ (דאָס אינדישע הייליקע בוך) לערנט נישט קיין געוואַלט, נייערט אויספירן אַ חוב, אַפילו פאַרן פּרייז פון אייגענעם לעבן***). דער מענטש פאַרמאָגט

---

*) 8 און 24 סעפּטעמבער, 20 אָקטאָבער 1920.

**) 11 אויגוסט 1920.

***) אזוי איז גאנדיס מיינונג. ווען זיך דען א אייראָפּייער דערוועגן צו זאָגן, אַז ער זעט אין דער באגאוואט-גיטא א נטיה צו געוואַלט?

נישט דעם כח פון באַשאַפן — טאָר ער דעריבער גאָרנישט צע־שטערן... „מען דאַרף ליב האָבן אַפילו דעם, וואָס ברענגט שלעכטס —דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מען דאַרף מסכים זיין מיטן שלעכטן". גאַנדי וואָלט אַפילו אַרומגעגאַנגען ביים קראַנקן גענעראַל דייער. אויב אָבער זיין אייגענער זון וואָלט אָנגעהויבן פירן אַ מיאוס לעבן, „וואָלט מיין ליבע צו אים מיר דיקטירט — אים צו לאָזן אָן שום הילף, אַפילו ווען דאָס קאָן אים ברענגען צום טויט". קיינער האָט נישט דאָס רעכט מיט שלעכטס זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שלעכטן. נאָר יעדער איז מחויב זיך אים אַנטקעגנצושטעלן, זיך אָפּצוצוימען פון אים — פאַר יעדן פּרייז. אויב אָבער דער שונא טוט תשובה, דאַרף מען צו אים אויסשטרעקן ביידע הענט*).

ער באַנוצט זיך נישט, וואָס ער מוסרט די געוואַלט־טוענ־דיקע — ער שטראָפט אויך די וואַקלדיקע און שטאַרקט די, וואָס אַנטלויפן פאַר מעשים:

„קיין שום זאַך אין דער וועלט איז נישט דערגרייכט גע־וואָרן אָן דער טאַט. איך זאָג זיך אָפּ פון די ווערטער „פּאַסיווער ווידערשטאַנד", ווייל זיי זענען נישט גענוגנדיק... נישט קיין אַנ־דערע זאַך, ווי נאָר די טאַט האָט באַוויזגט דעם גענעראַל סמוטס אין דרום־אַפריקע".

„ווער איז דאָס דער כח, וואָס האָט באַגייסטערט קריסטוסן און בודדאַן? דער כח פון דער טאַט און פון באַרעמהאַרציקייט! בודדא האָט מיט מסירת־נפש געלערנט זיין תורה צווישן זיינע שונאים, און די שטאָלצע פּריסטער זענען אים שפּעטער געפאַלן אויף די קני. קריסטוס האָט אַרויסגעטריבן די הענדלער פון טעמפּל און אָן מורא געמוסרט די וואוכערניקעס און די פּרושים. אָט דאָס איז אַן אמתדיקע טאַט! און אין דער זעלבער צייט האָט איבער

*) 27 אויגוסט 1920.

דעם אַלעם געשוועבט די אָנטופּיקע באַרעמהאַרציקייט..."*)

גאַנדי אַפּעלירט צום געוויסן פון די ענגלענדער**). ער רופט זיי אָן „טייערע פריינט"; ער דערמאָנט זיי, אַז אין משך פון דריי-סיק יאָר איז ער געווען זייער געטרייער תּלמיד. ער בעט זיי, אַז זיי זאָלן זיך אויפריכטיק באַציִען צו דער בגידה פון זייער רעגי-רונג. „אַט דער פאַרראַט פון אייער רעגירונג האָט אָרונ-טערגעריסן דעם צוטרוי, וואָס איך האָב געהאַט צו איר. דאָך גלייב איך נאָך אין ענגלאַנדס ערלעכקייט. מיר ווייזן אייך היינט נישט מער, ווי אינזער מאָראַלישע העלדישקייט. די אום-מיטאַרבעט איז אַ הויכע מדרגה פון מסירת-נפש. איך וויל אייך איבערצייגן אין מיין אמת — מיט מיינע ליידן"...

דורך דער אום-מיטאַרבעט וויל ער נישט נאָר פּאַראַליזירן די ענגלישע הערשאַפט אין אינדיע, נייערט ער וויל אויך אָר-גאַניזירן אַ ניי אינדיע, וואָס זאָל קאָנען עקזיסטירן זעלבשטענדיק, נישט אָפּהענגיק פון קיינעם — גייסטיק און מאַטעריעליש. פאַר זיין ערשטער אויפגאַבע האַלט ער, קודם כּל, פאַרזיכערן איר עקאָ-נאָמישע אומאָפּהענגיקייט, ד. ה. דאָס, וואָס גאַנדי רופט Swadeshi (זע ז. 55) פון אַלע פאַרשיידענע ווערטער איז דאָס וואָרט דאָס פּאַסיקסטע.

אינדיע דאַרף זיך דעריבער ביסלעכווייז צוגעוויינען דערצו, וואָס עס וועלן איר פעלן פאַרשיידענע מאַטעריעלע מיטלען. זי מוז אָן תּרעומות מסכּים זיין אויף פאַרשיידענע אומבאַקוועמלעכ-קייטן. דאָס איז געווען גאַנדיס אַ שטרענגער באַפעל. פריער פון אַלץ דאַרף מען פון אינדיע אַראָפּנעמען „די קללה פון שכרות"; מען דאַרף גרינדן אַ געזעלשאַפט פון ניכטערקייט; מען דאַרף דער-

*) 12 מאַי 1920.

**) „צו אַלע ענגלענדער אין אינדיע", 25 אָקטאָבער 1920.

קלערן אַ באָיקאָט פון די אייראָפּעאישע אַלקאָהאָל-געטראַנקען; מען דאַרף אַגיטירן צווישן די וויין-סוחרים, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער מסחר און אָפּגעבן די פּאַטענטן*). און אינדיע האָט זיך גלייך אָפּגערופן אויפן רוף פונם מאַהאַטמאַ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעכטיקע באַוועגונג פאַר ניכטערקייט. און מען האָט גלייך געדאַרפט גאַנדיס האַנט. דער המון האָט שוין געוואָלט מיט געוואַלט אויפצווינגען די וויין-סוחרים, זיי זאָלן שליסן זייערע געשעפטן און שוין זיך געגרייט צו צערויבן די קראָמען. ווייל „מע טאָר נישט מיט געוואַלט צווינגען מענטשן צו לייטערונג".

נאָר אויב ס'איז פאַרהעלטענישמעסיק לייכט זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ אומגליק, ווי שכרות, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן גאַנץ שווער זיך אָפּצוזאָגן פון די עלעמענטאַרסטע נויטווענדיקייטן. מיט וואָס וועט מען זיך דערנערן? און וואָס זאָל מען זיך אָנטאָן אַז מען וועט זיך אָפּזאָגן פון די אייראָפּעאישע סחורות? גאַנדיס ענטפער איז זייער אַ פּשוטער. און אים דריקט זיך אויס דער אָריענטאַלישער כאַראַקטער פון זיין געדאַנקען-גאַנג. ער וויל אין אַלע אינדישע פאַמיליעס איינפירן די וועב-שטולן (charka).

ס'איז לייכט צו לאַכן פון אַזאַ אַנטשיידונג, וואָס גאַנד׳ ׳גיט אויף אַזאַ ריזיקער סאָציאַלער פראַגע**). מען מוז אָבער פאַר

*) אינם בריוו צו די מצורעים, וואָס זענען כמעט אַלע קרעמער׳ באַשווערט זיי גאַנדי, אַז זיי זאָלן פאַרמאַכן זייערע וויין-קראָמען (23 מערץ 1921). אינם בריוו צו די מעסיקע בעט ער זיי, אַז אויב זיי זענען אפילו נישט מסכים מיט זיין גאַנצן פּראָגראַם, זאָלן זיי אים דאָך אין דעם מיטהעלפן.

אין דערזעלבער צייט, וואָס ער קעמפט קעגן שכרות, טרעט ער אויך שאַרף אַרויס קעגן האַנדל מיט אָפּיום און אַנדערע באַקאָטישע מיטלען.

**) גאַנדי ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען וועט עס אויסלאַכן. „צי האָט אָבער — פרעגט ער — די ניימאַשין שוין אינגאַנצן פאַרטריבן די נאָדל, און די שרייבמאַשין — די האַנט? דער וועבשטול איז נאָך נוצלעך ביז היינטיקן טאָג׳

שטיין די אינדישע באַדינגונגען און דעם זינען, וואָס גאַנדי גיט
אָט דעם וואָרט כ א ר ק אַ. ער האָט אַלעמאָל געהאַלטן, אַז דאָס
שפּינען איז נישט קיין גענוגנדיק מיטל צו לעבן פאַר וועמען ס'איז,
אַחוץ פאַר אָרעמע לייט. נאָר ער זאָגט, אַז פאַר אַ פּויערישער
משפּחה, ווען ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט אויפן פעלד, קאָן דאָס אַ
סך צוהעלפן. און ער מאַכט אַזאַ חשבון: אַכציק פּראָצענט פון
דער אינדישער באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט ערד-אַרבעט; פיר
חדשים אין יאָר איז נישטאָ דערביי קיין אַרבעט. אַ צענטע טייל
פון דער באַפעלקערונג הונגערט. דער מיטלשטאַנד ליידט נויט.
ענגלאַנד האָט גאָרנישט געטון אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע;
פאַרקערט, זי האָט זי נאָך פאַרערגערט. די ענגלישע האַנדלס-געזעל-
שאַפטן האָבן חרוב געמאַכט די אינדישע פּראָדוקציע, האָבן פאַר-
ניכטעט די נאַטירלעכע קוועלן זייגן אויס יערלעך זעכציק
מיליאָן רופּיעס. אינדיע, וואָס אַרבעט אויס בוימוואָל קוים אַזוי
פיל, וויפל זי דאַרף אַליין, פירט אַרויס מילאָנען באַלן קיין יאַפּאַן
און קיין לאַנקאַשיר. פון דאָרט באַקומט זי דערפאַר אויסלענדישע
סחורות. דעריבער איז קלאָר, אַז אינדיע מוז זיך אָפּזאָגן פון די
אויסלענדישע „טובות" און וואָס גיכער אויפבויען אייגענע פאַבריקן.
יעדער מוז קריגן די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן און צו אַרבעטן.
צום פּשוטסטן איז דעריבער איינצופירן די פאַרצייטישע אינדישע
פאַבריקאַציע: שפּינען און וועבן. פאַרשטייט זיך, אַז דערצו דאַרפן
זיך נישט זעצן די ערד-אַרבעטער, וואָס קאָנען זיך שפּייזן פון זייע-
רע אייגענע פּראָדוקטן. דערצו איז נייטיק צוציען קודם כל די אַר-
בעטלאָזע, דערנאָך די קינדער און די פרויען, און דערנאָך—אַלע

ער איז היינט אַ פאָלקסגויטווענדיקייט, דער איינציקער אויסוועג פאַר טויזנטער הונ-
גערנדיקע" (21 יולי 1920).

הינדוסן אין די פרייע שעהן. און גאַנדי ליגט פאָר: 1) באַקאַטירן די אויסלענדישע סחורות 2) פאַרשפּרייטן איבערן לאַנד דעם געדאַנק פון פשוטער היימישער וועב-פּראָדוקציע 3) טראָגן פון היינט אָן נאָר די סחורות, וואָס זענען אויסגעאַרבייט געוואָרן אין אינדיע אויף דעם אופן, ווי ס׳איז אָנגעוויזן אין פונקט 2.

און דעם געדאַנק ווידמעט ער זיך אינגאַנצן. זיין פאַרלאַנג איז, אַז דאָס וועבן זאָל זיין אַ חוב פאַר גאַנץ אינדיע*), אַז עס 'אָל זיין אַ לימוד אין די שולן, אַז די אָרעמע תלמידים זאָלן צאָלן פאַר די למודים מיט אַרבעט אויפן וועב-שטול, אַז יעדער מענטש, מענער און פרויען, זאָלן אָפּגעבן דערפאַר כאָטש איין שעה אין מעת-לעת. ער לאָזט זיך אַריין אין פּרטים, גיט פאַרשיידענע טעכנישע אָנווייזונגען וועגן די נאָדלען, די פעדים, וועגן פאַרשיידענע מינים וועבן. ער גיט פּראַקטישע עצות די וועבער, די קונים, די פאַמיליען-פאָטערס, די תלמידים. ער ווייזט אויף מיט ציפערן, אַז ווען מען עפנט מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל אַ פאַרקויף פון סוואַדעשי (די אינדישע אויסאַרבעטונגען), קאָן מען גלייך פאַרדינען 10%... און אַזוי ווייטער. און ער ווערט אַזוי ליריש-סענטימענטאַל, ווען ער שפּילט די „מוזיק פון דער וועב-שטול"**), די עלטסטע מוזיק פון אינדיע — די, מיט וועלכער ס׳האָט זיך באַגייסטערט קאַביר, דער דיכטער-וועבער, און אַורענג-זעב, דער גרויסער הערשער, וואָס האָט זיך אַליין געמאַכט זיינע היטלען...

און אים געלינגט אָנצוצינדן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די חשובסטע פרויען אין באָמביי זעצן זיך אַוועק ביי די וועבשטולן. מאַסן הינדוסן און מחמדאַנער גיבן אַ נדר — נישט צו טראָגן קיין שום קליידער, וואָס זענען נישט געמאַכט פון נאַ-

*) 2 פעברואַר 1921.

**) 21 יולי 1920.

ציאָנאַלע לייוונט. עס ווערט אַ מאָדע צו טראָגן די khaddar, וואָס ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע האָט אַליין מודה געווען אין זייער פּרעכטיקייט. ס׳קומען אָן מאַסן באַשטעלונגען, אפילו פון בעלו-דזשיסטאַן און אַדען.

די כוואַליע פון באַגייסטערונג ווערט וואָסאַמאָל שטאַרקער, און גאַנדי האָט שוין, קענטיק, פאַרלוירן די מאָס. ער האָט באַפוילן צו פאַרברענען די אויסלענדישע סחורות, ווייל זיי זענען דער סימבאָל פון פאַרשקלאַפונג. און אָט האָבן אין באָמ-בײ, אויפן פּלאַץ סעניאָרי, אין אויגוסט 1921, אונטער אַן אומ-געהייערער התלהבות פון המון, אויפגעפלאַקערט די שייטער-הויפנס מיט טייערע אויסלענדישע סחורות. איינער פון אינדיעס שענסטע פּריינט, ר. טאַגאָרעס חבר, ר. אַנדריוס, האָט אָנגעשריבן אַ הייסן בריוו צו גאַנדי, מיט וועמען ער איז געווען באַגייסטערט. ער באַ-דויערט, וואָס מען האָט פאַרברענט די סחורות, און נישט צעטיילט די נויטבאַדערפטיקע. מיטן פאַרברענען האָט מען שטאַרק צערייצט די ווילדע אינסטינקטן פונם המון. אַנדריוס טרעט אַרויס קעגן אַזאַ מין נאַציאָנאַליזם. ער זעט אין אים אַ שטיק געוואַלט. ער קאָן נישט פאַרליידן, וואָס פון צעשטערן ווערט געבויט אַ רעליגיע. פאַרניכטן אַ פּראָדוקט פון אַרבעט—איז אַ פאַרברעכן. אַנדריוס האָט תחילת געוועסט אָנגענומען גאַנדיס רעפאָרמען און אפילו גע-טראָגן אַ האדדאַר; נאָר יעצט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען און האָט אפילו בדעה אים אַראָפּצונעמען. אָט דער שייטער-הויפן האָט אַרונטערגעריסן זיין גלויבן אינם מאַהאַטמאַ.

גאַנדי שרייבט באַלד אַן עפנטלעכן ענטפער. ער איז גע-רירט פון אַנדריוס׳ס אויפריכטיקייט, אָבער ער דערקלערט, אַז ער האַלט דאָ גאָרנישט פאַר שלעכט. ער האָט נישט קיין שנאה צו קיין שום פאָלק און ער פאַרלאַנגט גאָר נישט, אַז מען זאָל פאַר-ניכטן אַלע אויסלענדישע חפצים, אַחוץ די, וואָס זענען אָן אַ

ספק שעדלעך. הונדערטער הינדוסן זענען רואינירט געוואָרן צוליב די ענגלישע סחורות. אסך זענען געפאַלן אַזוי נידעריק, אַז זיי זענען געוואָרן געדונגענע זעלנער; אַנדערע זענען אַריבער צו די פּאַריער; זייערע ווייבער זענען געוואָרן גאַסן־פרויען. אינדיע מוז האַסן די ענגלישע עקספּלואַטאַטאָרן. גאַנדי טראָגט איבער זיין כעס פון מענטשן — אויף חפצים. שולדיק זענען נישט נאָר די ענגלענדער, וואָס פאַרקויפן זייער לייוונט, נייערט אויך די הינדוסן, וואָס קויפן זיי. מען פאַרברענט זיי נישט מחמת שנאה, נאָר פון תשובה וועגן. דאָס איז אַן אומבאַדינגט־נייטיקע כירורגישע אָפּעראַציע. און עס וואָלט געווען נישט גוט גע־האַנדלט, ווען מען זאָל די סחורות צעטיילן די אָרעמעלייט, ווייל זיי פאַרמאָגן דאָך אויך זייער שטאָלץ.

גאַנדי ווייסט וואויל, אַז מאַטעריעל באַפרייען דאָס לאַנד פון דער אָפּהענגיקייט צו אויסלאַנד איז נאָך ווייט נישט אַלץ. מען מוז באַפרייען דעם גייסט. גאַנדי האָט געוואָלט, אַז אינדיע זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון דער אייראָפּע־אישער קולטור, און איינער פון זיינע פּרוכטבאַרסטע אויפטוען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געגרינדעט די יסודות פון אַ ריינער אמת־נאַציאָנאַלער דערציונג.

ביז צו יענער צייט האָבן שוין עקזיסטירט עטלעכע אוניווערזיטעטן און שולן אונטער דער ענגלישער אויפזיכט, וואו עס האָבן זיך נאָך ווי עס איז דערהאַלטן פונקען פון דער אַלט־אינדישער קולטור. אליגאר איז שוין זינט פינף און פערציק יאָר געווען צ[illegible] אינד ש מחמדאַנישער אוניווערזיטעט, דער צענטער פון דער מחמדאַנישער קולטור אין אינדיע. די שול אין כאַלסא איז גע־ווען אַ קולטור־צענטער פון די סיקכן. צו די הינדוסן האָט אויך געהערט דער אוניווערזיטעט אין בענאַרעס. נאָר די עטלעכע הינטערשטעליקע קאַזיאָנע שול־אַנשטאַלטן זענען געווען אונטערגע־

וואָרפן דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט זיי סובסידירט. גאַנ־
די האָט באַשלאָסן זיי צו פאַרמאַכן און שטאָט זיי אויפבויען
מער נוצלעכע פאַר אינדיע. אין נאָוועמבער 1920 האָט ער אין
אהמעדאַבאַד געעפנט דעם נאַציאָנאַלן אוניווערזיטעט. דער אידעאַל
פון אָט דעם אוניווערזיטעט איז געווען — אינד׳ע. זיינע גרונט־
יסודות זענען געווען: די דהאַרמאַ פאַר די הינדוסן און דער
קאָראַן—פאַר די מחמדאַנער. ער האָט געשטרעבט, אַז ס׳זאָלן דער־
האַלטן ווערן די אינדישע דיאַלעקטן און אַז ס׳זאָל געשאַפן ווערן
אַ פרישער קוואַל פון אמתן אינדישען נאַציאָנאַליזם. גאַנדי זאָגט
ריכטיק*) (און באַשטעטיקט מיין מיינונג וועגן דעם), אַז דאָס
סיסטעמאַטישע דערלערנען די אַזיאַטישע קולטורן איז אַזוי וויכ־
טיק, ווי די פולע בילדונג, וואָס מען באַקומט נאָכן דערלערנען
די גאַנצע אָריענטאַלישע וויסנשאַפט, די ריזיקע אוצרות פון סאַנסקריט,
די פאַרשיידענע לשונות, ווי: אַראַביש, פערסיש, פאַלי, אינדי,
אורדי און מאַהאַדהי, וואָס מען מוז קענען, ווען מען זוכט דעם
וועג צו פאַרשטאַרקן די אומה. עס האָט אָבער נישט קיין זינען
צו איבערחזרן דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט אָדער געטון געוואָרן
אין דער פאַרגאַנגענהייט. „מען מוז שאַפן אַ נייע קולטור: אויף
די יסודות פון דער פריערדיקער, נאָר אַ ברייטערע. זי דאַרף זיין
אַ סינטעז פון די פאַרשיידענע ציוויליזאַציעס, וואָס האָבן געווירקט
אויף אינדיע. אָט דער סינטעז וועט נישט זיין ענלעך צו דער
אַמעריקאַנישער קולטור, וואָס זי איינע הערשט און דערשטיקט
די אַנדערע. ניין, יעדע קולטור וועט זיך האָבן איר געזעצלעך אָרט.
דער עיקר איז — האַרמאָניע, אָבער נישט אַזאַ, וואָס איז דער־
וואָרבן מיט כח. די שילער דאַרפן דערלערנען אַלע אינדישע

*) 15 נאָוועמבער 1920.

אמונות, די הינדוסן וועלן זיך צענויפטרעפן מיטן איסלאַם, די מחמדאַנער — מיט שאַסטראַ. דער נאַציאָנאַלער אוניווערזיטעט וועט אויסשליסן דעם פּרינציפּ פון אויסשליסלעכקייט. ער וועט קעמפן קעגן דער אָפּגעשטויסענע-פּראַגע. די אינדישע שפּראַך וועט זיין די אָבליגאַטאָרישע, מחמת דאָס איז דאָס אמתדיקע נאַציאָנאַלע לשון, אַ געמיש פון סאַנסקריט, אינדו און פּערסישע אורדאַ*).

די אינטעליגענטע שילער וועלן באַקומען אַ ספּעציעלע פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, די איבעריקע — אַן אַלגעמיין-הומאַניטאַרע. אַזוי-אַרום וועט אויסגעגלייכט ווערן די קאַסטן-אומגלייכקייט. דעם אומאָפּהענגיקן גייסט וועט אונטערהאַלטן נישט נאָר די בילדונג, נאָר אויך די דערציונג, וואָס גאַנדי רופט אָן „די אויסבילדונג פון די נייגונגען“**). אין קעגנזאַץ צו דער אייראָפּעאישער דערציונג, וואָס אַנטוויקלט נאָר דעם אינטעלעקט און איגנאָרירט אינגאַנצן די האַנט-אַרבעט, וויל גאַנדי, אַז דאָס לעצטע זאָל איינגעפירט ווערן אין דער שול פון די קלענסטע אָפּטיילונגען אָן. יעדעס קינד וואָלט אויף אַזאַ אופן באַצאָלט מיט אַרבעט פאַרן

*) די ענגלישע שפּראַך ווערט נישט אויסגעשלאָסן (אַזוי גוט ווי קיין שום אייראָפּעאישע שפּראַך). ענגליש ווערט געלערנט אין די העכערע אָפּטיילונגען, ביים סוף פון גאַנצן קורס. די אינדישע דיאַלעקטן, ווידער, ווערן געלערנט אין משך פונם גאַנצן סטודיום. גאַנדי טרוימט וועגן דעם העכערן צוקונפטיקן מענטשלעכן צושטאַנד, ווען אַט די אַלע פאַרשיידנקייטן וועלן זיך פאַרייניקן — נאָר נישט ווי טיילן, נייערט „ווי אַ סך אָפּגלאַנצן פון אַ טייערן שטיין“ (1 יוני 1921).

**) מען דאַרף דאָ נישט מיינען ממש „פּראָפעסיאָנעלע בילדונג“, ווייל דאָ האַנדלט זיך דווקא וועגן באַפרייען דעם גייסט פון דער „פּראָפעסיע“, ווי ס'איז אָנגענומען צו פאַרשטיין.

לערנען, און דערמיט זיך צוגעוויינט צו פאַרדינען אויפן לערן און צו אומאָפּהענגיקייט. וואָס איז ווידער שייך צו דער אויסבילדונג פון גייסט, אויף וואָס איירעפּע לייגט אינגאַנצן נישט קיין אַכט, מוז עס ווערן דער הויפּט-יסוד. נאָר איידער עס ווערן געשאַפן די תּלמידים, מוז פריער באַשאַפן ווערן דער לערער.

מיר האָבן דאָ אַן אויסצוג פון גאַנדיס תּקנות, וואָס ער האָט געגעבן זיין ליבסטער שאַפונג, דעם סאַטיאַגראַהאַ-אַשראַם — דער קלויסטער פון סאַטיאַגראַהאַ אין אַהמעדאַבאַד. זיי זענען מער שייך די לערער, ווי די תּלמידים, און בינדן די ערשטע ממש מיט קלויסטערלעכע נדרים. נאָר אָנשטאָט דעם, אַז זיי זאָלן, ווי אין אַנדערע קלויסטערס, מיט דער צייט ווערן טויטע אותיות, — ברענען זיי מיטן גייסט פון קרבנותּפולקייט און ריינער ליבע, וואָס באַגייסטערט די הייליקע. אָט דאָס זענען זיי:

1) דער נדר פון אמת. — ס'איז נישט גענוג נישט צו זאָגן קיין ליגן. „ס'טאָר נישט געזאָגט ווערן קיין איין ליגן, אפילו ווען ער קומט צונוץ דעם לאַנד". דער אמת קאָן אויך אַמאָל פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיך אַנטקייגנשטעלן די עלטערן און בכלל עלטערע מענטשן.

2) דער נדר פון „אהימשא" (נישט הרגענען): ס'איז נישט גענוג נישט הרגענען קיין אַנדער באַשעפעניש. טאָרסט נישט אויפהייבן קיין האַנט אפילו אויף די, וועמען דו האַלטסט פאַר אומגערעכט. מען טאָר זיי נישט פיינט האָבן, מען דאַרף זיי ליב האָבן. אַנטקעגנשטעלן זיך דער טיראַניי, אָבער נישט טון איר קיין שלעכטס. מיט ליבע דאַרף מען איר מנצח זיין, נאָר זיך נישט אונטערגעבן איר — אפילו אונטער דער דראָונג פון טויט.

3) דער נדר פון הערשן איבער דער תּאוה. אָן אים קאָן מען נישט דערפילן די צוויי פריערדיקע נדרים. ס'איז נישט גענוג צו אַנטלויפן פון דער תּאוה. יעדער חיהשער אינסטינקט

מוז קאָנטראָלירט ווערן דורכן געדאַנק. אויב עמעצער איז אַ באַ- ווייבטער׳ זאָל ער זיך באַציען צום ווייב ווי צו אַ לעבנס-חבר׳ אָבער זאָל ער האָבן מיט איר די ריינסטע באַציונגען.

4) **דער נדר פון באַגרענעצן זיך אין עסן.** — מען דאַרף עסן לויט אַ סדר און רייניקן עס. אַנטשלאָסן זיך אָפּזאָגן פון נישט קיין נויטווענדיקע מאכלים.

5) **דער נדר פון אָרנטלעכקייט.** — עס האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן דעם אייגנטום פון אַנדערע מענטשן. „אויב מיר נוצן אַזעלכע זאַכן, אָן וועלכע מיר קאָנען זיך באַגיין, איז עס — גנבה". די נאַטור באַשענקט אונז פון טאָג צו טאָג מיט דעם, וואָס איז אונז נייטיק אויף אונזערע טאָג-טעגלעכע נויטן.

6) **דער נדר פון אָפּזאָגן זיך פון פריוואַט-אייגנטום.** — סאיז נאָך נישט גענוג נישט צו פאַרמאָגן קיין אייגנטום. מע דאַרף ביי זיך דערהאַלטן נאָר דאָס, וואָס איז באמת נויטווענדיק פאַר אונזער קערפּערלעכן געברויך. אָפּזאָגן זיך פון איבעריקס. פשוטער מאַכן דאָס לעבן.

צו אָט די הויפּט-נדרים זענען צוגעגעבן 2 הוספות:

א) **סוואַדעשי** — נישט נוצן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן אין זיך אַ פּגם פון פאַלשקייט. דער געבאָט באַציט זיך אויף נישט צו נוצן די אויסלענדישע קעגנשטאַנדן, מחמת זיי זענען אויסגעאַרבעט אויפן חשבון פון די אָרעמע אַרבעטער-מאַסן אין אייראָפּע. דערפאַר זענען טאַקע די אייראָפּעאישע סחורות פון היינט אָן פאַרווערט פאַר דעם, וואָס גייט אין די דרכים פון אַהימשאַ. דערפאַר דאַרף מען גיין אָנגעטון אין אַ פשוטן בגד פון היימישער אויסאַרבעטונג.

ב) **נישט שרעקן זיך** — מחמת דער, וואָס האָט מורא, קאָן נישט דינען די פריערגעזאָגטע געבאָטן. מע דאַרף נישט מורא האָבן נישט פאַר קיין קיסרים, נישט פאַר קיין פעלקער, נישט פאַר דער משפחה, נישט פאַר מענטשן, פאַר חיות רעות און—פאַר

טויט. דער פּאַנצער פונם אומדערשראָקענעם מענטש איז „דער כח פון אמת" אָדער „דער כח פון גייסט".

אָנטוּענדיק אָט די אייזערנע דערהויבענע געבאָטן אויפן מענטשלעכן כאַראַקטער, גייט גאַנדי גיך איבער צו די אַנדערע פאָר־שריפטן, — וואָס האָבן שוין אַ דערציערישע באַדייטונג. איך ברענג די וויכטיקסטע צוויי:

די לערער דאַרפן געבן אַ ביישפּיל: א) מיט זייער אַרבעט (ס׳ווערט געמיינט: פיזישער) ב) פון קענען גרינטלעך די אינדישע הויפּט־דיאַלעקטן.

ערשט וועגן די קינדער. זיי קאָנען איבערגעגעבן ווערן אין אַשראַם פון 4 יאָר אָן*) און זענען צוגעבונדן צו אים ביזן לעצטן טאָג, וואָס זיי ענדיקן אים. דער קורס דאַרף געדויערן לערך צען יאָר. די קינדער זענען אָפּגעזונדערט פון די משפּחות. די עלטערן זאָגן זיך אָפּ פון יעטוועדער מין קאָנטראָל איבער זיי. די קינדער קומען נישט צו זיי. אָנגעטון זענען זיי באַשיידן, דערנערן זיך פּשוט, שטרענג וועגעטאַריאַניש. זיי האָבן נישט קיין איין טאָג פּריעך, אין געוויינטלעכן זינען פון וואָרט, נאָר אַנדערטהאַלבן טאָג אין דער וואָך קאָנען זיי זיך פאַרנעמען מיט דער באַליביקער פאַר זיי אַרבעט־אין דריי חדשים אין יאָר ווערט שפּאַצירט איבער אינדיע — צופוס. דער דיאַלעקט אינדו און נאָך איינער — פון די דראַווידישע דיאַלעקטן, איז פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע. די תלמידים דאַרפן אויך לערנען ענגליש, ווי אַ צווייטראַנגיקע שפּראַך, און לייענען אויף אַלע פינף אינדישע לשונות — אורדי, בענגאַלי, טאַמיל, טעלונגו, דעוואַנאַגירי. געשיכטע, געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק, עקאָנאָמיע און סאַנסקריט ווערט געלערנט אויפן אייגענעם לשון. אין דערזעלבער

*) עס קענען אויך אָנגענומען ווערן קינדער פון פאַרשיידענער עלטער.

צייט גייען זיי אויך אַדורך — ערד-אַרבעט און האַנט-וועבעריי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די גאַנצע דערציונג איז איינגעפּאַסט אין אַ רעליגיעזער רעם. נאָך די צען יאָר גיט מען פאַר די יונגע-לייט אויסצוקלויבן: אָדער געבן אַ נדר, אַזוי ווי זייערע לערער און בלייבן — אָדער אַוועקגיין פון שול. דאָס לערנען איז אומזיסט און איז אויסגערעכנט אויף פרייוויליקע געשאַנקען.

איך האָב מיך בכיוון לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער בילדונגס-רעפאָרם. זי ווייזט אונז, ווי גייסטיק הויך ס'איז די גאַנדישע באַוועגונג און ווי ס'באַגרינדעט זי גאַנדי אַליין — איר ערשטער בויער. כדי אויפצובויען אַ נײַ אינדיע, מוז מען שאַפן נייע מענטשן, גלייביקע און מוטיקע, אמתדיקע הינדוסן. אויף צו באַשאַפן זיי, דאַרף מען אָרגאַניזירן אַ געהייליקטע מחנה אַפּאָס-טאָלן, וואָס זאָלן זיין, אַזוי ווי קריסטוס'ס אַפּאָסטאָלן, דאָס זאַלץ פון דער ערד. גאַנדי איז נישט קיין פאַבריקאַנט פון געזעצן, אַזוי ווי אונזערע אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָנערן. ער איז דער שעפער פון אַ נייער מענטשהייט.

*

די ענגלישע רעגירונג (אַזוי ווי יעדע אַנדערע רעגירונג אין דעם פאַל) האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס. איר ערשטער אָפּרוף אויף דעם איז געווען — חוזק. דער וויצע-קעניג לאָרד טשעלמספאָרד האָט אין אויגוסט 1920 געזאָגט, אַז „פון אַלע ביזאַהעריקע אומגעלומפּערטקייטן איז דאָס ס'אומגעלומפּערטסטע". גאָר אין גיכן האָבן זיי אָבער געמוזט דעם חוזק-טאָן בייטן. שוין דעם 6-טן נאָוועמבער דאָס זעלבע יאָר האָט די רעגירונג אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט, וואו אין אַ גאַנץ מילדן, הגם דראָענדיקן טאָן ווערט געזאָגט, אַז זי וויל קיינעם נישט באַ-שולדיקן, וואָס די גרינדער פון דער באַוועגונג פּראָפּאַגירן אומ-ווידערשטאַנד. באַשטראָפט וועלן ווערן נאָר די, וואָס וועלן איבער-

כאַפּן די מאָס און ווען באַגיין געוואַלט, אָדער שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

די רעגירונג אַליין האָט אָבער איבערגעכאַפּט די מאָס. די באַוועגונג האָט וואָסאַמאָל מער אָנגענומען ערנסטערע פאָרמען, און אין דעצעמבער 1920 איז געשעען אַן אויסערסט וויכטיקער פאַל. די אומווידערשטענדיקע אום-מיטאַרבעט איז ביז אַהער געווען נישט מער, ווי אַ סטראַטעגישער מאַנעוור. די רעגירונג האָט זיך טאַקע געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז די סעסיע פון אַלאינדישן קאָנגרעס, וואָס דאַרף זיך צונויפקומען סוף יאָר, וועט עס מבטל מאַכן. דער קאָנגרעס אָבער, וואָס איז זיך דעמאָלט צונויפגעקומען אין נאַגפור, האָט אים, פאַרקערט, איינגעשלאָסן אין זיין קאָנסטיטוציע, ווי אַן ערשט-קלאַסיקע פראַגע:

פונקט I. — „דער ציל פון נאַציאָנאַלן קאָנגרעס איז—אויסקעמפן דעם סוואַראַדזש (אַליינפאַרוואַלטונג) מיט אַלע געזעצלעכע און פרידלעכע מיטלען".

ביי דער אָפּשטימונג האָט דער קאָנגרעס נאָכאַמאָל באַשטעטיקט די „אום-מיטאַרבעט", וואָס ער האָט אָנגענומען אויף דער אויסערגעוויינטלעכער סעסיע אין סעפּטעמבער 1920. ער האָט זי נאָך פאַרברייטערט אין דעם זינען, אַז ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם שטאַנדפונקט פון אומווידערשטאַנד, און אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ פולער איינהייטלעכקייט צווישן אַלע שיכטן פון פאָלק. ער האָט, קאָנקרעט, געוואָרפן דעם רוף פון אַן אינדיש-מחמדנישער פאַראייניקונג און אפילו נאָכמער — אַ התקרבות צווישן די פּריווילעגירטע און אָפּגעשטויסענע קלאַסן. אַחוץ דעם האָט ער אַריינגעטראָגן אין דער קאָנסטיטוציע העכסט-וויכטיקע ענדערונגען, באַשטימענדיק ענדגילטיק די פאָרשטייערישע אָנפירערשאַפט אין

אַלע טיילן אינדיע*). דער קאָנגרעס האָט נישט פאַרלייקנט, אַז די אַנגעהויבענע אום-מיטאַרבעט איז נאָר דער ערשטער שריט פון קאַמף. ער האָט דייטלעך דערקלערט, אַז דער ענדגילטיקער אָפּזאָג פון מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער רעגירונג און פון צו צאָלן שטייערן וועט נאָר דעמאָלט האָבן אַ ממשות, ווען עס וועט קומען די פון אויבן-אָנגעוויזענע מינוט. דערווייל האָט דער קאָנגרעס צוגעגרייט צו איר דאָס לאַנד, באַשטעטיקט דעם באָיקאָט, גוטגעהייסן דאָס היימישע וועבן; ער האָט זיך געווענדעט צו דער סטודענטשאַפט, צו די עלטערן, צו די באַאַמטע, און זיי גערופן צו פאַרווירקלעכן די אום-מיטאַרבעט. די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו אויספירן די באַשלוסן פון קאָנגרעס, האָט ער גערדראָט אויסצושליסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָס האָט געהייסן — איינגעפירט איין מלוכה אין דער אַנדערער: די אמתע אינדישע רעגירונג קעגן דער ענגלישער. און פאַרשטייט זיך, אַז די צווייטע האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן אַ זייט. מען האָט גערדאַרפט — אָדער אָפּטרעטן, אָדער

---

*) אויפן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין נאַגפּור האָבן אָנטיילגענומען 4726 דעלעגאַטן: 469 מחמדאַנער, 65 סיקכן, 5 פּאַרשי, 2 מצורעים, 4079 הינדוסן און 106 פרויען.

די נייע וואַל-אָרדינאַציע האָט באַשטימט איין דעלעגאַט אויף 50.000 איינוואוינער. צוזאַמען קומט אויס 6173 דעלעגאַטן. **דער אַלאינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס** קומט זיך צונויף איינמאָל אין יאָר, אומגעפער פאַר ניי-יאָר. **דער עקזעקוטיוו** פונם אַלאינדישן קאָנגרעס ציילט לערך 350 מאַן; אים ווערט איבערגעגעבן אויסצופירן די באַשלוסן פונם קאָנגרעס; אין דער צווישנצייט פון איין קאָנגרעס צום אַנדערן דינט דעם עקזעקוטיוו דאָס זעלבע רעכט, וואָס דעם קאָנגרעס. דער עקזעקוטיוו טיילט פון זיך אויס אַן אויספיר-קאָמיטעט פון 15 מיטגלידער. ער שפּילט לגבי דעם עקזעקוטיוו די זעלבע ראָל, וואָס אַ מיניסטאָרן-קאַבינעט לגבי אַ פּאַרלאַמענט. דער עקזעקוטיוו

קעמפן. בײ אַ נישט-גרױסער פרידלעכער אָנשטרענגונג װאָלט מען נאָך געקומען צו אַ הסכם. דער קאָנגרעס האָט דערקלערט, אַז ער װעט דערגרײכן זײן ציל „האַנט אין האַנט מיט ענגלאַנד, אויב זי איז מסכים, און אויב נישט — איז אָן איר". נאָר װי ס'געשעט תמיד אין דער אײראָפּעאישער פּאָליטיק בנוגע צו אַנדערע פעלקער, האָט געזיגט דער שטאַנדפּונקט פון געװאַלט. מען האָט נאָר געדאַרפט האָבן סיבות דערצו. און זײ האָבן נישט געפעלט.

נישט געקוקט אויפן פּרינציפּ פון אומװידערשטאַנד, װאָס איז אָנגענומען געװאָרן דורך גאַנדי און דורכן קאָנגרעס, זענען דאָך פּאָרגעקומען גאַנץ גרױסע אומרוען אין פאַרשײדענע טײלן אינדיע. זײ האָבן אָבער נישט געהאַט קײן דירעקטע שײכות צו דער אום-מיטאַרבעט-באַװעגונג. אין די פאַראײניקטע פּראָװינצן (אַלאַהאַבאַד) האָבן זיך אָנגעהויבן אַגראַרע אומרוען; די אַרענדאַרן האָבן זיך געבונטעװעט קעגן די באַלעבאַטים. עס האָט זיך אַרײנגעמישט פּאָליצײ און ס'איז נישט אויסגעקומען אָן בלוטפאַרגיסונג. אַחוץ דעם איז די אַקאַלי-באַװעגונג פון די סיקהן,

---

האָט דאָס רעכט צו יעדער צײט צו ענדערן דעם צוזאַמענשטעל פון אויספיר-קאָמיטעט.

דער נאַגפּורער קאָנגרעס האָט צונױפגעשטעלט די פאָלגנדיקע װאַל-אָרדינאַציע: צום אַלאינדישן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס װײלן די פּראָװינציעלע קאָנגרעס-קאָמיטעטן, װאָס שליסן אין זיך אײן 21 פּראָװינצן מיט 12 דיאַלעקטן — צו זײ װידער די אָרטיקע קאָנגרעס-קאָמיטעטן פאַר אַלע דערפער און ישובים — װידער זײ זענען אונטערגעװאָרפן צו די „נאַציאָנאַלע באַאַמטע" (די נאַציאָנאַלע דינסט). זײ װערן אויסגעהאַלטן פון דעם סװאַראַדזש-פאָנד, װאָס איז געגרינדעט געװאָרן צום אָנדענק פון טילאַק.

װאַל-רעכט האָבן אַלע דערװאַקסענע מענער און פרױען, װאָס פאַרמאָגן אַ באַשטימטן פאַרמעגן און װאָס האָבן זיך אונטערגעשריבן צו אָנערקענען דעם ערשטן פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע (זע ז. 73) און די ספּעציעלע באַשלוס פונם קאָנגרעס. װאַל-באַרעכטיקט איז מען פון 21 יאָר אָן.

וואָס איז געווען תחילת אַ רעליגיעזע באַוועגונג, אַריבער אויף דעם פרינציפּ פון אום-מיטאַרבעט, און אין פעברואַר 1921 זענען דערהרגעט געוואָרן ביז צוויי הונדערט פּאָליציאַנטן. נישט גאַנדי, נישט זיינע תלמידים, האָט מען נישט געטאָרט מאַכן פאַראַנט-וואָרטלעך פאַר אָט דער טראַגעדיע. דאָך האָט זיך אין אָנהייב מערץ דעם זעלבן יאָר אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון רעפּרעסיעס, וואָס האָט מיט אַ וואָסאַמאָל גרעסערער פאַרביסנקייט אָנגעהאַלטן ביז סוף יאָר. פאַר אַ פאָרשפּיל דערצו זענען געווען די דע-מאָנסטראַציעס קעגן שיכרות. נישט דאָס ערשטע מאָל איז איראָפּעאישע ציוויליזאַציע געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן ביטערן טראָפּן. די אָרגאַניזאַציע פון אום-מיטאַרבעט איז פאַר-ווערט געוואָרן. ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ געזעץ קעגן רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען. אין פאַרשיידענע פּראָווינצן איז דער אַרטיקל פּאָליציי געגעבן געוואָרן דאָס פולע רעכט צו דערשטיקן די באַוועגונג — מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ רעוואָלוציאָנערע און אַנאַרכיסטישע. טויזנטער הינדוסן זענען אַרעסטירט געוואָרן; אַפילו צו חשובע פערזענלעכקייטן האָט מען נישט אַרויסגעוויזן קיין שום דרך-ארץ. פאַרשטייט זיך דאָך, אַז אַזעלכע מעשים האָבן גורם געווען צו אומרוען, און אין טייל פאַלן אַפילו צו הריגות, שרפות, און צו צוזאַמענשטויסן צווישן דער מאַסע מיט פּאָליציי. דער עקזעקוטיוו פונם אינ-דישן קאָנגרעס, וואָס איז זיך צענויפגעקומען אין בעדוואַד סוף מערץ, האָט געשטעלט אויפן סדר-היום די פראַגע וועגן דערקלערן בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט. נאָר אין זיין זעלטענער חכמה האָט ער איינגעפונען, אַז דאָס פאָלק איז נאָך נישט גענוג רייף און דיסציפּלינירט, אויף צו באַנוצן אָט דאָס געווער. ער האָט באַשלאָסן אויסצוואַרטן און צוטרעטן צו דער — אַזוי צו זאָגן — בירגערלעכער און עקאָנאָמישער מאָביליזאַציע.

גאַנדי האָט זיך ווידער מיט היץ גענומען אַרבעטן צו פאַראייניקן אינדיע — צו פאַראייניקן די אמונות, די פעלקערייען, פאַרטייען און שיכטן. ער האָט זיך געווענדעט צו די פאַרשיער*) צו די רייכע, צו די גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן, און צו די אַלע, וואָס זענען, ווי ער זאָגט, אָנגעשטעקט מיט ראָקפעלערס גייסט. אַלעמאָל פלעגט די פראַגע וועגן פאַראייניקן די הינדוסן מיט די מחמדאַנער אַרויסרופן אַלטע אַבערגלויבנס, שרעק און קעגנזייטיקן אומצוטרוי. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער פראַגע**); ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צענויפגיסן ביידע פעלקער איז דאָך אין תּוך אַן אוממעגלעכע זאַך, און איבעריקנס האָט ער עס אַליין נישט געוואָלט. ער האָט נאָר געוואָלט שליסן אַ בונד, געשטיצט אויף קעגנזייטיקער פריינטשאַפט***).

זיין הויפּט-ציל איז געווען — ברענגען צו דער געזעלשאַפט די אָפּגעשטויסענע קאַסטע. זיין ליידנשאַפטלעכע באַשיצונג פון זייערע רעכט, זיין וויי-געשריי קעגן אָט דער אומגעלומפּערטער סאָציאַלער אומגלייכקייט, זענען שוין גענוג אויף צו אומשטערבלעך מאַכן זיין נאָמען. זיינע ליידן צוליב דעם, וואָס עס האָט, ווי ער דריקט זיך אויס, געלייגט דעם גרעסטן פלעק אויפן הינדואיזם,

---

*) 23 מערץ 1921.

**) 6 אָקטאָבער 1920, 11 מאַי, 18 מאַי, 28 יולי, 20 אָקטאָבער 1921.

***) ער ברענגט פאַר אַ ביישפּיל זיין נאָענטע פריינטשאַפט מיטן מחמדאַנער מאולאנא מחמד אַלי; ער ווייזט אויף, אַז ביידע זענען געבליבן געטריי זייערע אמונות. גאַנדי וואָלט נישט געגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב צו אליס זון, און וואָלט זיך מיט אים נישט געזעצט צו קיין מאָלצייט; דאָסזעלבע וואָלט געטון זיין פריינט. דאָס שטערט זיי אָבער נישט ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן און קעגנזייטיק האָבן צו זיך דעם גרעסטן צוטרוי. גאַנדי טראַכט אפילו נישט, אַז מען זאָל פאַרווערן די געמישטע חתונות צווישן די הינדוסן מיט די מחמדאַנער, און זייערע געמיינזאַמע מאָלצייטן. פריער אָבער, ווי אין אַ יאָרהונדערט אַרום, איז אוממעג-

האָבן זיך נאָך אָנגעהויבן אין זיין קינדהייט*). ער דערציילט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, פּלעגט צו זיי אין שטוב קומען אַ פּאַריער אויף צו טון די שוואַרצע אַרבעטן; גאַנדי האָט נישט געטאָרט האָבן מיט אים קיין מגע־ומשא, אויב ער האָט נישט זיך דערנאָך אָפּגעוואַשן; גאַנדי איז נישט איינגעגאַנגען דערויף און פּלעגט זיך תמיד קריגן מיט טאַטע־מאַמע. אין שול פּלעגט ער זיך גאַנץ אָפט דערנענטערן צו די אָפּגעשטויסענע. די מוטער האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל זיך גלייכער חברן מיט אַ מחמדאַנער און אַזוי־אַרום פּון זיך אַראָפּנעמען דעם פלעק. צו צוועלף יאָר, אָבער, האָט ער שוין אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס. ער האָט זיך פּאַרשוואוירן — אָפּצוּוואַשן די עבירה פּון אינדיעס געוויסן. ער האָט געחלומט צוהילף צו קומען זיינע דערנידעריקטע ברידער. און ער איז קיינמאָל נישט אַזוי פריידענקעריש, ווי דעמאָלט, ווען ער רעדט אַרום אָט די פראַגע. מע קאָן זאָגן, אַז ער איז גרייט אַוועקצוּוואַרפן די אמונה, אויב מען וועט אים אויפווייזן, אַז די אָפּגעשטויסענע־פּראַגע איז איינע פּון אירע יסודות. און ביי אים קומט אויס, אַז צוליב אָט דער איינער אומגערעכטיקייט איז שוין רעכט אַלץ, וואָס אינדיע ליידט אַזוי פיל.

„...אויב די הינדוסן זענען געוואָרן די פּאַריער פּון ענגלאַנד, איז עס נישט מער, ווי אַ סימן פון דער אייביקער גערעכטיקער גלייכגעוויכט. זאָלן פריער די הינדוסן אָפּוואַשן ז ײ ע ר ע א ײ ג ע נ ע פאַרבלוטיקטע הענט!.. דער פרינציפּ פון די אָפּגעשטויסענע האָט

לעך זיך צוזאַמענצוגיסן. די פּראַקטישע פּאָליטיק דאַרף זיך דערווייל מיט דעם ענין נישט פּאַרנעמען. נאָכאַמאָל: גאַנדי פּאַרווערט עס נישט, נאָר ער האַלט עס פאַר פריצייטיק. אין דעם ווייזט זיך נאָכאַמאָל אַרויס זיין חוש פאַר דער ווירקלעכקייט (20 אָקטאָבער 1921).

*) אין זיין רעדע פון 27 אַפּריל 1921.

דערנידעריקט אינדיע. אין דרום-און מזרח-אַפריקע, אין קאַנאַדע, זענען די הינדוסן אַליין געווען פּאַריער. ס'איז אוממעגלעך אײנ צופירן דעם סוואַראַדזש, כּל-זמן ס'עקזיסטירן די פּאַריער. אינדיע איז זיך אַליין שולדיק. אַפילו ענגלאַנד האָט נישט געטון קיין גרעסערן אומרעכט. דער ערשטער חוב פונם מענטש איז: העלפן דעם שוואַכן, נישט דערנידעריקן דעם מענטשלעכן כּבוד. מיר וועלן נישט זיין בעסער פון בהמות, אויב מיר וועלן נישט אַראָפּוואַשן פון זיך אָט די עבירה*). דער סוואַראַדזש דאַרף זיין דאָס מלכות פון יושר אויף דער וועלט"...

גאַנדי האָט געוואָלט, אַז דער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס זאָל ווי מעגלעך גיכער פאַרבעסערן דעם גורל פון זיינע ברידער, די פאַרשטויסענע, אַז מע זאָל זיי דערלויבן צו לערנען די קינדער אין די שולן און צו געניסן פון די ברונעמער (מחמת זיי האָבן נישט געטאָרט געניסן פון די אַלגעמיינע ברונעמער). וואָס האָט מען אָבער געקאָנט טון ביזאַהער? האָט ער דאָך נישט געקאָנט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן, ביז וואַנען די פּריווילעגירטע שטאַנדן וועלן זיך דערמאָנען אָן דער עוולה און זי פאַרבעסערן. איז ער אַריבער אין מצורעים-שטאַנד. ער שטעלט זיך אָן זיין שפּיץ און באַמיט זיך זיי צו פאַראייניקן צווישן זיך. צוזאַמען מיט זיי באַטראַכט ער פאַרשיידענע מיטלען פון קאַמף. וואָס זאָלן זיי טון? ווענדן זיך צו דער מאַכט נאָך הילף? דאָס וואָלט געהייסן — איבערגיין פון איין שקלאַפעריי צו דער אַנדערער. אָפּזאָגן זיך פון הינדואיזם (ס'מוז באַמערקט ווערן די גרויסמוטיקע דרייסטקייט פון דעם גרויסן אינדישן בירגער!) — און איבערגיין צום קריסטנטום אָדער צום מחמדאַניזם? — גאַנדי וואָלט אַפילו גרייט געווען צו ראָטן דערצו, ווען ער זאָל וויסן, אַז דער הינדואיזם איז טאַקע ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער פראַגע פון די אָפּגע־

*) 27 אָקטאָבער 1920, 27 אַפּריל 1921.

שטויסענע. ער ווייסט אָבער, אַז אָט די פראַגע איז נישט מער ווי אַן אָנגעוואַקסן ווילדפלייש, וואָס מען מוז אויסשניידן מיטן וואָרצל. דעריבער מוזן די פאַרשטויסענע גרינדן אַ זעלבסט-שוץ. דאָס זאָל זיך אויסדריקן אין אַ מין אום-מיטאַרבעט מיט די הינדוסן, אָפּזאָגן זיך פון יעטוועדער מגע-ומשא מיט זיי (אַ מערק, ווירדיק-דרייסטע עצה פון אַזאַ פּאַטריאָט!). דאָך, זאָגט ער ווייטער זענען די פּאַריער נישט מסוגל צו קיין שום אָרגאַניזירן זיך; זיי האָבן נישט קיין פירער. דעריבער זאָלן זיי טון דאָס איינציקע, וואָס איז זיי פאַרבליבן צו טון — זיך פאַראייניקן מיט דער אַלגעמיין-אינדישער אום-מיטאַרבעט. פאַרן ערשטן תנאי דאַרף מען שטעלן — די פאַראייניקונג פון אַלע שטאַנדן. די אמתדיקע אום-מיטאַרבעט איז אַן עבודה פון רעליגיעזער לייטערונג. קיינער פון די, וואָס מיאוסן זיך מיט די פּאַריער, קאָן אין איר נישט אָנטיילנעמען: מיט דעם אַליין זינדיקט ער. אויף אַזאַ אופן ברענגט גאַנדי צו אַ האַרמאָניע די רעליגיע, דאָס פאָטערלאַנד און די מענטשהייט*).

אויף דער ספּעציעל-גערופענער קאָנפערענץ פון די דערנידעריקטע שיכטן, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 13 און 14 אַפּריל 1921 אין אַהמעדאַבאַד, זענען פייערלעך געהייליקט געוואָרן די ערשטע שריט פון דער פאַראייניקונג. דעם פאָרזיץ האָט געפירט גאַנדי. דאָרט האָט ער געהאַלטן איינע פון זיינע שענסטע רעדעס. ער באַנוגנט זיך נישט בלויז מיטן וועלן צו פאַרריכטן די געזעלשאַפטלעכע אומגלייכקייט. ער דערוואַרט פון די פּאַריער גרויסע אויפטואונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם ווידער-אויפשטייענדיקן אינדיע; ער גלייבט אין זיי, ער גיסט אין זיי אַריין דעם הייסן גלויבן, וואָס באַגייסטערט אים אַליין. ער זאָגט,

---

*) 27 אָקטאָבער 1920.

אַז ער האָט אין זיי אַנטפּלעקט ריזיקע פאַרבאַהאַלטענע מעגלעכ־קייטן. און ער רעכנט אויס, אַז אין משך פון פינף חדשים וועלן די אָפּגעשטויסענע זיך ווירדיק אויסקעמפן זייער אָרט, וואָס קומט זיי אין דער גרויסער אינדישער משפחה.

ער איז גליקלעך, ווען ער זעט אינדיע, אַ באַגייסטערטע פון זיין רוף; אין אַ סך געגנטן ווערן די פּאַריער באַפרייט*). איידער מ׳האָט אים אַרעסטירט, איז ער געווען פאַרנומען מיט אָט דער פראַגע און זיך געפרייט פון איר׳ע ערפאָלגן. אַ סך בראַהמאַנער האָבן זיך איר געווידמעט. די פּריווילעגירטע קלאַסן האָבן געגעבן אַ רירנדיקן ביישפּיל פון תשובה און ברודער־לעכער ליבשאַפט. גאַנדי ברענגט אַ פאַקט, וואָס אַ יונגער זיבעצעניעריקער בראַהמאַנער איז געוואָרן אַ גאַסן־קערער, כדי צו לעבן צוזאַמען מיט די פּאַריער**).

מיטן זעלבן פלאַם גיט זיך אויך גאַנדי אָפּ דער צווייטער ריזיקער פראַגע — דער באַפרייונג פון דער פרוי.

די געשלעכטער־פראַגע איז אין אינדיע באַזונדערש־שאַרף אַוועקגעשטעלט. די קינדערישע חתונות פּטרן אַזוי די פיזישע, ווי די גייסטיקע כחות פון פאָלק. די פיזישע מומים שוואַכן אָפּ

---

*) זינט אַפּריל 1921 ווערט דער צווישנשייד צווישן די אָפּגעשטויסענע און די איבעריקע טיילן פון פאָלק וואָסאַמאָל שוואַכער. אין אַ סך דערפער האָבן די מצורעים אָנגעהויבן צו וואוינען גלייך מיט אַלע, געניסנדיק פון פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג (.Y. I פון 27 אַפּריל 1921). פון דער אַנדערער זייט איז אין אַ סך געגנטן, ווי צ. ב. ש. אין מאַדראַס, זייער לאַגע געבליבן אַ פאַרצווייפלטע (.Y I. פון 29 1921). זינט דעמאָלט איז די פראַגע די ערשטע אויפן סדר־היום פון דער אַלאינדישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. שוין אין דעצעמבער 1920 האָט דער נאַגפורער קאָנגרעס אַרויסגעזאָגט דעם וואונטש „מער נישט צו באַגיין דעם חטא פון „צרעת״.

**) 27 אַפּריל 1921.

דעם געדאַנק, און דער אָנזען פון דער פרוי איז זייער געפאַלן. גאַנדי פאַרעפנטלעכט די תרעומות פון אַן אינדישער פרוי אויף איר דערנידעריקטן מצב, און וועלכן זי געפינט זיך צוליב די אינגדישע נאַציאָנאַליסטן*). ער באַשיצט זיי. ער זאָגט, אַז אָט די אינדישע מכה איז נישט ווינציקער געפערלעך, ווי די אָפּ-בעשטויסענע-פראַגע. ער גיט אָבער צו, אַז „די גאַנצע וועלט ליידט פון איר. די פראַגע האָט אַ וועלט-באַדייטונג. אזוי ווי אין דער מצורעים-פראַגע, אַזוי אויך אין דער, פאָדערט זיך זעלבסטווירדע נישט נאָר ביי די דערנידעריקער, נייערט אויך ביי די דערנידעריקטע". און גאַנדי ווענדעט זיך צו די פרויען: זיי דאַרפן דערוועקן דרך־ארץ צו זיך, נישט האַלטן זיך פאַר אַ וויי-לונגס-קעגנשטאַנד פון די מענער. זאָלן זיי אָנטיילנעמען אין גע-זעלשאַפטלעכן לעבן, זאָלן זיי איבערטראָגן זיינע אַלע געפאַרן! ס'איז נישט גענוג זיך אָפּצוזאָגן פון לוקסוס, פאַרברענען און אַרויס-וואַרפן די טייערע אויסלענדישע סחורות — זאָלן זיי צוזאמען אַר-בעטן מיטן מאַן, טיילן מיט אים אַלע זיינע זאָרג, זיינע דאגות! — אין קאַלקוטא האָט מען שוין אַרעסטירט עטלעכע חשובע פרויען. דאָס איז גוט. זאָלן זיי נישט בעטן קיין מילדערן אורטייל, נאָר זאָלן זיי צוזאַמען מיטן מאַן ליידן! אָט אויף דעם וועג וועט די פרוי זיך תמיד טרעפן מיטן מאַן. זאָלן זיי פאַר גאָרנישט מורא האָבן! אַפילו די שוואַכסטע קאָן אויפהיטן איר כבוד. אפילו שטאַרבן דאַרף מען קאָנען!**).

ער פאַרגעסט אויך נישט אָן „אונזערע געפאַלענע שוועסטער."***) ער דערציילט וועגן די שמועסן, וואָס ער האָט

---

*) 21 יולי 1921.

**) 21 יולי, 11 אויגוסט, 15 דעצעמבער 1921.

***) אזוי הייסט איינס פון זיינע אַרטיקלען: 17) Our fallen sisters סעפטעמבער 1921).

מיט זיי געפירט אויף די פאַרזאַמלונגען אין די פּראָווינצן אַנדער און באַריזאַל; עטלעכע הונדערט זענען זיי דאָרט געווען. מיט וואָס פאַר אַ פשטות זיי שמועסן מיט אים, זענען זיך פאַר אים מתודה, זענען זיך מיט אים שואל-עצה! ער זוכט פאַר זיי אַ פּאַסיקע מלאכה; ער לייגט זיי פאָר - צו וועבן. זיי זאָגן צו עס גלייך צו טון, אויב ער וועט זיי דערין זיין בייהילפיק. און גאַנדי ווענדעט זיך צו די אינדישע מענער, רופט זיי אַכטן די פרוי:

„נישטאָ אין אונזער רעוואָלוציע קיין אָרט פאַר שפּיל מיט דער עבירה. סוואַראַדזש זאָגט, אַז אַלע מענטשן, וואָס וואוינען אונטערן אינדישן הימל, דאַרפן מיר האַלטן פאַר אונזערע ברידער... דרך-ארץ צו אַלע!... דאָס פרויען-געשלעכט איז נישט דאָס שוואַכע געשלעכט; עס איז נאָך העלדישער — מיט זיין קענטעניש איבער-צוטראָגן קרבנות, שווייגנדיקליידן, זיך צופּאַסן צו אַלעם און אויך מיט זיין גלויבן און מיטן שכל. דער אינסטינקט פון דער פרוי איז אַ סך מאָל איבערגעשטיגן דעם מאַנס העכערע וויסן, נישט געקוקט אויף זיין איינגערעדטער שטאָלצקייט"...

אין די אינדישע פרויען — אָנהייבנדיק פון זיין אייגענער פרוי — האָט גאַנדי געפונען זיינע קלוגע העלפעריגס און די בעסטע נאָכפאָלגער זיינע.

*

דאָס 1921 יאָר איז געווען דער העכסטער שטאַפּל פון גאַנדיס דערהויבונג; ער הערשט יעצט מיט אַ ריזיקער גייסטיקער מאַכט, און כלל נישט זוכנדיק איר — האָט ער יעצט אויך די אומבאַגרענעצטע פּאָליטישע מאַכט. דאָס פאָלק האַלט אים פאַר אַ הייליקן. די שרי קרישנא מאָלט פון אים בילדער*). אין

*) אַן אַלטע אינדישע טראַדיציע. גאַנדי פּראָטעסטירט קעגן דעם (Y. I., 13 יולי 1921.

דעצעמבער 1921 באַשענקט אים דער אַלאינדישער קאָנגרעס מיטן פולסטן צוטרוי, גיט אים איבער אַלע פולמאַכטן, מיטן רעכט אויסצוקלויבן זיך א פאַרטרעטער. ער איז דער אומאָפּגעשטעלטער מושל איבערן אינדישן פאָלק. פון אים הענגט אָפּ, צי מען זאָל ווייטער קאָנסעקווענט אַנטוויקלען די פּאָליטישע רעוואָלוציע אָדער אַפילו, אויב ער וויל, איינפירן אַ רעליגיעזע רעפאָרם.

ער האָט עס נישט געטון, ער האָט עס נישט פאַרלאַנגט. וואָס איז עס געווען? גייסטיקע גרויסקייט, צי גייסטיקע שוואַכקייט? מעגלעך, אַז ביידע צוזאַמען. שווער פאַר אַ מענטשן, נאָך דערצו אַ וועלכן, וואָס איז דערצויגן אויף אַ פרעמדער קולטור, אַריינצודרינגען אין אַן אנדערנס געוויסן, בפרט ווען דאָס געוויסן איז אַזוי צאַרט און קאָמפּליצירט, ווי גאַנדיס אַליין. אינם שטורעם פון די געשעענישן, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אינדיע אין אָט דעם משונהדיקן יאָר, איז שווער צו באַשטימען, ווי פעסט ס׳איז געווען די האַנט פונם שטייערמאַן און צי האָט זי תמיד אָן אַ ציטער אָנגעפירט מיטן רודער פון דער ריזיקער שיף. דאָך וועל איך זיך באַמיען איבערצוגעבן דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב באַוויזן אויפצונעמען אין אָט דעם לעבעדיקן רעטעניש, מיט דעם גאַנצן יראת-הכבוד, וואָס איך פיל צו אָט דעם מענטש, און מיט דער אויפריכטיקייט, צו וועלכער ס׳צווינגט מיך זיין אויפריכטיקייט.

ווי גרויס גאַנדיס איינפלוס איז נישט געווען — איז דאָך די סכנה אויסצוניצן אָט דעם איינפלוס געווען נישט קלענער. אין דער זעלבער מאָס, וואָס די באַוועגונג האָט זיך פאַנאַנדער-געשפּרייט, און דער אויפברויז האָט אויפגעהויבן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, איז געוואָרן אַלץ שווערער אָנצופירן מיט דער באַוועגונג און אַליין צו דערהאַלטן די גלייכגעוויכט אויף אָט דעם ברויזנדיקן ים. די איבערמענטשלעכע אויפגאַבע איז באַשטאַנען גראָד אין דעם, וואָס מען זאָל צופּאַסן די גייסטיקע

מעסיקייט צו די ברייטע שטרעבונגען פון דער אויפגעוועקטער מאַסע. דער גלייבנדיקער און איידלמוטיקער שטייער-מאַן געטרויט גאָט און גלייבט אין אים. דאָס קול, וואָס ער הערט, דערטראָגט זיך צו אים צוגלייך מיטן קול פונם שטורעם. דערטראָגט עס זיך דען אויך צו אַנדערע?

וויניקער פאַר אַלץ גרייסט זיך גאַנדי. קיין שום כיבודים קאָנען אים נישט רירן. ער שעמט זיך גיכער, ווען מען אַכט אים. ס'איז אפשר דער איינציקער פאַל אין דער געשיכטע פון די נביאים און גרויסע מיסטיקער: ער האָט נישט קיין חזיונות, נישט קיין אַנטפּלעקונגען, און נישט ער וויל אין זיי גלייבן, נישט ער הייסט גלייבן אַנדערע. זיין געדאַנק ווייסט נישט פון קיין פאַרשכורטקייט, דאָס הארץ — פון קיין גדלות. ער בלייבט אַ מענטש, גלייך ווי אַלע אַנדערע מענטשן. ניין, זאָל מען אים נישט רופן הייליקער! ער פאַרלאַנגט דאָס נישט — און מיט דעם אַליין איז ער שוין הייליק.

„...דאָס וואָרט הייליקער דאַרף אָפּגעווישט ווערן פון היינטיקן לעבן... איך בעט צו גאָט, ווי יעדער גוטער הינדוס, און איך מיין, אַז אַלע קאָנען מיר ווערן גאָטס שלוחים. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געהאַט קיין ספּעציעלע אַנטפּלעקונגען פון אויבן. איך גלייב פעסט, אַז גאָט אַנטפּלעקט זיך צו אַלע מענטשלעכע באַשעפענישן, נאָר מיר פאַרשטאָפּן זיך אַליין די אויערן אויף אָט דעם שוואַכן אינעווייניקסטן קול... איך האַלט מיך פאַר אַ פּשוטן, פרידלעכן קנעכט פון אינדיע און פון דער מענטשהייט... איך וויל נישט גרינדן קיין סעקטעס; איך בין טאַקע צו גרויס ביי זיך, אַז איך זאָל מיך באַגרענעצן אין סעקטעס. איך שאַף נישט קיין נייע אמתן. איך פּרוביר נאָר פאַרווירקלעכן דעם איינציקן אמת, אַזוי ווי איך פאַרשטיי אים. איך וואַרף אַ נייעם ליכט אויף אַלטע אמתן...“*)

*) 12 מאַי 1920, 25 מאַי, 13 יולי, 25 אויגוסט 1921.

אין פאַרהעלטעניש צו זיך איז ער תמיד זייער באַשיידן, דענקט-נאָך נאָך יעדן וואָרט און טאַט, אויסערלעך נישט מסוגל צו פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט נישט ווי קיין אינדישער פּאַטריאָט, נישט ווי קיין אַגיטאַטאָר פאַר אום-מיטאַרבעט. ער גיט קיינעם נישט „דאָס רעכט צו לייטערן מענטשן מיט געוואַלט"*). ער ער-לויבט נישט קיין טיראַניי, וואָס זאָל אַפילו פירן צו אַ גוטן ציל... „און קיין שום פאַל טאָר מען נישט בייטן די מלוכהשע שקלאַפעריי אויף דער שקלאַפעריי פון אום-מיטאַרבעט"**). ער וויל נישט גלייכן זיין פאַרטיי צו אַנדערע פאַרטייען און זיין פּאַטריאָטיזם באַגרענעצט זיך נישט בלויז אויף אינדיע... „די ליבשאַפט צו מיין פאָטערלאַנד איז ביי מיר צונויפגעקניפּט מיט מיין ליבע צו דער מענטשהייט. איך בין אַ פּאַטריאָט דערפאַר, וואָס איך בין אַ מענטש און בין מענטשלעך. איך וויל נישט דוקא ליב האָבן אינדיע. ווען איך וויל דינען אינדיע, וויל איך דאָך נישט טון קיין שלעכטס נישט ענגלאַנד, נישט דייטשלאַנד. דער שאָוויניזם האָט נישט קיין אָרט אין מיין לעבן... דער, וואָס איז גלייכגילטיק צו דער גאַנצער מענטשהייט, איז שוין דערמיט אַליין נישט קיין פּאַטריאָט"***).

זענען אָבער אַלע זיינע תלמידים געווען אַזוי מעסיק? ווי אַזוי ווערט זיין תורה אויסגעטייטשט און אָנגעווענדט ביי אַ טייל פון זיי? און ווי אַזוי ווערט זי אויסגעטייטשט ביים פאָלק גופא, מיט דער פאַרמיטלונג טאַקע פון זיינע תלמידים?

ווען ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע האָט זיך אין 1921 יאָר, נאָך אַ סך יאָרן וואַנדערונגען איבער אייראָפּע, אומגעקערט קיין

---

*) 12 פעברואַר 4921

**) 8 דעצעמבער 1920.

***) 16 מערץ 1921.

א׳נדיע, איז ער איבערראַשט געוואָרן מיט דער ענדערונג, וואָס איז פּאָרגעקומען אין די מוחות. זיין אומרויקייט האָט ער אַרויסגעוויזן נאָך פריער — אין אַ רייע בריוו, וואָס ער האָט געשיקט פון אייראָפּע צו זיינע אינדישע פריינט, און טיילווייז אָפּגעדרוקט אין Modern Review*). מיר מוזן זיך אָפּשטעלן אויף די חלוקי־דעות פון די צוויי מענטשן, וואָס באַציען זיך צו זיך מיט דרך־ארץ און באַוואונדערונג — וואָס אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיין צווישן זיך צעטיילט, ווי ס׳זענען צעטיילט דער חכם און דער אַפּאָסטאָל, אַ פּלאַטאָן און אַ הייליקער פּאַול.

פון איין זייט — דער גייסט פון גלויבן און באַרעמהאַרציקייט, וואָס שטרעבט צו ווערן דער באַוועגנדיקער כח פאַר דער בייער מענטשהייט. פון דער אַנדערער זייט — דער גייסט פון פאַרשטאַנד, דער פרייער, ריזיקער און דערהויבענער, וואָס נעמט אַרום אַלץ דאָס לעבעדיקע.

טאַגאָרע האָט תמיד געגלייבט אין גאַנדיס הייליקייט; פאַר מיר האָט ער גערעדט וועגן אים מיט גרויס יראת־הכבוד. ווען איך האָב אין שייכות מיטן מאַהאַטמאַ דערמאַנט טאָלסטאָיס נאָמען, האָט מיר טאַגאָרע אָנגעוויזן, ווי גאַנדי איז אים נענטער

---

*) Letters from Abroad. דריי בריוו פון 2, . . און 13 מערץ 1921 זענען אָפּגעדרוקט געוועזן אין Modern Reviw אין מאַי 1921. דער רוף פון אמת, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך טאַגאָרעס צוריקקער קיין אינדיע, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין Mod. Rev. דעם 1 אָקטאָבער 1921.

ס׳איז באַוואוסט, אַז אחוץ דעם שריפטלעכן וויכוח האָט טאַגאָרע, נאָך זיין צוריקקער קיין אינדיע, געהאַט אַ זעאונג מיט גאַנדי. קיינער פון זיי האָט וועגן דעם נישט דערציילט קיין וואָרט. משמעות, אַז זיי האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט צו האַלטן אים אין געהיים.

צום האַרצן און גלייך ווי ליבער. יעצט, אַז איך קען שוין אויך גאַנדין, האַלט איך אויך אַזוי — מחמת אין גאַנדין איז אַלץ פון דער נאַטור: זיין פשטות, זיין ענינוות, זיין ריינקייט; זיין קאַמף איז איינגעהילט אין זיידענע קליידער. ביי טאָלסטאָיען ווידער איז אומעטום — קאַמף. שטאָלצקייט גייט קעגן שטאָלץ, האַס קעגן האַס, ליידנשאַפט קעגן ליידנשאַפט; אַלץ איז ביי אים ווידערשטאַנד, אפילו דער אומווידערשטאַנד אַליין. דעם 10 אַפּריל 1921 האָט טאַגאָרע געשריבן פון לאָנדאָן: „מיר דאַרפן דאַנקבאַר זיין גאַנדין דערפאַר, וואָס ער האָט אינדיען געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז איר גלויבן אין געטלעכן גייסט פונם מענטש לעבט נאָך"... און נישט געקוקט דערויף, וואָס אַוועקפאָרנדיק פון פראַנקרייך, האָט ער נישט געהאַלטן פון דער גאַנדישער באַוועגונג, איז ער דאָך גרייט געווען איר צו העלפן. אפילו דער גלענצנדיקער מאַניפעסט פון אָקטאָבער 1921—„דער רוף פון אמת" (וואָס איך וועל שפּעטער ברענגען) איז אויך דאָס שענסטע לויב צו גאַנדין, וואָס איז ווען עס איז געזאָגט געוואָרן.

גאַנדי ווידער פון זיין זייט ווייזט אַרויס טאַגאָרען די וואַרעמסטע אַכטונג און, ביי אַלע חלוקי-דעות, באַמיט ער זיך פון אים נישט צו דערווייטערן. עס פילט זיך, אַז ס'איז אים נישט לייכט אָנצוהייבן אַ פּאָלעמיק. און ווען זיינע נאָענטע פריינט באַמיען זיך, ווי תמיד, צו צעפלאַקערן אַ פייער — בעט זיי גאַנדי צו שווייגן. ער דערמאָנט זיי דאָס אַלץ, וואָס ער איז טאַגאָרען שולדיק*).

ס'איז אָבער באַשערט געווען, אַז די אונטערשיידן פון זייע-

*) אַזוי האָט ער טאַקע געשריבן אין איינעם פון זיינע לעצטע אַרטיקלען, וואָס הייסט „ס'איז צו הייליק, אַז מען זאָל עס פאַרעפנטלעכן" (9 פעברואַר 1922). טאַגאָרע האָט זיך שוין זייט לאַנג געקענט מיט גאַנדין. גאַנדי האָט

דע געדאַנקען זאָלן זיך נאָכמער פאַרטיפן. פון זומער 1920 אָן פלעגט טאַגאָרע כסדר זיך באַקלאָגן, אַז זייט טילאַקס טויט גייט גאַנדיס ליבע און גלויבן צו אינדיע לאַבוד צוליב דער פּאָליטיק. ס'איז דאָך אָבער קלאָר, אַז גאַנדי האָט זיך אַנטשלאָסן דערויף נישט מיט זיין אייגענעם ווילן; דאָס איז געווען אַ מוז. ווען טילאַק איז געשטאָרבן, איז אינדיע געבליבן אָן אַ פירער, און מען האָט אים געמוזט פאַרטרעטן.

„אויב איך פאַרנעם זיך מיט פּאָליטיק— זאָגט גאַנדי — איז עס נאָר דערפאַר, וואָס די פּאָליטיק האָט אונז היינט אַרומגעוויקלט ווי אַ שלאַנג. וואָס מיר זאָלן נישט טון, קאָנען מיר זיך פון איר נישט באַפרייען. און איך וועל מיך ראַנגלען מיט אָט דער שלאַנג. איך פאַרמעסט זיך איינצופירן די רעליגיע אין דער פּאָליטיק"*).

טאַגאָרע האָט זיך אָבער געשראָקן פאַר אָט דער נויטווענדיקייט. דעם 1 סעפּטעמבער 1920 האָט ער אַזוי געשריבן:

„מיר מוזן זיך באַקענען מיט די אַלע מאָראַלישע כּוחות, וואָס באַגעגנען זיך אין לעבן פון מאַהאַטמאַ גאַנדי, און וואָס שיידן אים אונטער פון דער גאַנצער וועלט... דאָס, וואָס אַזאַ טייער אוצר איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין כּף-הקלע פון פּאָליטיק און קעגנזייטיקע רייסענישן, איז אַ גרויס אומגליק פאַר אונזער לאַנד, וואָס איר גורל באַשטייט דאָך אין דעם, אַז זי זאָל מיט איר גייסטיקן פייער לעבעדיק מאַכן טויטע... ס'איז זייער אומזיניק צו צעשטויבן אונזערע גייסטיקע אוצרות אין אַוואַנטורעס,

---

נישט איין מאָל זיך אויפגעהאַלטן ביי טאַגאָרן אין סאַנטיניקעטאַן. ער פלעגט זאָגן, אַז ער באַטראַכט טאַגאָרעס הויז, ווי אַן עיר-מקלט, און ווען ער איז געווען אין ענגלאַנד, האָבן זיך זיינע קינדער דערצויגן ביי טאַגאָרן אין הויז.

*) 12 מאַי 1920.

וואָס זענען פון שטאַנדפּונקט פון אמתער עטיק — נאַריש. ס'איז אַ פאַרברעכן צו בייטן אַ מאָראַלישן כח אויף אַ בלינדן, גשמיותדיקן"*).
די שורות האָט ער געשריבן אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון דער פרישער קאַמפּאַניע פאַר אום-מיטאַרבעט און דער אַגיטאַציע, וואָס אינדיע האָט אָנגעהויבן צוליב דער קאַליפאַט-פראַגע און דער פּענדזשאַבער שחיטה. ער האָט זיך געשראָקן פאַר די רעזולטאַטן, וואָס דאָס אַלץ קאָן אַרויסרופן אין דעם לאַנד, וואָס איז אונטערגעוואָרפן היסטערישע אויפברויזן. ער האָט געוואָלט אָפּווענדן דאָס פאָלק פונם געדאַנק וועגן נקמה אָדער וועגן רעוואָלוציע; ער האָט געוואָלט, אַז דאָס, וואָס איז שוין פאַרפאַלן, זאָל פאַרגעסן ווערן, אַז זיי זאָלן זיך ווידמענען נאָר דעם גרויסן פאָטערלאַנד. אויף וויפיל ער האָט אין גאַנדיס לערע און טעטיקייט זיך אַנטציקט מיטן ליכט פונם מסירת-נפש (ער רעדט וועגן דעם אין אַ בריוו פון 2 מערץ 1921, וואָס איך וועל שפּעטער ברענגען)— אויף אַזוי פיל איז אים פרעמד געווען די אידייע פון פאַרליי-קענונג, וואָס ס'האָט אין זיך אַנטהאַלטן די נייע תורה—די אום-מיטאַרבעט. אים איז געווען דערווידער אַלץ, וואָס האָט געזאָגט „ניין". און דאָס איז געווען די סיבה, וואָס ער האָט דעם אידעאַל — אַנטקעגנגעשטעלט די אידייע פון בראַהמאַניזם (די לייטערונג פון די לעבנס-פריידן) — וואָס דעם אָפּזאָג פון אים האָט געפאָדערט דער בודדיזם. דערויף האָט גאַנדי געענטפערט**)

*) און ווייטער: „כבוד און דרך-ארץ פאַרן מאַהאַטמאַ! אָבער אונזערע היימישע פּאָליטיקער קאָנען זיך נישט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז זיי זאָלן נישט אויסנוצן דעם מאַהאַטמאַ פאַר זייערע טונקעלע געשעפטן און כיטרע קאָמ-בינאַציעס".

**) 1 יוני 1921.

אַז דער אָפּזאָג איז נישט ווינציקער וויכטיק פאַרן אָנגעמען. די מענטשלעכע אָנשטרענגונגען זענען געווענדעט סיי אין דער, סיי אין יענער ריכטונג. דער הויפּט-געדאַנק פון די אופּאַנישאַדן איז — אָפּזאָגן זיך. די מחברים פון די אופּאַנישאַדן האָבן דעם בראַהמאַניזם באַצייכנט מיטן וואָרט Neti. אינדיע האָט שוין צופיל אָנגעוואוירן די געלעגנהייט צו זאָגן: „ניין"! גאַנדי האָט איר אומגעקערט אָט די געלעגנהייט. „איידער מען נעמט זייען, מוז מען אַקערן... אַרויסרייסן ס'שלעכטס מיטן וואָרצל"...

טאַגאָרע האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט בדעה פון גאָרנישט זיך אָפּצוזאָגן. זיין דיכטערישע אָנשוייונג פּאַסט זיך צו צו אַלעם, וואָס עקזיסטירט, און ער קוויקט זיך מיט דער וועלט-האַרמאָניע. ער ברענגט עס צום אויסדרוק אין די פאָלגנדע געניאַלע פּראַכטפולע אָנגעשריבענע בלעטלעך — וואָס זענען אָבער גאַנץ ווייט פון דער ווירקלעכקייט. דאָס איז דער טאַנץ פון די נאַטאַראַיאַ, וואָס שפּילט מיט אילוזיעס:

„...מיט אַלע מיינע כּוחות באַמי איך מיך צוצופּאַסן מיין וועלט-אָנשויאונג מיטן ריזיקן באַגייסטערטן שוואונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מיין לאַנד. פאַרוואָס-זשע פיל איך, אַז איך קאָן נישט מיטגיין מיט אַלע, כאָטש ס'איז קעגן מיין ווילן? איך געפין נישט דערויף קיין ריכטיקן ענטפער; נאָר אין דער טונקלקייט פון מיין אונטערבאַוואוסטזיין זע איך עמעצנס אַ שמייכל און הער אַ קול: „דיין אָרט — איז מיט די קינדער, אויפן ברעג פון דעם וועלט-אַל. דאָרט איז דיין מקום-מנוחה. דאָרט וועל איך זיין מיט דיר". און דערפאַר האָב איך זיך אויפסניי גענומען צו שאַפן נייע ריטמען. דאָס זענען אַלץ קלייניקייטן, וואָס פרייען זיך דערמיט, וואָס מען האָט זיי געברענגט אינם לויף פון דער צייט, קלייניקייטן, וואָס טאַנצן אין די שטראַלן פון דער זון, וואָס לאַכן און פאַרשווינדן. נאָר אין דער זעלבער

צייט וואָס איך שפּיל זיך, פּרייט זיך מיט מיר די גאַנצע נאַטור. צי זענען דען די בלומען און די בלעטער אויף די ביימער- נישט קיין ריטמען, וואָס ענדערן זיך קיינמאָל נישט? צי איז דען מיין גאָט נישט דער אייביקער פאַרשווענדער פון דער צייט? די שטערן און פּלאַנעטן וואַרפט ער אינם שטראָם פון דער ענדערונג; אינם מבול פון ערשיינונגען וואַרפט ער די פּאַפּירענע שיפעלעך פון דורות, וואָס זענען פול מיט זיין דמיון. ווען איך פאַרוואַרף אים מיט מיינע בקשות, אַז ער זאָל מיר ערלויבן צו ווערן זיין קליינער תּלמיד און בעט אים, אַז ער זאָל אָננעמען עטלעכע נישטיקייטן, וואָס איך האָב באַשאַפן, אַלס משא פאַר זיין שפּילנדיקער שיף — שמייכלט ער, און איך גיי נאָך אים, און איך טראָג דעם זוים פון זיין קלייד. נאָר וואו בין איך? אינמיטן פון אַ המון, וואָס ווערט גע- שטויסן פון הינטן, געקלעמט פון אַלע זייטן. וואָס פאַר אַ גערויש איז דאָס אַרום מיר? אויב דאָס איז געזאַנג, וועט מיין סיטראַ אויפכאַפּן זיין מעלאָדיע, און איך וועל צושטיין צום כאָר, ווייל איך אַליין בין אַ זינגער. אויב דאָס איז אָבער נאָר אַ הויל געשריי, וועט מיין קול פאַרשריגן און איך אַליין וועל פאַרטויבט. דורך די אַלע טעג האָב איך אָנגעשטרענגט מיין געהער אויף אונטערצושיידן דאָס געזאַנג. נאָר דער פּרינ- ציפּ פון אוּם־מיטאַרבעט, מיט זיין פאַרטויבנדיקן געזאַנג, מיט זיינע דראָונגען, מיט זיינע געשרייען פון פאַרלייקענונג, וועקט מיך נישט. און איך האָב צו זיך אַזוי געזאָגט: „אויב דו קאָנסט נישט גיין צוזאַמען מיט דיינע פאָלקסברידער, ווען פאַר זיי איז אָנגעקומען דער גרויסער היסטאָרישער איבערברוך — זאָלסטו זיך היטן פון צו זאָגן, אַז זיי זענען אומגערעכט און אַז דו ביסט גערעכט; זאָג זיך אָפּ פון דיינע התחייבותן אַלס זעלנער, קער דיך אום אין ווינקל פון דעם דיכטער, און זיי

גרייט אויסגעלאַכט צו ווערן פון דעם אומברחמנותדיקן המון !..."*)

אַזוי האָט גערעדט געטע — דער געטע פון מזרח. און מיר דאַכט זיך, אַז פון דעמאָלט אָן איז שוין באַשטימט געווען: דער דיכטער אַנטלויפט פאַר דערווירקלעכקייט. וואָס דערנידעריקט אים; ער שפּינט אַרום זיך אַ שפּינוועבס פון שעפערישער באַגייס-טערונג. טאַגאָרע באַנוגנט זיך אָבער נישט מיט דעם אַליין. ווען ער האָט געשריבן: „דער גורל האָט מיך אויסגעקליבן, אַז איך זאָל אָנפירן מיט מיין שיף דוקא קעגן שטראָם!" — איז ער אין יענעם מאָמענט פון זיין לעבן נישט געווען בלויז אַ דיכטער. ער איז גע-ווען דער גייסטיקער פאָרשטייער פון אַזיע אין אייראָפּע. און ער איז געגאַנגען קיין אייראָפּע, בעטן ביי איר מיטהילף ביים גרינדן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אוניווערזיטעט אין סאַנטיניקעטאַן.

„וואָס פאַר אַן איראָניע פון גורל, וואָס איך פּראָפּאַגיר אויף דער זייט ים די פאַרייניקונג פון דער אייראָפּעאישער מיט דער מזרחדיקער קולטור דוקא דעמאָלט, ווען פון דער אַנדערער זייט ווערט פּראָפּאַגירט אום-מיטארבעט**)..." די אום-מיטאַרבעט האָט אום. מיטלבאַר פאַרוואונדעט אי זיין ביזאַהעריקע טעטיקייט, אי זיין גלויבן אינם פאַרשטאַנד. „איך גלייב אין דער וואָרהאַפטיקער פאַרייניקונג פון מזרח מיט מערב..."***) זי האָט פאַרוואונדעט זיין גרויסן אינטעלעקט, וואָס איז געשפּייזט מיט אַלע קולטורן פון דער וועלט.

„אין אַלע גרויסע טאַטן פון דער מענטשהייט האָב איך אַ חלק... „די אָנטאָפּיקע פּערזענלעכקייט פונם מענטשן"-ווי ס'שטייט

---

*) 5 מערץ 1921

*) 5 מערץ 1921.

*)5 מערץ 1921.

געשריבן אין די אופּאַנישאַדן—קאָן זיין פאַרווירקלעכט גאָר אין דער דערהויבענער מיטאַרבעט פון אַלע פעלקער. איך בעט גאָט, אַז אינדיע זאָל זיין די ערשטע פאָרקעמפערין פאַר דער פאַרייניקונג פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. פאַר איר איז דער אמת — אין אייניקייט, און די אָפּגעזונדערטקייט איז מ א י א. די אייניקייט איז דאָס, וואָס פאַראייניקט אַלע און דעריבער קאָן זי נישט גיין אויפן וועג פון אָפּלייקענען... דער פּרווו אָפּצוזונדערן אונז פון אייראָפּע איז אַ מאָראַלישער זעלבסטמאָרד... די קעגנוואַרט געהערט צו אייראָפּע. דאָס איז געשען מחמת דעם, וואָס אייראָפּען איז באַשערט געווען אייניקע גרויסע שליחותן — און מיר, דער מזרח, דאַרפן זיך דערפון אָפּלערנען... אודאי איז נישט גוט, וואָס מיר זענען לאַנג שוין אָפּגעריסן פון אונזער אייגענער קולטור, און וואָס דערפאַר פאַרנעמט ביי אונז די אייראָפּעאישע קולטור אַזאַ אָנגעזעען אָרט... זאָגן אָבער, אַז מען דאַרף נישט מיט איר אונטערהאַלטן קיין באַציונגען, איז אַ סימן פון גייסטיקער אָרעמקייט... די אויפגאַבע פון אונזער קעגנוואַרט איז — אַלוועלטלעכקייט. קיין איין פאָלק אין דער וועלט קאָן נישט געבן איין טריט, אָפּזונדערנדיק זיך פונם אַנדערן. אָדער אַלע צוזאַמען זאָלן מיר זיך ראַטעווען, אָדער צוזאַמען אונטערגיין..."*)

אַזוי ווי געטע האָט זיך אין 1813 יאָר אָפּגעזאָגט צו ה אַ ס ן די פראַנצויזישע קולטור, אַזוי קאָן טאַגאָרע נישט דערלאָזן צו איבעררייסן מיט דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. ער ווייסט, אַז דער תּוך פון גאַנדיס תּורה איז נישט דאָס, — אָבער ער ווייסט אויך, אַז די צעהיצטע ליידנשאַפטן פון די אינדישע נאַציאָנאַליסטן

---

*) 18 מערץ 1921. איבערגעחזרט און פארברייטערט אין דעם ארטיקל: די פ א ר יי נ י ק ו נ ג פ ו ן ק ו ל ט ו ר ן (Modern Review) נאָוועמבער 1921.

וועלן אים געבן אַזאַ זינען. און ער האָט מורא פאַר אָט דעם בייסטיקן באַרבאַריזם:

....„די סטודענטן ווילן זיך מקריב זיין, נאָר צו וואָס? נישט צו קיין גרעסערער בילדונג, נייערט צו אַ גרעסערער אומבילדונג... איך געדענק, אַז בשעת דער ערשטער סוואַדעשי-באַוועגונג*) איז צו מיר געקומען אַ המון סטודענטן; זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל זיי הייסן אַרויסטרעטן פון די שולן און אוניווערזיטעטן, וועלן זיי מיך גלייך פאָלגן. איך האָב זיך אָבער אָפּגעזאָגט דאָס צו טון, און זיי זענען אַוועק אַנטוישטע, געספּקט אין מיין אויפריכטיקער ליבע צום פאָטערלאַנד...“**)

פונקט יענעם פרילינג 1921, ווען טאַגאָרע האָט זיך, צו זיין אומצופרידנקייט דערוואוסט, אַז אין אינדיע האָט זיך אָנגעהויבן דער באָיקאָט פון די ענגלישע הויכשולן, איז אים אויסגעקומען אַליין צו זען אין לאָנדאָן אַ שאַרפן ביישפּיל פון אָט דעם אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם: בשעת אַ לעקציע פון זיין פריינט פּירסאָן, האָבן די אינדישע סטודענטן איינגעאָרדנט אַ שטורמישע דעמאָנסטראַציע. טאַגאָרע איז פאַראומערט. אין אַ בריוו צום דירעקטאָר פון סאַנטיניקעטאַן רופט ער עס אָן — דער גייסט פון שעדלעכער אומגעדולדיקייט. ער לייגט איינגאַנצן אַרויף די שולד אויף דער אום-מיטאַרבעט-באַוועגונג. און גאַנדי ענטפערט אויף די טענות***). ער רעדט נישט וועגן די גוטע זייטן פון דער הומאַניטאַרער בילדונג אין אייראָפּע, וואָס

---

*) ס'ווערט געמיינט די ערשטע האָם-רול (זעלבסטפאַרוואַלטונג)-באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 1907—8 אין בענגאַליע.

**) 5 מערץ 1921.

***) „דעם דיכטערס זאָרג“, 1 יוני 1921.

האָט נישט קיין שייכות מיט דער ערציונג, וואָס ער באַשולדיקט, אַז זי דעמאָראַליזירט די אינדישע יוגנט — דאָך פאַראורטיילט ער אויפן שאַרפסטן אויפן די פאַרגעקומענע געשעענישן. ווייטער שרייבט ער:

„...איך וויל נישט, אַז מיין הויז זאָל זיין פאַרמויערט פון אַלע זייטן און איך וויל מיינע פענסטער נישט פאַרקלאַפּן. איך וויל, אַז די אָטעמס פון אַלע קולטורן זאָלן פריי שוועבן אין מיין הויז, אָבער איך זאָג זיך אָפּ זיי צו געהאָרכן. מיין אמונה איז נישט קיין תפיסה-אמונה. פאַראַן אין איר אַן אָרט פאַר אַלע גאָטס שאַפונגען. זי איז נאָר פאַרשלאָסן פאַר דער איינגערעדטער שטאָלצקייט — אַלץ איינס צי זי איז אַ ראַסן-שטאָלצקייט, צי זי איז אַ רעליגיעזע, צי אַ פּאַרטייאישע"...

אָבער אָט די הויכמוטיקע ווערטער איבערצייגן נישט טאַגאָרען. ער ספקט נישט אין גאַנדין אַליין, ער האָט אָבער מורא פאַר די גאַנדיסטן. און נאָך אין אויגוסט 1921, ווי נאָר ער האָט געשטעלט אַ פוס אויף דער אינדישער ערד, איז ער באַלד איבערראַשט געוואָרן פון זייער בלינדן פאַנאַטישן גלויבן אין די ווערטער פונם לערער. אים ווייזט זיך אויס זייער נאָענט די סכנה פון גייסטיקן דעספּאָטיזם; און אָט האָט ער אין Modern Review פון 1 אָקטאָבער אָפּגעדרוקט דעם מאַניפעסט „דער רוף פון אמת", וואו ער שטעלט זיך אַנט-קעגן אָט דעם מין גייסטיקער פאַרשקלאַפונג. דער פּראָטעסט איז דערמיט נאָך שטאַרקער, וואָס אין אָנהויב פונם אַרטיקל רופט ער זיך באַגייסטערט אָפּ וועגן דעם מאַהאַטמאַ. טאַגאָרע דערמאַנט דעם אָנהויב פון דער באַוועגונג פאַר אינדיעס אומאָפּהענגיקייט אין די יאָרן 1907/8, ווייזט אָן, ווי אוטאָפּיש ס'איז דעמאָלט געווען דער טרוים פון די אינדישע פּאָליטישע טוער, באַגייסטערט מיט די געשטאַלטן פון גלאַדסטאָנען, מאַדזיני,

גאַריבאַלדי, און די גאַנצע באַוועגונג איז נישט מסוגל געווען אַרויסצוגיין פון אייגענעם ענגן קרייז — פון די פּאָר געבילדעטע אינטעליגענטע מענטשן, וואָס האָבן אגב גערעדט לויטער ענגליש.

„...אין יענעם מאָמענט איז געקומען מאַהאַטמאַ גאַנדי. ער פלעגט אַרומגיין איבער די אָרעמע הייזער, אנגעטון ווי אַ בעטלער, ער האט גערעדט מיטן אָרעמען המון אויף זיין שפּראַך. דאָ איז געווען דער אמת, און נישט קיין ציטאַט פון אַ בוך. דער נאָמען, וואָס מען האָט אים געגעבן — מאַהאַטמאַ, איז זיין אמתדיקער נאָמען. ווער נאָך האָט אַזוי ווי ער דערפילט, אַז אַלע הינדוסן זענען בלוט פון זיין בלוט, פלייש פון זיין פלייש? די אינערלעכע גייסטיקע כוחות האָבן, גערופן פון אמת, אויפגעוואַכט. ווי נאָר די אמתע ליבשאַפט האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר פון אינדיע, האָט זיך די טיר ברייט אויפגעפּראַלט. פאַרשוואונדן איז די וואַק־לעניש. דער אמת האָט געבוירן אַ צווייטן אמת... אַ לויב צום מאַהאַטמאַ, וואָס האָט אַנטדעקט פאַר אונז דעם כח פון אמת!.. ווען בודדאַ האָט גערעדט וועגן מיטלייד צו אַלע לעבעדיקע באַ־שעפעניש, וואָס האָט אים געבראַכט צו דער שטרענגקייט לגבי זיך אַליין — האָט אינדיע זיך אויפגעכאַפּט און זיך צעבליט אין איר העלדישקייט; אירע כחות האָט זי אויסגעדריקט אין די וויסנ־שאַפטן, אין דער קונסט, אין רייכטום; איר גייסט האָט געגרייכט איבער מדבריות און ימים... קיין שום וויסנשאַפטלעכע אָדער מילי־טערישע מאַכט האָט זיך נאָך דערצו נישט דערהויבן... אין אמת איז דאָ אויף דער וועלט — די ליבשאַפט. די פרייהייט, וואָס קומט דורך איר, איז אין אונז אַליין..."

דאָ ענדיקט זיך מיטאַמאָל די לויב. יעצט קומט די אַנטוישונג:

„...עטלעכע קלאַנגען פון אַט דער מוזיק, פון אַט דער וואונדערלעכער אויפוואַכונג פון אינדיע דורך ליבשאַפט, זענען צו מיר דערגאַנגען אויף יענער זייט ים... איך האָב געהאָפט איינ־

צושטעמען אין זיך די אויפּלעבנדיקע לופט פון דער נייער פריי-הייט פון גייסט — און האָב מיך פול מיט שמחה צוריקגעקערט. נאָר דאס, וואס כ׳האָב דאָ געטראָפן, האָט מיך אַנטוישט. עפּעס אַזוי ווי אַ בלייענער וואָלקן וואָלט געהאָנגען איבערן לאַנד. עפּעס ווי אַן אויסערלעכער כח וואָלט יעדן באַוועגט, און אַלע רעדן אויף איין קול, און אַלע האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין איין וואָגן—אומע-טום האב איך געהערט, אַז סיי די קולטור, סיי דעם פאַרשטאַנד, מוז מען פאַרוואַרפן, און אַליין זיך איינגראָבן אין בלינדער גע-הארכזאַמקייט... ס׳איז דאך אַזוי לייכט צו דערשטיקן די אינערלע-כע מענטשלעכע פרייהייט אין נאָמען פון דער אויסערלעכער!..״

אונז איז נישט פרעמד סיי די מורא, סיי די אַנטוישונג. זי איז געווען במשך פון אַלע יאָרן. די לעצטע גרויסע מענטשן פון דער פאַרשווינדנדיקער אַנטיקער וועלט האבן אַזוי באַגעגנט דעם אויפקום פונם קריסטנטום. מיר פילן אַליין, ווי ס׳וואַקסט אין אונז דער פּראָטעסט קעגן דעם ים מיט מענטשן, וואָס ווערן היינט גע-פירט מיט דער בלינדער פּאָן פון גלויבן, צי געזעלשאַפטלעכן, צי נאַציאָנאַלן — אַלץ איינס. דאָס איז דער אייביקער ווייטאָק פון דעם פרייען גייסט אויף די דורות פון גלויבן, וואָס ער האָט אַליין באַשאַפן; מחמת אָט דער גלויבן איז דער אָנלען פאַר אַ הייפל אויסדערוויילטע, און פאַר דעם פאָלק — אַ פאַרקנעכטונג.

אָבער טאַגאָרעס טענות זענען געווענדעט נישט נאָר קעגן דעם פאַנאַטיזם פונם המון. איבער די קעפּ פון דער מאַסע, וואָס איז באַטרונקען מיטן גלויבן, רעדט ער מיטן מאַהאַטמאַ. ווי גרויס גאַנ-די זאָל נישט זיין, איז דאָך אָבער זיין אויטאָריטעט נישט גרעסער פון איין פּערזאָן. אַזאַ פּראַגע, ווי די אינדישע, קאָן זיך דאָך נישט האַלטן אין די הענט פון איין פירער. גאַנדי איז דער לערער פון אמת און יושר. און פאַרשטייט זיך, אַז „דער גאָלדענער רוט, וואָס קאָן אויפוועקן אונזער לאַנד צו אמת און יושר, געהערט נישט צו

יענע זאַכן, וואָס קאָנען געמאַכט ווערן בײ אַ וועלכן נישט איז גאָלדשמיד... די קענטעניש, ווי אויסצוקעמפן דעם סוואראַדזש, איז אַ גרויסע אויפגאַבע. אירע וועגן זענען שווער, און דאָס פאָדערט אַ סך צייט. פאַר אַזאַ זאַך דאַרף זיין באַגייסטערונג און געפיל, אָבער עס מוז אויך זיין — קענטעניש און געדאַנק. אַ דאַנק דעם קאָן דער עקאָנאָמיסט טראַכטן, דער אַרבעטער — אַרבעטן, דער לערער — לערנען, דער מלוכה-מאַן — רעגירן. מיט איין וואָרט, די גייסטיקע כחות פונם פאָלק דאַרפן געווענדעט ווערן אין אַלע ריכטונגען. דער גייסט פון פאָרשונג מוז אויפגעהאַלטן ווערן. דאָס גייסטיקע לעבן טאָר נישט פאַרטריבן ווערן, צי דורך אַן אָפענעם, צי דורך אַ געהיימען דרוק"...

אַזוי אַרום רופט טאַגאָרע אַלע גייסטיקע אויטאָריטעטן פון אינדיע צו מיטאַרבעט.

„אין אונזערע פאַרצייטישע וועלדער האָבן אונזערע גורו (חכמים), זיכער אין זייער אמת, געוואָרפן דעם רוף צו אַלע, וואָס זוכן אים... פאַר וואָס דען זאָל אויך אונזער גורו, וואָס וויל אונז פירן אויפן וועג צו דער טאַט — פאַרוואָס וואַרפט ער נישט דעם רוף?"

אָבער דער גורו גאַנדי האָט אינגאַנצן געוואָרפן איין רוף: „שפינט און וועבט!". צי איז דען דאָס אונזער גאַנצער רוף צו שאַפונג? אויב די גרויסע מאַשינען זענען אַ געפאַר פאַר אייראָפּע — צי זענען דען פאַר אונז די קליינע מאַשינען נישט קיין גרעסערע געפאַר?"

ס'איז נישט גענוג, וואָס אַלע כחות פונם פאָלק זאָלן מיטאַרבעטן צווישן זיך; מען דאַרף מיטאַרבעטן מיט די כחות פון דער גאַנצער וועלט... „די ווידעראויפוואַכונג פון אינדיע איז אַ טייל פון דער ווידעראויפוואַכונג פון דער גאַנצער וועלט... יעדעס פאָלק, וואָס וועט זיך פאַרשליסן אין זיך, וועט גיין קעגן דעם גייסט פון

דער נייער צייט..." און טאַגאָרע, וואָס האָט פאַרבראַכט אין איי-ראָפּע עטלעכע יאָר, דערציילט ווען אַ סך מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט — גוטע אייראָפּייער, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן די קייטן פון נאַציאָנאַליזם פון זייערע הערצער, כדי זיי צו ווידמענען פאַר דער מענטשהייט. אָט די קליינע פאַרפאָלגטע מינדערהייט וועט פון קיינעם נישט באַזיגט ווערן; דאָס זענען די בירגער פון דער וועלט, וועלכע ער רופט Sannyasi*), ד. ה. די, וואָס האָבן ביי זיך אין האַרץ פאַרווירקלעכט די אייניקייט פון דער מענטש-הייט.

„אָבער מיר — מיר וועלן בלייבן אין איינזאַמקייט, און וועלן זיך באַגעגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן זיך חזרן די דינים פון פאַרלייקענונג, זיך כסדר אומקערן אויפן וועג פון אַלטע טעותן, מיט דער האָפענונג צו פאַרווירקלעכן דעם סוואַראַדזש אויפן יסוד פון שנאה און האַס! ווען דער פויגל כאַפּט זיך אויף אינם זון-אויפגאַנג, טראַכט ער נישט בלויז וועגן שפייז. זיינע פליגל ענטפערן אומבאַוואוסטזיניק אויף דעם הימלישן רוף. זיין קול טרילט פריי-דיקע געזאַנגען צום נייעם ליכט. די נייע מענטשהייט שיקט אונז איר רוף. זאָלן מיר איר דעריבער ענטפערן אויף אונזער שפּראַך!.. אונזער ערשטער חוב אינם זון-אויפגאַנג איז — צו דערמאָנען דעם אייביקן, וואָס ווייסט נישט פון קיין אונטער-שייד פון שטאַנדן און פון פאַרבן, און וועלכער זעט, דורך דער פילפאַרביקייט פון זיינע כחות, ווי נייטיק ער איז צו די נויטן פון יעדן שטאַנד און פון אַלע שטאַנדן צוזאַמען. לאָמיר לויבן דעם,

*) אַזוי רופט ער די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער פּערזענלעכן לעבן, כדי צו ברענגען די מענטשהייט צו אייניקייט.

וואָס שענקט אונז חכמה, זאָל ער אונז אַלע פאַרייניקן אין דעם אמתדיקן פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן...״*)

אָט די מאַיעסטעטישע ווערטער, די דערהויבנסטע, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז געהערט, אָט די לויטערע פּאָעמע — רירט אין אַ גלייכער מאָס אַלע מענטשן. די איינציקע טענה, וואָס מען קאָן זיי פאָרוואַרפן איז, וואָס זיי רירן צופיל. זיי זענען ריכטיק - פון דער הייך פון דורות. דער דיכטער-זינגער, „דער ריזיקער באַכטיגאַל, די שוואַלב, וואָס איז גרויס ווי אַן אָדלער״ (ווי ס׳האָט געזאָגט הייגע וועגן איינעם פון די גרעסטע גאונים פון אונזער מוזיק) — זינגט אויף די חורבות פון דער צייט. ער איז אייביק. די קעגנוואַרט קלאַמערט אים. די קעגנוואַרט פאָדערט אַ פאַרלייכטערונג פון איר וויי — זאָל זיין אַפילו נישט קיין פולקומענע, אָבער אַ באַלדיקע. און אין דעם פרט האָט גאַנדי, וואָס פאַרמאָגט נישט דעם שוואונג וואָס טאַגאָרע (אָדער אפשר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דערפון, ווען ער האָט באַשלאָסן צו לעבן צוזאַמען מיט די מצורעים) די מעגלעכקייט גלייך צו ענטפערן.

דאָס מאָל ענטפערט ער מיט אַ גרעסערער היץ ווי ביז אַהער. זיין ענטפער האָט נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך; דעם 13 אָקטאָבער איז ער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין Young India. גאַנדי דאַנקט דעם גרויסן שומר**) פאַר דעם, וואָס ער שטייט אויף דער וואַך און היט אָפּ אינדיע פון די געפאַרן, וואָס דראָען איר. ער איז מיט אים מסכים וועגן דער נויטווענדיקייט פון פרייהייט פון אויסוואַל. „מען דאַרף ביי קיינעם נישט אויס-

---

*) פאַראַפראַזירט פון אַ שיר אין די אופּאַנישאַדן.

**) אַזוי איז, אגב, דער נאָמען פונם אַרטיקל.

פרעסן קיין באַשלוס. דאָס בלינדע אונטערגעבן זיך איז טיילמאָל נאָך דערנידעריקנדיקער פון געוואַלט, וואָס ווערט באַגאַנגען אונטער דער בייטש פון טיראַניי. פאַרהאַן נאָך אַ האָפענונג פאַרן קנעכט פון דער רויער קראַפט; פאַר דעם קנעכט פון געניטער ליבשאַפט אָבער איז שוין אפילו קיין האָפענונג נישטאָ..." טאַגאָרע איז אַ גוטער שומר; ער זאָגט אָן, אַז דער שונא איז נאָענט. דער שונא הייסט: צביעות, אָפנעשטאַנענקייט, אומגעדולד, אומוויסנקייט, פוילקייט... גאַנדי דערלאָזט אָבער נישט, אַז טאַגאָרעס טענות זאָלן זיך צופאַסן צום יעצטיקן מאָמענט. גאַנדי אָפערירט מיטן שכל. עס איז נישט מעגלעך, אַז אין אינדיע זאָל זיין אין אַזאַ גרויסער מאָס די בלינדע געהאָרכזאַמקייט. אויב דאָס לאַנד האָט זיך אַנטשלאָסן זיך צו זעצן צו דער וועב-שטול, איז עס געשעען נאָך אַ לענגערן ישוב-הדעת. „טאַגאָרע רעדט וועגן געדולדיקייט, און באַנוגנגט זיך מיט זיין אייגענעם געזאַנג. יעצט איז מלחמה. זאָל דער זינגער אַוועקלייגן זיין האַרפע. ער וועט שפעטער זינגען. ווען דאָס הויז ברענט, כאַפט זיך יעדער צו אַן עמער וואַסער... ווען די מענטשן אַרום מיר שטאַרבן פון הונגער, איז דאָס איינציקע וואָס איך דאַרף טון — אָנשפייזן די הונגעריקע... אינדיע איז געגליכן צו אַ ברענענדיק הויז... אינדיע שטאַרבט פון הונגער, ווייל זי האָט נישט קיין אַרבעט, וואָס זאָל איר קאָנען געבן עסן. דער Khulna שטאַרבט פון הונגער. די אָרעמע קוואַרטאַלן הונגערן שוין צום פערטן מאָל. מיט יעדן טאָג ווערט אינדיע אוממעכטיקער. דאָס בלוט פליסט שוין כמעט נישט אין אירע אָדערן. אויב מיר ווען זיך נישט אַנטשליסן אויף אַ גרויסער טאַט, וועט זי חרוב ווערן. פאַר אַ פאָלק, וואָס איז אויסגעהונגערט און אויסגעמצערט, קאָן גאָט זיך אַנטפלעקן נאָר אין איין געשטאַלט — אין דער געשטאַלט פון אַרבעט און שפייז, אַלס שכר פאַר דער אַרבעט. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש,

אַז ער זאָל זיך מיט זיין אייגענעם שוויס פאַרדינען אויף ברויט; און גאָט האָט אויך געזאָגט, אַז דער, וואָס עסט און אַרבעט נישט, איז געגליכן צו אַ גנב... מיר דאַרפן יעצט טראַכטן וועגן די מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען יעצט נישטיקער פון ווערים, וואָס האַלטן פאַרן טויט. דער איינציקער אויסוועג פאַר מיליאָנען הונגערנדיקע צו עקזיסטירן, איז דער וועב-שטול. דער הונגער טרייבט אינדיע צום וועב-שטול... דער דיכטער לעבט מיטן מאָרגנדיקן טאָג און פאַרלאַנגט עס פון אונז אויך. ער מאָלט פאַר אונז אַ פראַכטפול בילד פון פייגל, וואָס זינגען שירה אינעם זון-אויפגאַנג. אָט די פייגל זענען זאַט. אַלע טאָג האָבן זיי זייער שפייז, און זיי דערהייבן זיך אויף זייערע פליגלען, זאַפּן אין זיך איין פרישע לופט, און רייניקן זייער בלוט אויף איבער נאַכט. איך האָב אָבער געהאַט דאָס אומגליק צו זעען אַזעלכע פייגל, וואָס האָבן נישט קיין כח; פייגל, וואָס האָבן אפילו שוין נישט קיין פאַרלאַנג צו באַוועגן מיט זייערע אָפּגעשוואַכטע פליגלען. דער מענטשלעכער פויגל, אונטער אינדיעס הימל, גייט אויס. פאַר מיליאָנען מענטשן איז דאָס לעבן אָדער אַן אייביק וואַכן, אָדער אַן אייביקע הינערפלעט... איך האַלט, אַז מען קאָן נישט פאַגרינגערן די יסורים פון די הונגעריקע מיטן געזאַנג פון קאַביר... גיט זיי אַן אַרבעט, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען שפּייזן! מען וועט פרעגן: פאַרוואָס זאָל איך, וואָס בין זאַט, נישט אַרבעטנדיק – פאַרוואָס זאָל איך אויך וועבן? — דערפאַר ווייל איך עס, וואָס ס'קומט מיר נישט. איך לעב פון דער מי פון מיינע מיטברידער. קוקט נאָך דעם וועג פון דעם געלט וואָס איז ביי אייך אין קעשענע, און איר וועט זעען, אַז איך זאָג אמת! מען מוז וועבן! זאָלן אַלע וועבן! זאָל טאַגאָרע וועבן, אַזוי ווי אַלע! זאָל ער פאַרברענען זיינע אויסלענדישע מאַנטלען! דאָס איז אונזער חוב פאַרז היינטיקן

טאָג. מיטן מאָרגנדיקן טאָג וועלן מיר זיך פאַרנעמען שפּעטער ווי עס זאָגט די גיטא: „טו אַ גערעכטיקע זאַך!"

פינסטערע, טראַגישע ווערטער! דער עלנט פון דער וועלט האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם חלום פון דער קונסט און רופט צו איר: „פאַרגעס אָן מיר!" ווער פאַרשטייט דען נישט און פילט נישט מיט גאַנדיס ליידנשאַפטלעכע אויפרעגונג! און דאָך איז פאַראַן אין אָט דעם שטאַרקן שטאָלצן ענטפער עפּעס, וואָס באַרעכטיקט אין אַ קליינער מאָס טאַגאָרעס מורא. שווייג, דיכ־טער! דאָס איז אַ מעכטיקער רוף צום קאַמף. צום אונטערוואַרפן זיך, אָן שום באַדינגונגען, דעם געבאָט פון סוואַדעשי, וואָס זיין ערשטער פּונקט איז — אַז אַלע זאָלן וועבן.

ס׳איז אָן אַ שום ספק, אַז אין מענטשלעכן קאַמף איז די דיסציפּלין דער ערשטער תנאי. דאָס אומגליק באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס דוקא די מענטשן, וואָס דאַרפן די ערשטע זיך אונ־טערוואַרפן—די, וואָס שטייען נאָענט צום פירער--זענען נישט זעלטן גאַנץ שמאָלקעפּלדיק; סיי פאַר זיך, סיי פאַר אַנדערע, מאַכן זיי דאָס מיטל פאַר אַ ציל. דאָס געבאָט פאַרבלענדט זיי דוקא מיט זיין באַגרענעצטקייט, ווייל זיי געפינען זיך אַליין אויף אַ שמאָלן וועג. פאַר זיי ווערט סוואַדעשי דער ציל, באַקומט אַפילו אַ שאָטן פון הייליקייט. איינער פון גאַנדיס הייפּל תלמידים, ד. ב. קאַלעלקאַר, אַ לערער פון זיין טייערער שול סאַטיאַגראַהא.אשראַם אין אַהמעדאַבאַד, האָט אָפּגעדרוקט אַ בראָשור — „די תורה פון סוואַדעשי"*), וואָס גאַנדי האָט פאַרזעען מיט אַ פאָרוואָרט. די בראשור איז געווענדעט צו די לעזער פון פאַלק. און אָט איז דער אני־מאמין, וועלכן

*) The Gospel of Swadeshi, מאַדראַס, 1922.

ס'פּרעדיקט דעם פאלק אייגער פון די, וואס האט דעם זכות צו שטיין ביים גייסטיקן קוואַל פון דער לערע:

„אין אַלע דורות איז גאט פאַרקערפּערט אויף אויסצוליייזן די וועלט... עס הייסט אבער נישט, אַז ער מוז זיך פאַרקערפּערן אין אַ מענטשלעך געשטאַלט... ער קאָן זיך אויך אַנטפּלעקן אין דער געשטאַלט פון אַן אַבסטראַקטער לערע, אדער אַ גרויסע אידייע, וואס דרינגט אַריין אין דער וועלט... זיין נייע יעצטיקע אַנטפּלעקונג איז אין דער תורה פון סוואַדעשי...”

דער עוואַנגעליסט וועט אַזאַ מיינונג אויסהערן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, כל-זמן מען וועט באַטראַכטן די סוואַדעשי ווי אַ באָיקאָט פון די אויסלענדישע סחורות. נאָר אָט די פראַגע איז נאָר אַ נישטיק פּראַקטיש טיילכל „פון דעם דערהויבענעם רעליגיעזן געבאָט, וואָס אים איז באַשערט צו באַנייען די וועלט און זי צו באַפרייען פון שנאה”. אָט דער אמת איז דאָ אין די אינדישע הייליקע ספרים. דאָס איז ער:

„דיין אייגענע דהאַרמאַ (שליחות), אויב אפילו זי האָט נישט אַלע מעלות, איז זי דאָך די בעסטע פון אַלע. ס'איז אַ סכנה צו דערפילן די שליחות, וואָס געהערט נישט צו דיר. נאָר דער דערגרייכט זיין גליק, ווער ס'פאַרנעמט זיך מיט זיין אייגענער באַשערטער שליחות”.

און דער הויפּט-יסוד פון סוואַדעשי שטיצט זיך אויף דעם גלייבן „אין גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די אייביקייט פאַרן וואויל פון דער וועלט. דער דאָזיקער גאָט האָט געגעבן יעדן מענטש זיין סביבה, וואָס ער דאַרף, כדי יעדער מענטש זאָל קאָנען ערפילן נאָר זיין אייגענע שליחות. אַלע האַנדלונגען פון דעם מענטש דאַרפן זיין אין איינקלאַנג מיט זיין לאַגע אינם לעבן... אַזוי ווי אונזער געבוירן, אַזוי קאָנען מיר אונזער משפחה, אונזער לאַנד, אונזער

קולטור—אַליין נישט אויסקלויבן זיך. אונז בלייבט נאָר אָנצונעמען נאָר דאָס, וואָס גאָט האט אונז געגעבן; אָפּזאגן זיך דערפון וואָלט געווען אַ זינד״.

לויט די דאָזיקע גרונט-יסודות קומט אויס, אַז אַ מענטש פון איין לאַנד דאַרף זיך נישט מישן אין די ענינים פון אַנדערן לאַנד. „דער אָנהענגער פון סוואַדעשי נעמט קיינמאָל נישט אויף זיך די אומזיסטע מי צו ענדערן די וועלט; מחמת ער ווייסט, אַז די וועלט האָט זיך באַוועגט און וועט זיך אַלע מאָל באַוועגן מיט גאָטס ווילן. מען דאַרף נישט וואַרטן, אַז איין לאַנד זאָל זיך פאַרנעמען מיט די נויטן פונם אַנדערן, אפילו מחמת ליבשאַפט; אפילו ווען עס זאָל מעגלעך זיין, איז עס אויך נישט נייטיק. דער אמתער גלייביקער פון סוואַדעשי פאַרגעסט נישט, אַז יעדעס מענטשלעכע וועזן איז זיין ברודער, און ער מוז דערפילן דעם חוב, וואס איז אויף אים געפאַלן דורך זיין קומען אויף וועלט... אזוי גוט, ווי מיר זענען מחויב צו דינען דעם דור, אין וועלכן מיר זענען געבוירן, מוזן מיר אויך דינען אונזער פאָטערלאַנד... די באַפרייאונג פונם גייסט מוז געשעען מיט דער הילף פון אונזער אייגענער אמונה און אונזער אייגענער קולטור...״

צי איז אָבער אַ וועלכן ס׳איז פאָלק דערלויבט אויסצוניצן אַלע זיינע מעגלעכקייטן, אויף צו אַנטוויקלען דעם האַנדל און די אינדוסטריע? בשום אופן נישט. שעמען זאָל זיך דער, וואָס וויל פאַרפלייצן אינדיע מיט גרויסע פאַבריקן. דאָס וואָלט געהייסן פאַר-גוואַלטיקט די דהאַרמא פון אַנדערע מענטשן. אַרויספירן אייגענע סחורות איז דאָס זעלבע פאַברעכן, ווי אַריינצופירן פרעמדע. ווייל „דאָס בייטן, דאָס ענדערן איז אַ סתירה צו דער לערע פון סוואַ-דעשי״. און אומגעריכט פאַרן אייראָפּייער קומט דאָ אזאַ משונהדי-קער אויפיר: מען קאָן נישט האַנדלען נישט מיט קיין חפצים, נישט מיט קיין אידייען. אויב אינדיע איז אין גאַנג פון דער געשיכטע געווען

דערנידעריקט, איז דאָס אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד פון אירע אָבות, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט רוים און מצרים — אַ זינד, וואָס אַלע דורות האָבן מיטגעמאַכט. זאָל יעדער לאַנד, יעדער שטאַנד אויספירן זיין שליחות, זאָל ער לעבן נאָר מיט זיינע מעגלעכקייטן, מיט זיינע מנהגים! זאָלן זיי אויסמיידן די התקרבות מיט די מענטשן, וואָס זייער שליחות פאַלט נישט צונויף מיט זייער אייגענער!.. יעדער מענטש איז אַ שטראָם. יעדעס פאָלק איז אַ טייך. יעדער מענטש — שטראָם — דאַרף פליסן מיט זיין אייגענעם לויף, ביז וואַנען ער וועט דערגרייכן דעם ים פון אייניקייט און זיך פאַרייניקן מיט אים.

אָט דאָס איז די קאָנסעקווענץ פון ריינסטן און ענגסטן נאַציאָנאַליזם. זיצן אינדערהיים. פאַרקלאַפּן אַלע טירן. גאָרנישט אויסטוישן. אַלץ באַהאַלטן. גאָרנישט קויפן. לייטערן די נשמה. דאָס איז די מיטלאַלטערלעכע תורה פון די פאַרשלאָסענע נזירים*), און גאַנדי שרייבט זיך אונטער דערויף מיט אַ גרינג האַרץ!

ס'איז פאַרשטענדלעך טאַגאָרעס מורא פאַר די געוויקסן פון אָט דעם רעאַקציאָנערן נאַציאָנאַליזם, וואָס פאַרמעסט זיך איינצוהאַלטן דעם גאַנג פון די דורות, אַריינזעצן אין אַ שטייג דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד און פאַרברענען אַלע בריקן, וואָס פאַריי-

*) דאָך באַגעגענען זיך אינעם בוך באַמערקנסווערטיקע מאָראַלישע געבאָטן: „מען דאַרף נישט קיין נקמה! וואָס איז געשען—איז פאַרפאַלן. די פאַרגאַנגענהייט קאָן נישט צוריקגערופן ווערן. זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער אייביקייט, און דער מענטש פאַרמאָגט נישט די כּוחות עס צו ענדערן. זאָלסט נישט טראַכטן וועגן נקמה פאַר פאַרגאַנגענע באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען! זאָל דער טויטער עבר באַגראָבן זיינע מתים! לאָמיר אַרבעטן אין דער לעבעדיקער געגנוואַרט, ווען אונזער האַרץ איז אין אונז און גאָט איז איבער אונז“! פון אָנהייב ביזן סוף פון דעם בוך וויַיט איבער אים אַן אייזיקע ריינקייט.

ניקן אינדיע מיט אייראָפּע*). אמת, דאָס איז נישט גאַנדיס ענדציל, ער אַליין שרייבט טאַגאָרען: „סוואַדעשי איז אַ בשורה צו דער וועלט... די אום-מיטאַרבעט איז נישט געווענדעט קעגן אייראָפּע. זי איז נאָר געווענדעט קעגן דער מאַטעריאַליזירטער ציוויליזאַציע און קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון די, וואָס לײדן פון איר...” (הייסט עס, אַז זי קעמפט נאָר קעגן די טעותן פון אייראָפּע און ווירקט דערמיט צום בעסערן). „עס איז אַ צוריקמאַרש אין זיך אַליין”. (אַ צייטווייליקער, כדי אָנצונעמען פרישע כחות, איידער מען הייבט אָן צו דינען דער וועלט). „אינדיע דאַרף זיך פריער אָנהייבן לערנען צו לעבן, איידער זי וועט זיך אויסלערנען צו שטאַרבן פאַר דער מענטשהייט...” און גאַנדי וואַרפט אין קיין פאַל נישט אָפּ די מיטאַרבעט מיט ענגלאַנד, ד. ה. מיט אייראָפּע, אויב זי וועט מסכים זיין מיט דעם ציל, וואָס ער לייגט פאָר: די אַלגעמיינע פאַרייניקונג פון אלע פעלקער.

*) טאַגאָרע דאַרף באַזונדערש פילבאַר זיין צו אַזעלכע שריפטן, ווייל צווישן דעם אַשראַם, וואו גאַנדי האָט געוואוינט (און פונוואַנען ס'איז אַרויס זיין לערע) און סאַנטיניקעטאַן— טאַגאָרעס וואוינאָרט — איז אַנטשטאַנען אַ שנאת חנם, וואָס ביידע פירער האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן. דאָס איז צו זען פון גאַנדיס אַרטיקל פון 9 פעברואַר 1922 אין .Y .I, וועלכעס איך האָב שוין דערמאָנט. גאַנדי באַקלאָגט זיך דאָרט דערויף, אַז אַ געוויסער זשורנאַליסט האָט אים צוגעשריבן אַזעלכע ווערטער, וואָס ער האָט כלומרשט געזאָגט וועגן סאַנטיניקעטאַן. ער האָט זיך געזאָלט שלעכט אויסדריקן וועגן דעם לעצטן. ער רעדט מיט גרויס דרך-ארץ וועגן סאַנטיניקעטאַן — אָבער נישט אָן באַהאַלטענער איראָניע: „אויב מיר וואָלט אויסגעקומען צו ענטפערן, וואָס איך האָלט העכער, וואָלט איך, נישט געקוקט אויף דער גרויסער לערע פון אַשראַם, זיך אַרויסגעזאָגט פאַר סאַנטיניקעטאַן. ער איז אַן עלטערער ברודער. ער איז עלטער אין יאָרן און אין חכמה. ער גיט אָבער באַלד צו: זאָל זיך אָבער סאַנטיניקעטאַן היטן פאַר דער באַוועגונג פונם קליינעם ברודער”.

אָט דער גאַנדיס געדאַנק איז אָן אַ שיעור טיפער, אוני־ווערסאַלער*) פון דעם, וועלכן ס'דרינגט אויס קאַלעקאַר אין זיין בראָשור, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט זיין, גאַנדיס, הסכמה.

נאָר פאַרוואָס האָט ער דעמאָלט געגעבן דערויף זיין נאָמען? פאַרוואָס האָט ער דערלויבט איינצושליסן זיין אידייע, וואָס איז באַשאַפן פאַר דער גאַנצער וועלט, אין די ענגע ראַמען פון דער הינדוסטאַנישער טעאָקראַטיע? געפערלעכע תּלמידים! וואָס פלייסיקער זיי זענען—איז אַלץ ערגער. זאָל גאָט אויסהיטן יעדן גרויסן מענטש פון אַזעלכע תּלמידים! זיי קאָנען קיינמאָל נישט אַרומנעמען זיין גאַנצע לערע, זיי צעברעקלען זי אויף פונקטן, - און צעשטערן דערמיט די האַרמאָניע, וואָס איז די געטלעכע מתּנה פון יעדן מענטש.

דאָס איז נאָך נישט אַלץ. די, וואָס לעבן נאָענט צום לע־רער, זיינע אוממיטלבאַרע תּלמידים, נעמען זיך כאָטש איבער מיט זיין גייסטיקער הויכקייט. נאָר די תּלמידים פון די תּלמידים און די איבעריקע, צו וועמען עס דערגייען נאָר שוואַכע אָפּ־

*) איך האַלט, אַז גאַנדי איז אויף אַזוי פיל אוניווערסאַל, ווי טאַגאָרע—נאָר אויף אַ אַנדערן אופן. טאַגאָרע איז אוניווערסאַל מחמת זיין אינטעלעקט, און גאַנדי — מחמת זיין מאָראַלישן בעפיל. גאַנדי שליסט קיינעם נישט אויס פון דער געמיינשאַפט פון דער טעגלעכער תּפילה און אַרבעט. אַזוי האָבען אויך די אַפּאָס־טאָלען אַמאָל נישט געמאַכט קיין חלוק צווישן די יידן און די געצנדינער; זיי האָבן אויף יעדן גלייך אַרויפגעלייגט דעם מאָראַלישן חוב. דערצו שטרעבט אויך גאַנדי. דאַ ווייזט זיך אַרויס זיין באַשרענקטקייט. נישט די באַשרענקטקייט פון זיין האַרץ, וואָס איז אַזוי ברייט ווי קריסטוסעס, נאָר די באַשרענקטקייט פונם גייס־טיקן אַסקעטיזם (אין דעם איז ער אויך ענלעך צו קריסטוסן). גאַנדי איז אַ מיטלאַלטערלעכער אוניווערסאַליסט. און דערפאַר, נישט געקוקט אויף מיין גאַנצער אַכטונג צו אים — בין איך אויף טאַגאָרעס זייט.

קלאַנגען. — זיי נעמען נאָר אָן דאָס מגושמדיקע און מאַטעריעלע פון זיין תורה. צו זייערע אויערן דערגייט נאָר דער רוף: די זעלבסטפאַרוואַלטונג קאָן גיך דערגרייכט ווערן נאָר מיטן וועבן! נישט-אָנערקענונג פונם מענטשלעכן פראָגרעס. גייסטיקער באַר-באַריזם. און טאַגאָרע איז נישט אומגערעכט, ווען ער שרעקט זיך אַזוי, וואָס די אָנהענגער פון אומווידערשטאַנד (און גאַנדי אויך) באַגייען געוואַלט — אויב נישט לגבי מענטשן, איז לגבי די איי-ראָפּעאישע סחורות. און כאָטש גאַנדי זאָגט, אַז „ווי נאָר ער וועט דערפילן אַ שנאה צו די ענגלענדער, גייט ער אַוועק פון שלאַכט-פעלד", כאָטש מען דאַרף ליב האָבן די, קעגן וועלכע מען קעמפט און האַסן בלויז זייערע טעותן, כאָטש „מען דאַרף האַסן די מעשים פונם שטן, ליב-האָבנדיק דעם שטן" — דאָך איז די טעאָריע צו איידל פאַר דעם פאָלק-באַוואוסטזיין. ווען די פי-רער פון דער באַוועגונג דערמאַנען מיט היץ די פאַרברעכנס פון די ענגלענדער, די גרוילן פון פענדזשאַב און אַרום דעם קאַלי-פאַט, ווערט אין פאָלק אַזאַ אויפרעגונג, אַז אויב די צוים פון די פירער וועט נישט אויסהאַלטן—איז ווי צו דער רעגירונג! ווען גאַנדי נעמט אָנטייל ביים פאַרברענען די טייערע סחורות אין באָמביי אין אויגוסט 1921, און ענטפערט אויף די יאוש-אויסרופן פון אַנדריוס מיט זיין „עטיק פון צעשטערונג"*), זאָגט ער, אַז ער גלייבט אין דעם „איבערטראָג פון פאָלקס צאָרן — פון מענטשן אויף חפצים". נאָר ער באַמערקט נישט, אַז דער צאָרן פון פאָלק שלאָגט זיך נאָר דאָ דורך אַ וועג און אַז ביים פאָלק קומט אויס: „פריער די חפצים, און דערנאָך — די מענטשן!". ער האָט גאָרנישט פאָראויסגעזען, אַז אין דעם זעלבן באָמביי וועט מען שוין פאַר דריי חדשים דערנאָך דערהרגענען

---

*) 1 סעפּטעמבער 1921

מענטשג. ער איז צו הייליק, צו לויטער, צו פיל ריין פון חיהשע לײדנשאַפטן, וואָס לויערן אויף יעדן מענטש. ער ווייסט נישט, אַז די, וואָס רינגלען אים אַרום, הערן אַלע זיינע ווערטער, כאַפּן זיי אויף און פארקריפּלען זייער זינען. טאַגאָרע איז מער רעאַ. ליסטיש. ער זעט די אומפּאָרזיכטיקייט פון דער אום-מיטאַרבעט -ער זעט, ווי אירע אָנהענגער, וואָס רעדן כסדר וועגן די עוולות וואָס אינדיע ליידט פון אייראָפּע, און פלאַנצן איין אינם פאָלק דעם סם פון נקמה, וואָס ברענגט צו געוואַלט — און דאָך פּראָ-פּאַגירן זיי דעם אומווידערשטאַנד. זיי, גאַנדיס באַנסטע תלמידים, זענען דאָ גאָרנישט חושד, ווייל זייערע הערצער זענען ריין פון האַס. נאָר דער, וואָס דערנענטערט זיך צום לעבן, דאַרף זעען נישט נאָר זיין הארץ, נאָר אויך אַנדערעס הערצער. היט אייך פארן המון! פאַר דעם, וואָס וויל אים פירן נאָך זיך, איז אפילו ווייניק די העכסטע באַפליגלסטע געבאָטן, אפילו פון גאַנדי אַליין. פאַראַן נאָר איין מעגלעכקייט, אַז זיי זאָלן אָן וואַקלעניש גלייך זיין געהאָרכזאַם דעם לערער: ער דאַרף מסכים זיין צו ווערן זייער גאָט, פאַר וואָס עס האָבן אים שוין געמאַכט די, וועלכע האָבן אים שוין געקרוינט פאַרן גאָט קרישנאַ. נאָר גאַנדיס ער-לעכקייט און ריינקייט דערלויבן נישט דערויף. און דערפאַר קלינגט אַזוי איינזאַם דאָס קול פון אָט דעם ריינעם מענטשן, וואָס הערשט איבערן אויפברויז פונם מענטשן-ים. וועט זיך אים נאָך לאַנג איינ-געבן געהערט צו ווערן? דערהויבן און טראַגיש איז די דערוואַר-טונג!

*

דאָס גאַנצע 1921 יאָר, אין משך פון וועלכן די באַוועגונג איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, איז געווען פול מיט כאַאָס און אומ-אָרדענונג. גאַנדי האָט אַליין נישט געקאָנט זיך אָן עצה געבן מיט אָט דעם שטורעם.

דער אויפשטאַנד איז געווען אין פולן ברען. די רעגירונג אַליין מיט אירע אומגעהייערע רעפּרעסיעס האָט אים נאָך פאַר־שטאַרקט. בלוטיקע בונטן זענען אויסגעבראָכן אין מאַלעגאאן, אין דער אומגעגנט פון נאזיק, אומרוען זענען אויסגעבראָכן אין גירידה און בעהאַר. אָנהייב מאי 1921 זענען פאָרגעקומען נאָך שרעקלעכערע געשעענישן אין אַססאַם: צוועלף טויזנט קוליס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אויף די טיי־פּלאַנטאַציעס און זענען מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן דורך די ענגלישע זעלנער. די אַרבעטער אויף די באַנען און שיפן אין מזרח־בענגאַליע האָבן דערקלערט אַן אַלגעמיינעם צוויי־חדשים־דיקן פּראָטעסט־שטרייק. גאַנדי באַמיט זיך אומעטום צו זיין דער שלום־פאַרמיטלער. אין מאַי באַזוכט ער דעם וויצע־קעניג, לאָרד רידינג; גאַנדי פאַמיטלט צווישן אים און די ברידער אַלי, וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן אין האַלטן אויפהעצנדיקע רעדעס; ער באַקומט פון זיי, זיינע מחמדאַנער פריינט, אַן אָפיציעלן צוזאָג מער נישט צו העצן דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד.

דאָס פאַרקלענערט אָבער נישט דעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט פון דער באַוועגונג, און די אינדישע מחמדאַנער אַנשליסן זיך אַלץ מער. די קאַליפאַט־קאָנפערענץ פון גאַנץ אינדיע, דעם 8 יולי, אין קאַראשי, חזרט איבער דעם געבאָט פון איסלאַם און באַשליסט: קיין איין מחמדאַנער איז נישט דערלויבט צו דינען אין דער אַר־מיי אָדער זיך צו באַטייליקן אין דער רעקרוטאַציע. א חוץ דעם דראָט די קאָנפערענץ דער ענגלישער רעגירונג, אַז אויב זי וועט קעמפן קעגן דער אַנגאָרער רעגירונג, וועט די קאָנפערענץ פאַר־ליי גן דעם אַלאינדישן קאָנגרעס, וואָס דאַרף זיך צונויפקומען סוף יאָר, צו פּראָקלאַמירן די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט און צו דערקלערן אינדיע פאַר א זעלבשטענדיקע רעפּובליק.

דעם 28 יולי באַשליסט דער עקזעקוטיוו פון אינדישן קאָנ־

ברעס (דער ערשטער עקזעקוטיוו, וואָס איז געוויילט געוואָרן לויט דער נייער קאָנסטיטוציע) צו דערקלערן אַ באָיקאָט פון פרינץ פון אועלס, וואָס ווערט ערוואַרט אין לאַנד. אַחוץ דעם ווערט דערקלערט אַ פולשטענדיקער באָיקאָט פון די אויסלענדישע סחורות, וואָס וועלן אַריינגעפירט ווערן ביזן 30 סעפטעמבער. דער עקזעקוטיוו באַשליסט אָנצונעמען דאָס היימישע שפינען און וועבן, באַגייט די אקציע קעגן די אַלקאָהאָל-משקאות — נישט געקוקט דערויף, וואָס די רעגירונג שטיצט די סוחרים. דער עקזעקוטיוו איז אָבער פאָרזיכטיקער פון די מחמדאַנער און טאַדלט די כאַאָטישע אומרוען פון דער לעצטער צייט און די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט. דערביי באַשליסט ער צו פאַרברייטערן די פראָפּאַגאַנדע פאַר אומווידערשטאַנד.

אין אויגוסט ברעכט ווידער אויס אַ געפערלעכער אויפשטאַנד פון די מאַפּלאהן, וואָס געדויערט עטלעכע חדשים. גאַנדי און מאַולאנא מחמד אלי באַשליסן אַרויסצופאָרן פון קאַלקוטאַ קיין מאַלאבאר, כדי דעם אויפשטאַנד צו ליקווידירן. די רעגירונג דערלויבט זיי נישט, און אין סעפטעמבער אַרעסטירט זי מאולאנא מחמדן, די ברידער מאולאנא שאוקאַט אַלי און נאָך אייניקע חשובע מחמדאַנער — דערפאַר, וואָס זיי האָבן דאָס אויף דער קאַליפאַט-קאָנפערענץ אַריינגעטראָגן דעם פאָרשלאַג פון בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט. אַלס ענטפער דערויף באַשטעטיקט דער קאַליפאַט-קאָמיטעט אין דעלהי די רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ (פון בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט). הונדערטער מיטינגען האַלטן עס מיט באַגייסטערונג אונטער. דעם 4 אָקטאָבער מאַכט גאַנדי באַקאַנט, אַז ער סאָלידאַרידיט זיך מיט די מחמדאַנישע ברידער. צוזאַמען מיט נאָך פופציק חשובסטע מיטגלידער פונם עקזעקוטיוו פאַרעפנטלעכט ער אַ מאַניפעסט, אין וועלכן ער פאָדערט צו געבן יעדן אינדישן בירגער דאָס רעכט פריי אַרויסצוזאָגן זיין

מיינונג וועגן דער אום-מיטאַרבעט; ער האַלט, אַז די הינדוסן טאָרן נישט דינען צו אַזאַ מלוכה, וואָס ברענגט אינדיע צו מאָראַלישער,ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער ירידה. זיי דאַרפן נישט דינען דער מלוכה סיי אַלס באַאַמטע, סיי אַלס זעלנער. ער דערקלערט, אַז יעדנס חוב איז — זיך אָפּצוזאָגן פון יעטוועדער מגע-ומשע מיט ענגלאַנד.

דער פּראָצעס פון די ברידער אַלי איז פאָרגעקומען אין קאַראַשי. זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו צוויי יאָר שווערע תּפיסה. אינדיע ענטפערט ווירדיק דערויף. גאַנדיס מאַניפעסט, וואָס מיר האָבן אויבן געבערענגט, ווערט איינשטימיק אָנגענומען דורכן אַל-אינדישן קאָנגרעס-עקזעקוטיוו דעם 4 נאָוועמבער אין דעלהי. דער עקזעקוטיוו באַגייט אַן אַנטשלאָסענעם שריט: ער באַפעלט, אַז אַלע פּראָווינצן זאָלן אָנהייבן די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט — אויף דער אחריות פון יעדער איינער פּראָווינץ באַזונדער; דער ערשטער שריט דערצו זאָל זיין דאָס, וואָס מען וועט אויפהערן צו צאָלן שטייערן. ער שטעלט אַ תּנאַי, אַז די, וואָס וועלן אויפהערן צו צאָלן שטייערן, זאָלן אָננעמען דעם פּראָגראַם פון סוואַדעשי און אום-מיטאַרבעט און איינפירן דאָס היימישע שפּינען און וועבן און דעם אומווידערשטאַנד. אויף אַזאַ אופן באַמיט ער זיך, אונטער גאַנדיס ווירקונג, פאַרייניקן דעם אויפשטאַנד מיט דעם געדאַנק פון זעלבסטאָפּפערונג. כדי עס נאָך מער צו פאַרטיפן, וואָרנט ער די אָנהענגער פון געוואַלט אין זייערע משפחות, אַז זיי האָבן זיך נישט צו ריכטן אויף קיין געלט-אונטערשטיצונג מצד דעם קאָנגרעס.

די אַלגעמיינע אומגעהאָרכזאַמקייט האָט זיך געזאָלט אָנהייבן דעם 17 נאָוועמבער, ווען דער פּרינץ פון וועלס איז אָנגעקומען קיין באָמביי. דעם באָיקאָט האָבן צומיינסט אויסגעפירט די נידעריקע און מיטעלע קלאַסן. די רייכע אָבער, די פּאַרשי, און די

אָפּיציעלע פּערזאָנען האָבן זיך אים נישט אונטערגעוואָרפן. דער המון האָט זיך געוואָרפן אויף זיי, זיי צעשלאָגן, נישט שוי־נענדיק דערביי קיין פרויען. די אויפרעגונג איז גיך געוואַקסן; הייזער זענען פאַגראָמירט געוואָרן, מענטשן זענען פאַרוואונדעט און געטייט געוואָרן. דאָס איז געווען דער איינציגער אויסברוך פון געוואַלט אין גאַנץ אינדיע. דער האַרטאַל (דער פייערלעכער תענית) איז אַדורך אין פולשטענדיקער אָרדענונג. גאַנדי האָט זיך אָבער געפילט, ווי ער זאָגט אַליין, „פאַרוואונדעט". אויף דער ערשטער ידיעה וועגן די אומאָרדענונגען האָט ער גלייך אַהין געאיילט; דער המון האָט אים באַגייסטערט אויפגענומען, און דורך דעם איז זיין צער נאָך פאַרטאָפּלט געוואָרן. די פאַרשי, האָט ער דעמאָלט געזאָגט, האָבן דאָס רעכט אויפצונעמען דעם פּרינץ, ווי זיי ווילן אַליין. קיין זאַך קאָן נישט פאַרענטפערן די געוואַלט־מעשים פון די אויפשטייענדיקע. דער המון האָט זיך באַרויקט, נאָר די געוואַלט־מעשים האָבן זיך איבערגע־חזרט אין אַנדערע ערטער. די אונטערוועלט האָט אויפגעוואַכט; צוואַנציק טויזנט מענטשן האָבן זיך דאָך נישט געקאָנט לייכט באַ־רויקן. דאָך זענען די אומרועןאיינגעשטילט געוואָרן. דער רויקסטער טאָג אין אַן אייראָפּעאישער רעוואָלוציע ברענגט אַ סך מער שאָדנס. גאַנדי ווענדעט זיך מיט אַ פאַרצווייפלטן רוף צו די איינוואוינער פון באָמביי און צו די אָנטיילנעמער פון אומ־מיטאַרבעט; דער אויפרוף איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער גאַנצער פּרעסע. ער זאָגט, אַז אַזעלכע געשעענישן שטערן אין יעצטיקן מאָמענט צו פאַרווירקלעכן די אַלגעמיינע בירגערליכע אומגעהאָרכזאַמקייט — און דעריבער ציט ער צייטווייליק צוריק זיין באַפעל. כדי זיך צו באַשטראָפן - פאַר דער געוואַלט פון אַנדערע - פאַרמשפּט ער זיך צו פאַסטן איין מעת־לעת אין דער וואָך.

די איירֲאָפּייער אין אינדיע האָבּן זיך נישט אויף אַזוי פיל דערשראָקן פון די געשעענישן אין באָמביי, ווי פון דער רירנדיקער איינשטימיקייט ביים אויספירן דעם הארטאַל, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ אינדיע. זיי האָבן אויסגעאיבּט אַ דרוק אויפן וויצע-קעניג, אַז ער זאָל אָננעמען שטרענגע מיטלען, און די רעגירונג האָט נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. מען האָט באַנייט אַ אַלטן געזעץ פון 1908, וואָס פאַרווערט די געהיימע אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפטן; מען האָט אים אָנגעווענדעט קעגן די פרייוויליקע פאַריינען פונם אינדישן קאָנגרעס און פון קאַליפאַט. טויזנטער אַרעסטן זענען פאָרגעקומען. אַלס ענטפער דערויף האָבן זיך טויזנטער נייע פרייוויליקע פאַרשריבן אין די אינדישע פאַרבאַנדן. די פראָווינציעלע קאָמיטעטן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו אָרגאַניזירן פרייוויליקע לעגיאָנען. אויף דעם 24 דעצעמבער — אין דעם טאָג, ווען דער פרינץ האָט געזאָלט קומען קיין קאַלקוטאַ, איז באַשטימט געוואָרן אַ הארטאַל. און ווען דער פרינץ איז דעם באַשטימטן טאָג געקומען קיין קאַלקוטאַ, האָט ער געטראָפן אַ וויסטע שטאָט.

אין די שעהן, ווען — ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן — אַז די רעוואָלוציע איז שוין גאָר נאָענט, האָט זיך געעפנט אין אַהמעדאַבאַד דער אַלאינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס. אויף אים האָט געהערשט די זעלבע שטימונג פון פייערלעכער אויפרעגונג, וואָס אויף די זיצונגען פון רעוואָלוציאָנערען קאָנווענט אין 1789 אין פראַנקרייך, אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער פאָרזיצער פונם קאָנגרעס איז נאָר-וואָס איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. די דיסקוסיעס זענען געווען קורץ. דער קאָנגרעס האָט אויפס'ניי באַשטעטיקט דיאום-מיטאַרבעט, האָט פאָרגעלייגט אַלע בירגער, אַז זיי זאָלן זיך איינשרייבן פאַר פרייוויליקע, און אויב מען וועט דאַרפן — זיך צו לאָזן אַרעסטירן.

ער האָט אויפגעפאָדערט דאָס אינדישע פאָלק אומעטום אָפּצוהאַלטן מיטינגען, האָט גוטגעהייסן די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט אָנשטאָט די אומזיניקע געוואַלט־מעשים; ער האָט געראָטן אָנצוהייבן די אומגעהאָרכזאַמקייט דעמאָלט, ווען דאָס פאָלק וועט זיך געניט באַ־קענען מיט דער טאַקטיק פון אומווידערשטאַנד. פאַראויסזעענדיק, אַז גאָר אין גיכן וועט די גרעסטע טייל פון זיינע מיטגלידער ארעסטירט ווערן, האָט דער קאָנגרעס איבערגעגעבן גאַנדין אַלע פולמאַכטן פאַר אַ פולשטענדיקער דיקטאַטור מיטן רעכט אויסצוקלויבן זיך אַ פאַרטרעטער. ער האָט אים געמאַכט פאַר דעם איינציקן באַלעבאָס איבער דער אינדישער פּאָליטיק, נאָר מיט איין באַדינג: נישט ענדערן דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און נישט שליסן קיין שלום מיט דער רעגירונג אָן דער הסכּמה פונם קאָנגרעס־עקזעקוטיוו. אַ טייל פונם קאָנגרעס האָט אפילו אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג איבערצוגיין צו אַ שאַרפערער טאַקטיק, כּדי אַזוי אַרום גיכער צו דערגרייכן אינדיעס אומאָפּהענגקייט. נאָר דער פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ מערהייט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָן גאַנדיס אויספירונגען.

די נאָטסטע וואָכן האָבן באַוויזן די ריזיקע רעליגיעזע באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד. 25.000 מענער און פרויען האָבן זיך פריידיק געלאָזט איינזעצן אין תּפיסה. הינטער זיי האָבן זיך אויפגעהויבן טויזנטער אַנדערע און געוואַרט אויף דער רייע אויסצופירן זייער באַשלוס.

גאַנדי האָט זיך אויפ׳סניי געגרייט זיך צו ווענדן צום פאָלק מיטן רוף — ווידער אָנצוהייבן די אומגעהאָרכזאַמקייט. דער צייכן האָט געזאָלט געגעבן ווערן פון באַרדאָלי, אין דער אומגעגנט פון באָמביי, וואו זיין לערע האָט אַלע מאָל געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג*). גאַנדי איז פריער ווענן דעם מודיע

---

*) 140 דערפער מיט 87 טויזנט איינוואוינער.

דעם וויצע-קעניג מיט אַן אָפענעם בריוו פון 9 פעברואַר 1922; דאָס איז געווען אַ העפלעכע, נאָר אומבאַדינקטע מלחמה-דערקלערונג. גאַנדי זאָגט, אַז ער איז יעצט דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער פירער פון דער באַוועגונג. באַרדאָלי דאַרף ווערן דער ערשטער אָנהייב פונם אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג, וואָס האָט זיך אַזוי ברוטאַל פאַרשוואוירן אויף דער פרייהייט פון וואָרט, פאַרזאַמלונגען און פרעסע. גאַנדי גיט דעם לאָרד רידינג זיבן טעג צייט אויף צו ענדערן די פאָליטיק. אַנדערש וועט דער אַרויסגעגעבענער באַפעל אויסגעפירט ווערן: דער אויפשטאַנד וועט זיך אָנהייבן*).

דער בריוו איז נאָר-וואָס אַוועקגעשיקט געוואָרן, און מיטאַמאָל זענען אין שאַרי-שאָרא, אין דער געגנט פון האַראַקפור, אויסגעבראָכן נייע שוידערלעכע בלוטיקע געשעענישן. בשעת אַ געוויסער דעמאָנסטראַציע האָט פאָליציי געשאָסן אויפן המון. ווען פונם המון האָט מען צוריקגעשאָסן, האָט זיך די פאָליציי פאַרבאַריקאַדירט אינם פאָליציי-הויז. דער המון האָט אונטערגעצונדן דאָס הויז. אומזיסט האָבן די באַלאַגערטע געבעטן רחמים — זיי זענען פאַרברענט געוואָרן. די פראָוואָקאַציע איז געווען פון זייער זייט, און קיינער פון די אָנהעגנער פון אום-מיטאַרבעט האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער רציחה. גאַנדי האָט געזאָגט דאָס פולשטענדיקע רעכט — נישט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנט-

*) דעם זעלבן טאָג איז אין .I. I געווען אַ באַטיץ וועגן דעם אולטימאַטום, נאָר שאַרפער אויסגעדריקט: אויב דער וויצע קעניג וועט נישט ענטפערן — ווערט דער באַפעל אומבאַדינקט אויסגעפירט. די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט ווערט אויסגעפירט פאַר יעדן פרייז, אפילו ווען עס זאָל שפעטער גישט זיין פאַר איר קיין מערהייט.

וואָרטלעכקייט. נאָר ער איז דאָך דאָס געוויסן פון אינדיע. יעדעס פאַרברעכן, וואָס אַ וועלכער בישט איז הינדוס איז באַגאַנגען, האָט אים באַפלעקט מיט בלוט. ער האָט גענומען אויף זיך די זינד פונם גאַנצן פאָלק. זיין יאוש איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גלייך, שוין צום צווייטן מאָל, אָפּגעשטעלט די באַוועגונג, וואָס ער האָט אַליין אָנגעהויבן. דאָס מאָל איז זיין לאַגע געווען אָן אַן ערך פיינלעכער, ווי דעמאָלט, נאָכן אויפשטאַנד אין באָמבײַ. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער אַרויסגעשיקט אַן אולטימאַטום צום וויצע-קעניג. ווי אַזוי זאָל ער עס צוריקציען, און זיך דערביי נישט מאַכן צו שפּאָט? די שטאָלצקייט, וואָס איז, ווי ער זאָגט, דער שטן, האָט אים נישט דערלאָזט דאָס צו טון. און דאָס איז דווקא געווען אַ גרונט זיך דערויף יאָ צו אַנטשליסן. ער האָט געדאַרפט אויסטרינקען „דעם ביטערן כּוס פון דערנידערונג". און ער האָט אים אויסגעטרונקען.

דעם 16 פעברואַר 1922 איז אין Ioung India דערשינען איינער פון די מערקווירדיקסטע דאָקומענטן פון אָט דעם לעבן*), — זיין עפנטלעכער ודוי. פון דער טיפעניש פון זיין דערנידערונג איז דאָס ערשטע וואָרט זיינס — אַ לויב צו גאָט, וואָס ער האָט אים דערנידעריקט:

„גאָט איז צו מיר גוט געוואָרן. צום דריטן מאָל האָט ער מיר דערוויזן, אַז אינדיע האָט נאָך נישט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אומווידערשטאַנד און אמת, וואָס נאָר אויף זייער פּאָן קאָן מען אויספירן די אַלגעמיינע בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט. זי הייסט „בירגערלעך", ווייל זי איז פרידלעך, פאָרזיכטיק און פרייוויליק; עקשנותדיק, נאָר קיינמאָל נישט פאַרברעכעריש און

*) „דאָס פאַרברעכן פון שאָרי-שאָרע".

שנאהדיק. צום ערשטן מאָל האָט ער עס מיר דערוויזן אין 1919 יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג קעגן דעם א. ג. ראולאט-געזעץ. אהמעדאבאד, וויראמאגאם און הערדא האָבן פאַרבלאָנדזשעט. איך האָב זיך אומגעקערט אויף דעם אויסגעטראָטענעם גלייכן וועג; איך האָב דערזען מיין פאַרבלאָנדזשעניש, כ'האָב זיך דערנידעריקט פאַר גאָט און פאַר מענטשן, און אָפּגעשטעלט נישט נאָר די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט פון די מאַסן, נאָר אויך מיין אייגענע... צום צווייטן מאָל איז דאָס געווען בשעת די געשעענישן אין באָמבײַ. ס'איז מיר באַשערט געווען זיך צוצוקוקן צו זיי. איך האָב ווידער אָפּגעשטעלט די אומגעהאָרכזאַמקייט, וואָס האָט זיך געזאָלט אָנהייבן און באַרדאָלי. די שאַנד איז געווען נאָך גרעסער, אָבער זי האָט מיר געבראַכט אַ נוצן. איך בין זיכער, אַז דאָס פאָלק האָט זיך אַ סך אָפּגעלערנט פון אָט דעם אויפהאַלטן די באַוועגונג, און אויף אַזאַ אופן איז אינדיע נענטער געוואָרן צום אמת און צום אומווידערשטאַנד. נאָר די ביטערסטע דערנידערונג איז היינט. גאָט האָט צו אונז גערעדט דורך די געשעענישן אין שאַרי-שאַרא... בשעת אינדיען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט שוין דערגרייכט די שוועל פון פרייהייט, דורך איר אומווידערשטאַנד, איז די געוואַלט פונם המון געווען אַ טרויעריקע וואָרענונג. די אָנהענגער פון דער אום-מיטאַרבעט דאַרפן דערשטיקן די געוואַלט-שטרעמונגען צווישן דעם המון. דאָס וועט זיין מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען אינדיעס אומבאַוואוסטזיניקער עלעמענט וועט ווערן איינגעצוימט..."

דעם 11 פעברואר האָט ער צונויפגערופן אין באַרדאָלי דעם אויספיר-קאָמיטעט פונם אינדישן קאָנגרעס און פאַר אים דערציילט וועגן זיינע ספקות. אַ סך פון זיינע חברים זענען נישט מסכים געווען מיט אים. נאָר ער איז געווען, ווי ער זאָגט אַליין „געבענטשט" פון הימל, און זיי האָבן אים פאַרשטאַנען. זיי האָבן

פאַרשטאַנען זיין אומרויקייט און זענען מיט אים איינגעגאַנגען, אַז מען מוז אָפּרופן די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט, און פאַר־לייגן אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען צו פאַרווירק־לעכן דעם פּרינציפּ פון אומווידערשטאַנד.

„איך ווייס, זאָגט גאַנדי, אַז דאָס וועט זיך אויסווייזן נישט קלוג געהאַנדלט; נאָר דאָס איז גוט פון שטאַנדפּונקט פון דער רעליגיע, מחמת איך האָב תשובה געטון, און מיין זאַך געווינט שוין מיט דעם, וואָס איך האָב זיך מודה געווען אין מיינע טעותן. דאָס איינציקע גוטס, צו וועלכן איך שטרעב, איז דער אמת און דער אומווידערשטאַנד. איך פּרעטענדיר גאָרנישט אויף קיין איבערמענטשלעכע דערגרייכונגען. איך זאָג זיך נישט נאָך זיי. איך בין פונם זעלבן טייג געקנעטן, וואָס דער שוואַכסטער פון אונז, און איך קאָן זיך נישט אויסהיטן פון פעלערן. מיינע מעשים זענען באַגרענעצט; נאָר ביז היינט האָט זיי גאָט געבענטשט, כאָטש זיי זענען נאָך וויט נישט קיין פולשטענדיקע... מיין תשובה איז גע־גליכן צו אַן אייזערנעם בעזעם... איך האָב אין זיך דערפילט פריי־שע כחות, ווייל איך האָב תשובה געטון. ס'האָט נאָך קיין מענטש נישט דערגרייכט זיין ציל, אויב ער איז פריער נישט אָפּגעטרעטן פונם גלייכן וועג... מען זאָגט מיר, אַז דאָס פאַרברעכן אין שאָרי־שאָרא האָט נישט קיין שייכות מיט דער באַוועגונג אין באַרדאָלי. אודאי נישט. איך האַלט, אַז די איינוואוינער פון באַרדאָלי זענען די פרידלעכסטע מענטשן אין אינדיע. נאָר באַרדאָלי איז דאָך נאָר איין פּינטעלע אירס. די באַמיונגען פון אָט דעס קליינעם פּינטעלע קאָנען נאָר דעמאָלט האָבן אַ פּעולה, ווען עס וועט זיין ענג פאַרייניקט מיט די איבעריקע טיילן פון אינדיע.... איין קערענדל סם אין אַ פולן עמער מילך פאַרדאַרבט זי. שאָרי־שאָרא איז אַ שטערבלעכער סם. ער איז נישט דער איינציקער, און ער ווערט געפערלעך פאַר אַלע אַנדערע פּונקטן. ער איז דער געפערלע־

כער סימפטאָם פון פסדרדיקע אומרוען... די אמתע ביר-גערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט פאַרטראָגט נישט קיין שום געוואַלט. זי איז אַ צוגרייטונג צום שווייגנדיקן ליידן. איר ווירקונג איז וואונדערלעך, כאָטש זי איז אַ אומבאַמערקבאַרע און אַ סיסטעמאַטישע... די טראַגעדיע פון שאָרי-שאָראַ איז די האַנט, וואָס ווייזט אונז דעם וועג. אויב מיר ווילן נישט, אַז פון דעם אומווידערשטאַנד זאָל אַרויסקומען געוואַלט, דאַרפן מיר זיך וואָס גיכער אומקערן אויף אונזער וועג, צוריקשטעלן די אָרדענונג און דערווייל פאַרגעסן וועגן דער אַלגעמיינער אומגעהאָרכזאַמקייט, כל-זמן מיר וועלן נישט זיין זיכער, אַז די רו וועט דערהאַלטן ווערן פאַר יעדן פרייז. זאָל אונז דער שונא חושד זיין אין פאַלשקייט! ס'איז גלייכער פאַלש פאַרשטאַנען צו ווערן, איידער אָפּצונאַרן גאָט..."

און דער נביא וויל אויסלייזן דאָס בלוט, וואָס אַנדערע האָבן פאַרגאָסן:

„איך וויל פערזענלעך זיך לייטערן. איך וויל זיך אויס-לערנען אונטערצושיידן די קלענסטע וואַקלונג אין דער מאָראַ-לישער אַטמאָספערע אַרום מיר*). מיינע תפילות דאַרפן ווערן נאָך אויפריכטיקער און טיפער. קיין שום זאַך לייטערט נישט בעסער, ווי אַ תענית; דעמאָלט ווערט דערגרייכט די פולשטענ-דיקע דערהייבונג פונם גייסט איבערן גוף".

ער פאַרמשפט זיך עפנטלעך אליין צו אַ פינף-טאָגיקן תענית. זאָל אים קיינער נישט נאָכטון. ער וויל נאָר באַשטראָפן זיך

---

*) איך מאַך אויפמערקזאַם אויף דעם ליכט, מיט וועלכן ס'איז באַ-שטראַלט דער געהיימנישפולער כח פון אַ דער נשמה, וואָס דערפילט אַלע דער-שיטערונגען פונם פאָלק.

אַליין. דער תענית איז אין דער זעלבער צייט געווען אַ שטראָף סיי פאַר אים, סיי פאַר די, וואָס האָבן געזינדיקט — אפשר מיט זיין נאָמען אויף די ליפּן — אין שאַרי־שאָראַ. גאַנדי האָט אַליין געוואָלט פאַר זיי ליידן, נאָר דאָך ראַט ער זיי זיך איבערצו־ געבן אין די הענט פון דער מאַכט און זיך מודה זיין אין אַלעם. ווייל זיי האָבן געבּרענגט אַ גרויס שלעכטס דער זאַך, וועלכער זיי האָבן געוואָלט דינען.

„איך וואָלט אפילו געוואָלט איבערטראָגן אַלע ערגסטע ערנידערונגען און פּיינען, אפילו פאַרשטיינערט צו ווערן, בכדי נישט צו דערלאָזן, אַז אונזער באַוועגונג זאָל איבערגיין צו געוואַלט אָדער פאַרזאָגן די געוואַלט.”

*

די געשיכטע פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין פאַרמאָגט ווייניק אַזעלכע זייטן. די גייסטיקע ווערט פון אַזאַ מין טאַט איז נישט צו דערשאַצן. נאָר אַלס אַ פּאָליטישע טאַט איז זי אומפערשטענ־ דלעך. גאַנדי האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז מען וועט אים האַלטן פאַר „פּאָליטיש משוגע”. ס׳איז זייער געפערלעך אַרויס־ צולאָזן די לייצעס פון דער האַנט, הייסן דעם פאָלק צו וואַרטן אויף דער צוגעזאָגטער באַוועגונג, אויפהייבן אַ האַנט, כדי צו געבן אַ סיגנאַל, און ווידער זי אַראָפּלאָזן — און דעמאָלט, ווען די ריזיקע מאַשין איז שוין געלאָזן אין גאַנג, זי דריי מאָל אָפּצושטעלן. ס׳איז אַ סכנה, אַז דער מעכאַניזם קאָן צעבראָכן ווערן.

אַז דעם 24 פעברואַר 1922 איז זיך אין דעלהי צונויפ־ געקומען דער עקזעקוטיוו, האָט גאַנדי זיך נאָך שווערן קאַמף דערשלאָגן, אַז מען זאָל אָננעמען די באַשלוסן, וואָס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן דעם 11־טן דעם זעלבן חודש אין באַרדאָלי.

צווישן די אַנטיילנעמער פון אום־מיטאַרבעט איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג. גאַנדי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך נאָך ענגער אָרגאַניזירן און פאַרגעלייגט אַ רעאָרגאַניזאַציע. נאָר אַ סך מיט־גלידער האָט געערגערט דאָס אָפּשלעפּן: מען איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם, וואָס מען האָט אָפּגערופן די אומגעהאַרכזאַמקייט. עס האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז גאַנדי דערשטיקט די שטרעמונגען צווישן פאָלק. אַ טייל מיטגלידער האָבן געפאָדערט שטעלן צו אָפּשטימונג די פראַגע וועגן באַשטימען אַ קאָנטראָל איבערן אויספיר־קאָמיטעט און געפאָדערט אָפּצוּוואַרפן זיינע באַשלוסן. זייערע פאָרשלאָגן האָט מען אָפּגעוואָרפן, אָבער גאַנדין האָט עס נישט געטרייסט. זיין מערהייט האָט אים נישט געפרייט. זי האָט זיך אים אויסגעוויזן פאַר נישט אויפריכטיק. און נישט איינער, וואָס האָט פאַר אים געשטימט, האָט אים הינטער זיינע פּלייצעס אָנגערופן „דיקטאַטאָר" — ער האָט עס אַליין געהערט. טיף אין זיין נשמה האָט ער געפילט, אַז ער ווערט אָפּגעפרעמדט פון פאָלק. ער האָט זיך, אין זיין גרויס אויפריכטיקייט, מודה געווען וועגן דעם דעם 2 מערץ 1922:

„ביי דער מערהייט זענען פאַרהאַן אַ סך באַהאַלטענע אינ־סטינקטן פון געוואַלט, באַוואוסטזיניקע און אומבאַוואוסטזיניקע. און דערפאַר האָב איך געבעטן צו גאָט וועגן דער דראָענדיקער סכנה. איך בין תמיד געווען אין דער מינדערהייט. אין דרום־אַפריקע האָב איך אָנגעהויבן מיט דער צושטימונג פון אַלע, און האָב זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזט צו אַ מינדערהייט — צו 64, און דערנאָך צו 16 מאַן. און דערנאָך האָב איך זיך ווידער דער־הויבן צו אַ ריזיקער מערהייט. מיין בעסטע און נוצלעכסטע אַר־בעט איז אָפּגעטון געוואָרן אין איינזאַמקייט... איך האָב מורא פאַר דער מערהייט. איך בין דערגאַנגען דערצו, אַז ס'איז מיר געוואָרן דערווידער די בלינדע באַגלייטונג פונם המון. איך וואָלט אונטער

זיך דעם באָדן פעסטער געפילט, ווען דער המון וואָלט אויף מיר געשפיגן... מיין פריינט האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל נישט מיסברויכן מיט מיין מאַכט... אודאי בין איך ווייט דערפון, נאָר איך פרעג זיך אַליין: צי לאָז איך זיך אַליין נישט „עקספּלואַטירן"? איך בין זיך מודה, אַז איך האָב שטאַרק מורא דערפאַר. מיין איינציקע רעטונג איז נאָר אין מיין העזה. איך האָב שוין געזאָגט מיינע חברים פונם קאָנגרעס, אַז איך וועל זיך נישט פאַרבעסערן. יעדעס מאָל, ווען דאָס פאָלק וועט באַגיין אַן עוולה, וועל איך עס נישט פאַרשווייגן. דער איינציקער טיראַן אין דער וועלט, וועלכן איך אָנערקען, איז דאָס שוואַכע שטילע קול", וואָס איז אין אונז. און ווען אפילו איך זאָל בלייבן ביי איין מענטש, וואָלט איך געהאַט דעם מוט ווייטער צו בלייבן אין מיין מינדערהייט. דאָס איז מיין איינציקער אָפּנהאַרציקער באַשלוס. יעצט בין איך טרויעריק-דערפאַרענער און קליגער. איך זע, אַז אונזער אומווידערשטאַנד איז נאָר אויבערפלעכלעך. מיר ווערן פאַרברענט פון ערגערונג. די רעגירונג פאַרשטאַרקט דאָס מיט אירע אומגלייבלעכע מעשים. מען קאָן מיינען, אַז די רעגירונג וויל, אַז דאָס לאַנד זאָל זיין רואינירט, פאַרברענט, צערויבט, כדי זי זאָל שפּעטער קאָנען זאָגן, אַז נאָר זי איז בכח דאָס לאַנד צוריקצושטעלן.

„מיר דאַכט זיך, אַז אונזער אומווידערשטאַנד איז מחמת אונזער מאַכטלאָזיקייט; אין אונזערע הערצער לעבט דער געדאַנק וועגן נקמה ביי דער ערשטער געלעגנהייט. צי קאָן דען דער אמתדיקער, פרייוויליקער אומווידערשטאַנד זיך שטיצן אויף אָט דעם געניטן אומווידערשטאַנד פון די מאַכטלאָזיקע? צי פיר איך דען יעצט נישט אויס קיין אומנוצלעכן עקספּערימענט? און ווען עס וועט אויסברעכן דער שטורעם — צי וועט דען עמיצער קאָנען זיין זיכער, אַז ער וועט נישט הייבן זיין האַנט אויף זיין חבר? — צו וואָס וועט דאַן נוצן מיין תענית, וואָס קאָן מיך ברענגען צו אַ

הונגער-טויט — ווען מיר גייען אנטקעגן אזא קיטאסטראָפע? אויב איר זענט נישט ראוי צו אומווידערשטאַנד, זייט ערלעך און גייט-איבער צום ווידע־שטאַנד! נאָר אָן צביעות!*) דער מערהייט ווייזט זיך אויס, אַז זי נעמט אָן דעם אומווידערשטאַנד. זאָל זי וויסן איר גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די לאַגע איז אַזעלכע, אַז אויב מיר ווילן פאַרווירקלעכן די אָנגעהויבענע אַרבעט, מוז מען תיכף אָפּשטעלן די אומגעהאָרכזאַמקייט. אַנדערש וועלן מיר דערטרונקען ווערן אין די מוטנע וואַסערן, וואָס מיר ווייסן נישט זייער טיפקייט..."

און צו דער מינדערהייט זאָגט ער.

„איר ווילט נישט דעם אומווידערשטאַנד? פאַרלאָזט דעם קאָנגרעס! שאַפט אַ נייע פּאַרטיי! מאַכט באַקאַנט פאַרן גאַנצן פאָלק אייער פּראָגראַם, און זאָל עס אויסקלייבן צווישן אייך און אונז! נאָר גייט נישט אויף קיין הינטערוועגן! זייט אָפנהאַרציק!"

וואָס פאַר אַ ביטערער, אָבער העלדישער און לויטערער יאוש ס'קלינגט אין אָט די שטאַרקע ווערטער! דאָס איז געווען זיין שוואַנען-ליד. גאַנדי האָט שוין דעמאָלט געוואָלט אַרעסטירט ווערן. ווער ווייסט, אפשר האָט ער אין דער טיפעניש פון זיין נשמה געוואַרט אויף דעם, ווי אויף אַ דערלייזונג?...

---

*) יעצט ווייסט שוין גאַנדי, אַז אַ טייל פון דער מערהייט, וואָס האָלט אונטער זיין אומווידערשטאַנד, האָט אין איר געזען נאָר אַ פּאָליטיש מיטל, כדי זיך צוצוגרייטן צום ווידערשטאַנד. ווי גאַנדי דערציילט, פלעגן זיי רעדן וועגן „אַגווענדן טעראָר אקעגן די, וואָס זענען נישט פאַר אומווידערשטאַנד". — גאַנדי האָט יעצט דערזען די געפערלעכע נעץ, וואָס טאַגאָרע האָט באַמערקט נאָך פון פריער. ער איז דערפון געווען מוראדיק דערדריקט. יעצט איז ער נאָך שטרענגער פון טאַגאָרען און רייסט זיי אַראָפּ די מאַסקע פון די פנימער.

ער האָט זיך שוין דערויף געריכט פֿון לאַנג. שוין דעם 10 נאָוועמבער 1920 האָט ער אָנגענומען דערצו אַלע מיטלען. ער האָט געגעבן אָנווייזונגען דעם פֿאָלק אויפֿן פֿאַל, ווען ער וועט נישט זיין (If I am arested). ער חזרט עס נאָכאַמאָל איבער אינם אַרטיקל פֿון 9 מערץ 1922, ווען עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט אים אַרעסטירט. ער זאָגט, אַז ער האָט נישט קיין מורא פֿאַר דער געוואַלט פֿון דער רעגירונג. ער האָט מורא נאָר פֿאַר איינס — פֿאַר דער געוואַלט פֿונם המון. דאָס וואָלט אים דערנידעריקט. „זאָל דאָס פֿאָלק האַלטן דעם טאָג פֿון מיין אַרעסט פֿאַר אַ טאָג פֿון פֿרייד! די רעגירונג מיינט, אַז נאָך גאַנדים אַרעסט ווערט מיט אינדיע אויס. ווייזט איר, אַז זי האָט אַ טעות! זאָל זי דערזעען די כּחות פֿון פֿאָלק!"

דער בעסטער באַווייז דערצו זאָל זיין — די אַבסאָלוטע רויקייט. גאַנדי וועט זיך פֿילן דערנידעריקט, אויב ער וועט זיך דערוויסן, אַז די רעגירונג וואַקלט זיך אים צו אַרעסטירן, ווייל זי האָט מורא פֿאַר אַן אויפֿשטאַנד. זאָל דעריבער דאָס פֿאָלק ליידן רויק. זאָל עס נישט וואַרפֿן די אַרבעט, זאָל מען נישט צונויפֿרופֿן קיין מיטינגען. נאָר זאָלן די געריכטן געשלאָסן ווערן, זאָלן נישט דערפֿילט ווערן די מלוכהשע פֿליכטן, זאָלן וויסט און ליער ווערן די מלוכהשע שולן, — מיט איין וואָרט, זאָל אויסגעפֿירט דער פּראָגראַם פֿון אום-מיטאַרבעט אין איר גאַנצן, פֿולשטענדיקן שטרענגן זינען! אויב דאָס פֿאָלק וועט האַנדלען אַזוי, וועט עס זיגן. אויב נישט — וועט עס דערדריקט ווערן.

אַז גאַנדי האָט זיך שוין אַזוי-אַרום צו אַלעם צוגעגרייט, איז ער אַוועק אין זיין געליבט ווינקעלע — אינם אשראַם אין סאַבאַרמאַטי, לעבן אַהמעדאַבאַד, און דאָרט, אין דער סביבה פֿון זיינע בעסטע תּלמידים, האָט ער געוואַרט אויף די, וואָס דאַרפֿן קומען אים אַרעסטירן. ער האָט געטראַכט וועגן דער תּפֿיסה, ווי

וועגן זיין ישועה. אינדיעס מאַכט וועט זיך נאָך מער אַרויסווייזן דעמאָלט, ווען ער וועט נישט זיין. „און ע ר וועט, אפשר, געפינען זיין אָפּרו..."*)

דעם 10 מערץ אין אָוונט, באַלד נאָך דער תפילה, איז אָנגעקומען פּאָליציי. דער גאַנצער אשראם האָט נאָך פריער גע-וואוסט, אַז זי דאַרף אָנקומען. דער מאהאטמא האָט זיך איר רויק איבערגעגעבן. אויפן וועג צו דער תפיסה האָט ער באַגעגנט זיין פריינט, דעם מחמדאַנער מאולאַנא כאַזראט מאָכאַני; ער איז גע קומען צופאָרן פון אַ ווייטער שטאָט, און ער איז נאָך געקומען צו דער צייט; זיי האָבן זיך געוואָרפן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס, און גאַנדי איז געגאַנגען ווייטער. צוזאַמען מיט גאַנדין איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער אַרויסגעבער פון Ioung India באַנקער. גאַנדיס פרוי איז דערלויבט געווען אים צו באַגלייטן ביזן טויער פון דער תפיסה.

שבת, דעם 18 מערץ, צוועלף אַזייגער בייטאָג, האָט זיך אין דער אָנוועזנהייט פונם קרייז-ריכטער און בייזיצער פון אהמעדאַבאַד אנגעהויבן ד ע ר ג ר ו י ס ע ר פּ ר אָ צ ע ס. אומ-געוויינלעכע רויקייט האָט געהערשט אינם געריכט-זאַל. סיי דאָס געריכט, סיי דער אָנגעקלאָגטער זענען געווען פול מיט ריטער-לעכן איידל-מוט. נאָך קיינמאָל האָט זיך ענגלאַנד אין איר קאַמף נישט דערהויבן צו אַזאַ גרויסמוטיקער אָביעקטיוויטעט. אין יענע טעג האָט דער ריכטער, סער נ. ברונספילד, אויסגעקויפט אַ סך שווערע זינד פון זיין רעגירונג.

גאַנדיס פריינט האָבן פאַרעפנטלעכט אַ גענויעם באַריכט פונם משפט, און די אייראָפּעאישע פּרעסע האָט אים טיילווייז

---

*) 9 מערץ 1922.

איבערגעדרוקט; נאָר גאַנץ שוואַכע אָפּקלאַנגען דערפון זענען דערגאַנגען קיין פראַנקרייך. דערפאַר וועל איך דאָ שטאַרק פאַר־קירצן.

פאַרוואָס האָט די רעגירונג באַשלאָסן גאַנדין צו אַרעסטירן? ווי האָט זי געקאָנט, נאָך צוויי יאָר וואַקלעניש, אויסקלויבן דוקא אַזאַ מאָמענט, ווען דער מאַהאַטמאַ האָט איינגעהאַלטן די אויפ־רעגונג פונם פאָלק און איז געווען די איינציקע צוים, וואָס האָט פאַרהאַלטן דעם וועג צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד? צי האָט טאַקע די רעגירונג געוואָלט באַשטעטיקן גאַנדיס טראַגישע ווערטער: „מען קאָן מיינען, אַז די רעגירונג וויל, אַז דאָס לאַנד זאָל זיין רואינירט, פאַרברענט, צערויבט, כדי זי זאָל שפּעטער קאָנען זאָגן, אַז נאָר זי איז בכוח דאָס לאַנד צוריקצושטעלן"? יעדנפאַלס איז די רעגירונג געווען אין אַ שווערער סיטואַציע. אי זי האָט גע־האַט דרך־ארץ צו גאַנדין, אי זי האָט זיך געשראָקן פאַר אים. זי האָט געוואָלט שוינען גאַנדין, נאָר גאַנדי האָט א י ר נישט גע־וואָלט שוינען. ער איז קעגן געוואַלט; אָבער זיין אומווידער־שטאַנד איז געווען מער רעוואָלוציאָנער, ווי אַלע אַנדערע מינים ווידערשטאַנדן. אין דעם זעלבן טאָג, ווען ער איז אַזוי אַרויסגע־טרעטן קעגן דער בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט — דעם 23 פעברואַר — ערב דער דערעפנונג פונם קאָנגרעס אין דעלהי, האָט ער אָפּגעדרוקט איינעם פון די דראָענדיקסטע אַרטיקלען קעגן דער ענגלישער גרויסמאַכט. פונקט דעמאָלט איז אָנגעקומען די אומפאַרשעמטע טעלעגראַמע פון לאָרד בירקענהעט און מאָנטעגיו*).

---

*) „אויב די עקזיסטענץ פון אונזער לאַנד וואָלט געווען באַדראָט, אויב די ענגלישע רעגירונג וואָלט אונטער וואָס־פאַר־אַ־ס'איז מאַנטל נישט אויס־געפילט אירע אַלע התחייבותן לגבי אינדיע, אויב עמעצן וואָלט איינגעפאַלן,

גאַנדי, אין אויפּבּרויז פון ערגערונג, האָט אויסגערופן דעם פאָלגנדיקן באַליידיקנדיקן רוף:

„קיין שום הנחות דעם קעניגרייך, כּל־זמן דער בריטישער לייב דראָט אונז מיט זיין בלוטיקער לאַפּע... דאָס ענגלישע קעניגרייך, וואָס שטיצט זיך אויף דער אָרגאַניזירטער עקספּלואַטאַציע פון די פיזיש־שוואַכערע פעלקער, די רעגירונג, וואָס האָט צו פאַרדאַנקען איר מאַכט דער ברוטאַלער קראַפט — זי קאָן נישט עקזיסטירן אייביק, כּל־זמן ס׳עקזיסטירט אַ גאָט, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט.. שוין צייט, אַז דאָס ענגלישע פאָלק זאָל פאַרשטיין, אַז דער קאַמף, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין 1920, איז אַ קאַמף ביז צום ענדגילטיקן זיג — אַפילו ווען דאָס זאָל געדויערן אַ חודש צי אַ יאָר, חדשים צי יאָרן... איך בעט גאָט, אַז ער זאָל געבן אינדיע דעם כּוח און די מעגלעכקייט דורכצופירן דעם אומווידערשטאַנד ביז׳ן סוף, אָבער עס זאָל ווייסן ווי צו ענטפערן אויף די באַליידיקנדע אַרויספאָדערונגען...”

אויף דעם און אויף נאָך צוויי פריערדיקע אַרטיקלען האט זיך געשטיצט די באַשולדיקונג. גאַנדי איז באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, אַז „ער האָט אַרויסגערופן אַ פאַרפרעמדקייט צווישן דעם פאָלק און דער מאַכט, שנאה און פאַראַכטונג צו דער רעגירונג פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט.” ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרטיידיקער. ער האָט זיך אָנערקענט פאַר שולדיק אין אַלעמען.

דער אָפיציעלער פּראָקוראָר, סער או. סטרענדזשמען פון באָמביי, האָט ערקלערט אַז די דריי אַרטיקלען, אויף וועלכע ס׳שטיצט

אַז מיר וועלן אָפּטרעטן פון אונזערע פאָדערונגען, וואָלט אינדיע געמוזט קעמפן מיטן אַנטשלאָסנסטן פאָלק אויף דער וועלט מיט דער גאַנצער געהעריקער שטרענגקייט”.

זיך די באַשולדיקונג, זענען נישט קיין אויסנאַם. זיי זענען אַ טייל פון אַ קאָנסעקווענטן צוויי-יעריקן קאַמף קעגן דער רעגירונג, וואָס ער האָט באַוויזן מיט ביישפּילן. ער האָט דרך-ארץ פאַר גאַנ־דיס הויכע אייגנשאַפטן. נאָר דאָס שלעכטס, וואָס ווערט אַרויסגע־רופן דורך די אַרטיקלען, איז דערמיט נאָך גרעסער. ער האָט צוגעשריבן גאַנדין די בלוטיקע געשעענישן אין באָמביי און שאָ־רי-שאָראַ. אמת, גאַנדי האָט פּראָפּאַגירט אומווידערשטאַנד, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער דאָך פונאַנדערגעפלאַקערט די שנאה און דערמיט איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ.

גאַנדי האָט געבעטן אַ וואָרט. זיין אינערלעכער געראַנגל, זיינע ספקות אין די לעצטע וואָכן צוליב דער ריכטיקייט פון די באַשלוסן וואָס ער האָט געזאָלט אָננעמען און די רעזולטאַטן, וואָס דאָס האָט געקאָנט מיט זיך ברענגען אין פאַלקס-באַוואוסטזיין — דאָס אַלץ איז צערונען ווי אַ חלום. ער האָט ווידער באַקומען די מאַכט איבער זיך. ער האָט אָנגענומען דאָס אַלץ, וואָס איז שוין געשע־ען, אַלץ וואָס דאַרף נאָך געשען, ווי אַ נויטווענדיקייט, וועלכע מען קאָן באַדויערן, אָבער וועלכע מען מוז איבערטראָגן. ער ערקלערט, אַז ער איז מסכים מיטן פּראָקוראָר. יאָ, ער איז אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ. ער האָט צופלאַקערט די שנאה נאָך אַ סך פריער, ווי ס'ווערט געזאָגט אין דער באַשולדיקונג. דאָס איז געווען זיין שוואַכקייט. ער האָט אויף זיך גענומען אַלע טענות פאַר די געשעענישן אין מאַדראַס, „די טייוולאָנישע רציחות" אין שאָרי-שאָראַ, און די „פיינטלעכע ערנידערונגען" אין באָמביי...

... „דער ה' פּראָקוראָר איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז איך — אַ מענש אַ פאַראַנטוואָרטלעכער, אַ דערצויגענער, וואָס בין געניט ערפאַרן, האָב געדאַרפט וויסן פאָרויס די פרוכטן פון מיין אַרבעט. איך האָב געוואוסט, אַז איך שפּיל מיט פייער. איך האָב זיך דערויף אַנטשלאָסן, און אויב

מען וועט מיך פרייל אָזן, וועל איך עס ווידער טון. אין די לעצטע נעכט האָב איך לאַנג נאָכגעטראַכט. און הייַנט איַנדערפרי בין איך געקומען צום אויספיר, אַז איך וואָלט נישט ערפילט מיין חוב, ווען איך וואָלט נישט געזאָגט דאָס אַלץ, וואָס איך זאָג דאָ. איך בין געווען און בין נאָך הייַנט דערפאַר, אַז מען מוז אויסמיידן די געוואַלט. דער אומווידערשטאַנד איז דער א און ת פון מיין אמונה. נאָר איך האָב געמוזט אויסקלייבן: אָדער זיך אונטערגעבן דער פּאָליטישער אָרדענונג, וועלכע, ווי איך האַלט, האָט געברענגט אַ אומגעהייערן שאָדן פאַר מיין לאַנד — אָדער זיך אונטערגעבן דער סכנה, וואָס דראָט אויפן פאָל, ווען דאָס פאָלק וועט הערן דעם אמת פון מיין מויל און וועט אים שלעכט אָנווענדן. איך ווייס, אַז מיין פאָלק האַנדלט טיילמאָל נישט קלוג. איך בין טיף דערפון געטראָפן. און דערפאַר געפין איך זיך דאָ, כדי זיך איבערצוגעבן דער שווערסטער שטראָף. איך בעט נישט קיין רחמנות. איך לייקן נישט אָפּ קיין איין באַשולדיקונג, וואָס איז געווענדעט קעגן מיר. איך געפין מיך דאָ, כדי פריידיק אָנצונעמען די שווערסטע ליידן, וואָס קאָנען מיר צוגעמשפּט ווערן דערפאַר, ווייל אָפיציעל בין איך באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, נאָר וואָס מיר ווייזט עס זיך אויס פאַרן ערשטן חוב פון יעדן בירגער. ריכטער, אייך בלייבט די ברירה: אָדער אָפּצוטרעטן פון אייער אַמט, אָדער מיך צו באַשטראָפן! — —"

נאָך אָט דער קראַפטפולער אימפּראָוויזאַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן די ספקות פון גלייבנדיקן געוויסן און די העלדישע האַרטקייט פון אַ פּאָליטישן פירער, האָט גאַנדי פאַר זיי פאָרגעלייענט דעם אויפרוף, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו די אייַנוואוינער פון אינדיע און ענגלאַנד. ער זאָגט דאָרט, אַז ער איז מחויב זיי צו דערציילן, ווי פון אַ פריינט און אַ הייסן אָנהענגער פון גרויס-בריטאַניע איז ער צו איר געוואָרן אַזוי פיינטלעך

און ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ קעמפּער פאַר אום-מיטאַרבעט. ער שילדערט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון 1873 יאָר אָן. ער דערמאַנט אַלע זיינע ליידן אַלס הינדוס אונטער דער ענגלישער ממשלה; ווי ער האָט פינף און צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד געאַרבעט אין דער ריכטונג צו פאַרלייכטערן זי, אין דער עקשנותדיקער האָפענונג, אַז ס'וועט נישט קומען דערצו, אַז אינדיע זאָל זיך אָפּטיילן פון ענגלאַנד. נישט געקוקט אויף אַלע מניעות, איז ער דאָך ביז 1919 געווען אַן אָנהענגער פון מיטאַרבעט. נאָר די באַליידיקונגען, די אומגערעכטיקייטן און די מעשים-תעתועים האָבן שוין איבערגעפילט די מאָס. די רעגירונג, אָנשטאָט דאָס אויסצוואָרצלען, האָט נאָך באַלוינט די שולדיקע. די רעגירונג אליין האָט איבערגעריסן אַלע פעדעם, וואָס זאָלן איר פאַרבינדן מיט אירע אונטערטענער. יעצט איז גאַנדי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אפילו די רעפאָרמען, וואָס ענגלאַנד לייגט פאָר, וואָלטן געווען פאַר אינדיע געפערלעך. די רעגירונג שטיצט זיך אויף דער עקספּלואַטאַציע פונם פאָלק. זי באַשאַפט אַזעלכע געזעצן, וואָס רעכטפאַרטיקן און האַלטן אונטער די עקספּלואַטאַציע. די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט איז פאַרקויפט און שטייט אין דינסט פון די עקספּלואַטאָרן. מען האָט געפירט אַ סיסטעם פון טעראָר, און דאָס האָט אָפּגעשראָקן דאָס פאָלק און עס געבראַכט צו פאַלשער איבערגעגעבנקייט. אינדיע איז חרוב, הונגעריק, דערנידעריקט; טייל האַלטן אַפילו, אַז ביז אינדיע זאָל קאָנען עקזיסטירן אַלס זעלבסטשטענדיקע מלוכה, דאַרף נאָך געדויערן אַ סך, אַ סך דורות. קיין איין רעגירונג, וואָס האָט ווען עס איז אונטערגעדריקט אינדיע, האָט נאָך איר נישט געבראַכט אַזוי פיל שלעכטס ווי די ענגלישע. ס'איז אַ חוב נישט מיטצואַרבעטן מיטן שלעכטס. גאַנדי האָט אים דערפילט. נאָר אָנשטאָט דעם, אַז ווי עס פלעגט געשעען, דער וועג צו רעטונג זאָל זיין געוואַלט, האָט ער פאַר

געשטעלט פֿאַר זײַן פֿאָלק אַ מעכטיקערן געווער—דעם אומווידער־שטאַנד.

דאָ הייבט זיך אָן אַ ריטערלעכער וואָרט־אויסטויש צווישן דעם ריכטער און דעם מאַהאַטמאַ.

„ה׳ גאַנדי, איר האָט אין אַ געוויסער מאָס מיר פֿאַרלײַכטערט מײַן אויפֿגאַבע. אָבער די שווערסטע זאַך פֿאַר אַ ריכטער — איז אַרויסצוטראָגן אַ גערעכטן אורטייל... מען קאָן דאָך נישט פֿאַרזעען, אַז אין די אויגן פֿון מיליאָנען מענטשן זענט איר דער הערשנדיקער פֿירער און דער גרויסער פּאַטריאָט. אַפֿילו די, וואָס זענען פּאָליטיש מיט אײַך נישט מסכּים, האַלטן אײַך פֿאַר אַ מענטש, וואָס איז באַהויכט מיט גרויסע אידייען. אײַער לעבן ווערט פֿון אַ סך געהאַלטן פֿאַר אַ הייליקס... מײַן חוב איז אָבער אײַך צו משפּטן נאָר אַלס מענטש, וואָס איז אונטערגעוואָרפֿן געוויסע געזעצן. נישט ווייניק מענטשן אין אינדיע באַדויערן יעצט אויפֿריכטיק זייערע מעשׂים, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז די רעגירונג זאָל אײַך נישט קאָנען באַפֿרײַען. אָבער אַזוי איז עס. איך וועל זיך באַמיען צו שאַפֿן אַ גלײַכגעוויכט צווישן דעם, וואָס מוז אײַך קומען, מיט דעם, וואָס ס׳וויל אַזוי גערן די עפֿנטלעכע מיינונג...״

ער פֿרעגט העפֿלעך אויס דעם באַשולדיקטן וועגן די פֿאַרגעוואָרפֿענע באַשולדיקונגען. ער ברענגט פֿאַר אים אַ בײַשפּיל דעם אורטייל, וואָס איז מיט 12 יאָר צוריק אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף טילאַקן: 6 יאָר תּפֿיסה. „האַלט איר עס פֿאַר נישט קלוג? אויב אײַנם לויף פֿון די געשעענישן אין אינדיע וועט זײַן די ערשטע מעגלעכקייט צו פֿאַרקירצן אָט די צײַט, וועט נישט זײַן קיין גליקלעכערער מענטש פֿון מיר...״

גאַנדי האָט גאָרנישט קעגן דעם. ער האַלט פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד, וואָס מען גלײַכט אים צו טילאַקן. ד ע ר אורטייל איז

דאָס מינדסטע, וואָס קאָן אויף אים אַרויסגעגעבן ווערן; אין משך פונם גאַנצן פּראָצעס האָט מען צו אים אַרויסגעוויזן אַזאַ העפלעכקייט, וואָס ער האָט גאָר בעסער נישט פאַרלאַנגט*).

דער פּראָצעס איז געווען געענדיקט. גאַנדיס פריינט זענען, קלאָגנדיק, אים געפאַלן צו די פיס. גאַנדי האָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן זיך געזעגנט מיט זיי. און הינטער אים האָבן זיך פאַרמאַכט די טויערן פון דער תּפיסה פון סאַבאַרמאַטי**).

*

פון דעמאָלט אָן איז אַנטשוויגן געוואָרן דאָס קול פונם נביא. זיין קערפּער איז פאַרמויערט, ווי אין אַ קבר. נאָר קיינ-

---

*) דער אַרויסגעבער באַנקער, וואָס האָט אין משך פונם גאַנצן פּראָצעס מיט אַ רעליגיעזער איבערגעגעבנקייט נאָכגעפאָלגט דעם מאַהאַטמאַ, און זיך סאָלידאַריזירט מיט אַלע זיינע ווערטער, איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף אַ יאָר תּפיסה און צו אַ געלט-שטראָף.

**) פּרוי קאַסטורובאַי גאַנדי האָט פאַרעפנטלעכט דעם אורטייל צו אַלע אינדישע מענער און פרויען (I. I. מערץ 1922) און גערופן דאָס פאָלק זיך רויק צו קאָנצענטרירן אויף גאַנדיס אויפבויונגס-פּראָגראַם.

גאַנדי איז נישט געבליבן אין געפענגעניש פון סאַבאַרמאַטי, וואו די באַדינגונגען זענען געווען גאַנץ גוטע. פריער האָט מען אים אָפּגעפירט אין אַן אומבאַקאַנט אָרט, און צום סוף אין יעראַוואַדאַ, ביי פּונאַ. מ. ס. האַרדיקער האָט אָנגעשריבן (אין Unity פון 18 מאַי 1922) אַן אַרטיקל „גאַנדי אין תּפיסה", וואָס איז נאָך נישט געווען באַשטעטיקט געוואָרן. ער דערציילט, אַז גאַנדי איז איינגעזעצט געוואָרן אין אַ באַזונדער קאַמער אויף די אַלגעמיינע באַדינגונגען, אָן שום פאַרלייכטערונגען, און אַז זיין שוואַכער געזונט-צושטאַנד האָט דערפון נאָך מער געליטן.

ווי אַנדריוס האָט מיר דערציילט, איז גאַנדי גליקלעך אין זיין תּפיסה-

מאָל האָט נאָך קיין קבר נישט אַנטהאַלטן אין זיך קיין אידייע, און גאַנדיס אומגעזעענער גייסט באַגייסטערט, ווי פריער, (און נאָך מער) זיין לאַנד. „שלום, אומווידערשטאַנד, ליידן״—איז די איינציקע בשורה, וואָס דערגייט פון תפיסה אַרויס*). זי איז דערהערט געוואָרן. די ווערטער „גיט אַכטונג אויף דער אָרדע-נונג״ זענען אַדורך דורכן לאַנד פון איין עק ביזן אַנדערן. ווען מען וואָלט אַרעסטירט גאַנדין מיט דריי יאָר צוריק, וואָלט גאַנץ אינדיע אָפּגעפלאָסן אין בלוט. ווען אין מערץ 1920 האָט זיך בלויז וועגן דעם פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, איז אויסגעבראָכן אַ אומגעהייערע אויפרעגונג. אינדיע האָט דעם יעצטיקן אורטייל אויפגענומען מיט באַדענקנדיקן שטילשווייגן. טויזנטער הינדוסן האָבן זיך פריידיק געלאָזט אַרעסטירן. „אומווידערשטאַנד און שלום״. איין אויסערגעוויינלעכער ביישפּיל האָט דער-וויזן, ווי טיף ס׳איז אַריינגעדרונגען אָט די דערהויבענע תורה אין דער נשמה פון פאָלק.

די סיקכן זענען, ווי באַוואוסט, אַלע מאָל געווען די קריגע-רישע טייל פון אינדיע; אַ סך פון זיי האָבן אָנטיילגענומען אין

און אז ער האָט געבעטן זיינע פריינט, מען זאָל צו אים נישט קומען. ער גיט זיך איבער פאַרשיידענע רעליגיעזע איבונגען און ער איז זיכער, אַז אויף דעם וועג וועט ער אַ סך העלפן דער אינדישער זאַך. אַנדריוס האָט מיר אויך פאַרזי-כערט, אַז די גאַנדי-פאַרטיי האָבן דורך דעם אַרעסט פונם מאַהאַטמאַ זייער אַ סך געוואונען. אינדיע גלייבט יעצט מער ווי פריער אין גאַנדין. דאָס פאָלק זעט אין אים אַ גלגול פונם גאָט קרישנאַ, וואָס איז בייגעקומען אַלע גסיונות פון געפענגע-נישן. און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער געפאַנגענער גאַנדי האָט נאָך מער פאַרמיטן דאָס לאַנד פון געוואַלט, ווי ווען ער וואָלט געווען אויף דער פריי.

*) דער אַמעריקאַנער זשורנאַל Unity פון 3-טן אויגוסט 1922 האָט אָפּגעדרוקט גאַנדיס „אַ בריוו פון תפיסה״. דער בריוו איז געווענדעט קעגן דער

דער וועלט-מלחמה. מיט אַ יאָר צוריק איז צווישן זיי אַנטשטאַנען אַ שאַרפע מחלוקת. די סיבה דערצו איז — אין די אויגן פון אַן אייראָפּייער — געווען אַ נישטיקע. זייער רעליגיעזע ווידעראויפ־וואַכונג האָט באַשאַפן אַ סעקטע אַקאַליס, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — אויסצורייניקן זייערע הייליקטימער פון די פאַלשע כלי־קודש. אומבאַרופענע און אומערלעכע כהנים האָבן פאַרכאַפּט די הייליקטימער און נישט געוואָלט אַרויס פון זיי. די רעגירונג האָט, שטיצנדיק זיך אויפן געזעץ, זיי גענומען אונטער איר שוץ. דעמאָלט, אַרום אויגוסט 1922, האָט זיך אָנגעהויבן דער קידוש־השם פון גורו־קאַ־באַה*). די אַקאַליס האָבן געהאַט אָנגענומען דעם אומווידערשטאַנד. טויזנטער פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין שכנות פונם טעמפּל, און פיר טויזנט — אין דעם סאַמע גאָלדענעם היכל אין אַמריטזאַר. אַלע טאָג זענען הונדערט פּריוויליקע (דאָס רוב אין מיליטער־עלטער, אַ סך האָבן געדינט אין דער לעצטער מלחמה) אַרויס פונם גאָלדענעם היכל, געגעבן אַ נדר נישט צו באַגיין קיין געוואַלט סיי אין וואָרט, סיי אין טאַט — נאָר ביז דעם לעצטן אָטעם צו זיין הינטער גורו־קאַ־באַה. די אַנדערע טייל, פינף און צוואַנציק אַקאַליס, האָט אויך געגעבן דעם זעלבן נדר. נישט ווייט פונם היכל, אויף דער בריק, האָט די ענגלישע פּאָליציי זיי אָפּגעוואַרט, באַוואָפנט מיט ריטער מיט מעטאַלענע עקן. און אַנדריוס, טאַגאָרעס פריינט, באַשרייבט די אומגלייבלעכע סצענעס,

---

מאָדערנער ציוויליזאַציע, אָבער ער ווייזט זיך מיר אויס נישט מער, ווי אַ איבערחזרונג פון זיינע פאַרשיידענע פריערדיקע אַרטיקלען און אויסצוגן פון פון זיין בוך „הינד סוואַראַדזש”.

*) גורו־קאַ־באַה איז אַ טעמפּל (Gurdwara), 10 מייל ווייט פון אַמריטזאַר.

וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען יעדן טאָג*). די אַקאַליס, אָנגעטאָן אין שוואַרצע טורבאַנען, וואָס זענען באַפּוצט מיט אַ קליין בינטל ווייסע בלומען, דערנעענטערן זיך צו דעם פּאָליציי־קאָרדאָן. אַן ערך אַ מעטער פאַר זיי בלייבן זיי שטיין — שטומע, אומבאַוועגלעכע, תפלה־טוענדיקע. די פּאָליציי שלאָגט זיי מיט די לאַנגע ריטער. די אַקאַליס פאַלן אונטער די קלעפּ, און, אויב זיי האָבן נאָך כח, שטעלן זיי זיך צוריק אויף און פאַלן ווידער, געשלאָגענע, ביז זיי פאַרלירן דאָס באַוואוסטזיין. אַנדריוס האָט נישט געהערט קיין איין געשריי, נישט געזען קיין איין הכנעהדיקן בליק. נישט ווייט אַרום שטייען הונדערטער צוקוקער, מיט אויסגעקרימטע פּנימער פון ווייטיק און טוען תפילה מיט שטומע ליפּן, מיטן אויסדריק פון באַגייסטערונג און שטומע ליידן. „זיי האָבן מיך דערמאָנט, זאָגט אַנדריוס, אָן דאָס בילד פון ישוס קרייציקונג אויף דער גלגלתא". די ענגלענדער, וואָס זען דאָס צו, שטוינען, פאַרשטייען דאָ גאָר־נישט, און זאָגן מיט באַדויערונג, אַז אָט די נישט קלוגע העלדישקייט איז אַ גלענצנדער נצחון פון דער אום־מיטאַרבעט און אַז זי האָט אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט די באַפעלקערונג פון פּענדזשאַב. נאָר אַנדריוס, וואָס האָט זיך אין זיין ריינעם אידעאַליזם אויסגעלערנט פאַרשטיין אינדיעס נשמה, האָט אין דעם דערזען, אַזוי ווי געטע אין וואַלמי, דעם אָנהויב פון אַ נייער ערא: „אַ נייע העלדישקייט, געבוירן דורך ליידן, איז אויסגעוואַקסן אויף דער ערד; אַ נייער קאַמף פון גייסט".

דאָס פאָלק האָט בעסער געהיטן דעם אָנזאָג פון מאַהאַטמאַ,

---

*) The Akali Struggle, צום ערשטן מאָל געדרוקט אין Swarajya, אין מאַדראַס, און באַזונדער איבערגעדרוקט מיט דער דאַטע פון 12 סעפּטעמבער 1922.

ווי די, וואָס האָבן מיט אים געזאָלט אָנפירן. מיר האָבן שוין געזעען די אָפּאָזיציע, וואָס איז אַנטשטאַנען אינם קאָנגרעס־עקזעקוטיוו מיט צוואַנציק טאָג, איידער גאַנדי איז אַרעסטירט געוואָרן. זי איז ווידער באַנייט געוואָרן אויף דעם זיצונג אין לוקנאָוו דעם 7 יוני 1922. עס האָט געהערשט אַ בולטע אומצופרידנקייט לגבי גאַנדיס פּראָגראַם פון געדולדיקן אויסדויער און שטופנווייזער אויפבויאונג; די אַלגעמיינע איבערצייגונג איז געווען, אַז מען דאַרף איבערגיין צו דער בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט אויספאָרשן דאָס לאַנד, צי עס איז שוין מסוגל צוצוטרעטן דערצו. זי איז אַרומגעפאָרן גאַנץ אינדיע און אין הערבסט אָפּגעגעבן אַ באַריכט. איר באַריכט האָט אַנטמוטיקט די עקסטרעמע עלעמענטן: ער האָט נישט נאָר דערוויזן, אַז עס איז אוממעגלעך איינצופירן די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט, נאָר אַפילו אַ העלפט מיטגלידער פון דער קאָמיסיע — אויסגעפרוווטע מענטשען — האָבן געוואָלט זיך אָפּזאָגן אַפילו פון גאַנדיס אום־מיטאַרבעט — זי האָט זיך זיי אויסגעוויזן פאַר צו ראַדיקאַל. זיי האָבן פאָרגעלייגט, אַז מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פונם באָיקאָט בנוגע די מלוכה־התחייבותן און גרינדן אַ סוואַראַדזש־פּאַרטיי אינם מלוכה־ראַט — ד"ה, מאַכן די אום־מיטאַרבעט פאַר אַ פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע. אַזוי־אַרום האָבן קעגן גאַנדיס לערע געקעמפט פון איין זייט די גאָר עקסטרעמע, און פון דער אַנדערער זייט—די גאָר מעסיקע.

אינדיע האָט אָבער פּראָטעסטירט קעגן דעם. דער אַל־אינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס האָט אויף זיין געוויינלעכער סעסיע, סוף יאָר 1922, אויפס נייַ באַשטעטיקט זיין געטרייִשאַפט דעם פאַרפאָלגטן לערער; ער האָט אונטערגעשטראָכן זיין גלויבן אין גאַנדיס לערע. מיט 1740 געגן 890 שטימען איז

אָפּגעוואָרפן געוואָרן דער פאָרשלאַג מיטצואַרבעטן מיט דעם מלוכה־ראַט. לסוף האָט מען איינשטימיק אָנגענומען דעם פאָר־שלאַג וועגן פּאָליטישן שטרייק מיט קליינע ענדערונגען אין טאַק־טישער הינזיכט. עס איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן דער פאָר־שלאַג וועגן באָיקאָט פון אַלע ענגלישע סחורות, ווייל מען דאָט נישט געוואָלט דערמיט פּראָוואָצירן די איראָפּעאישע אַרבעטער. די מחמדאַ־נישע קאַליפאַט־קאָנפערענץ, וואָס איז דעמאָלט געווען צום ראַדיקאַלסטן געשטימט, האָט מיט אַ ריזיקער מערהייט דעם באָיקאָט יאָ אָנגע־נומען.

דאָ דאַרפן מיר ענדיקן צו דערציילן די וואונדערלעכע געשיכטע פון דער ריזיקער גאַנדישער באַוועגונג. נישט געקוקט אויף פאַרשיידענע אומפאַרמיידלעכע הנחות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, ווען דער נביא אין זיינע בעסטע תּלמידים, זיינע פאָרטרעטער (די ברידער אַלי) — זענען געווען פאַרשפאַרט, איז זי זיגרייך בייגעקומען דעם ריזיקן נסיון פון ערשטן יאָר אָן אַ פירער. דאָס ווייזט אַמבעסטן דער יאוש, וואָס האָט נאָכן קאָנגרעס באַהערשט די גאַנצע ענגלישע פּרעסע*).

*

וואָס ערוואַרט אינדיע אין דער צוקונפט? וועט ענגלאַנד זיך עפּעס אויסלערנען פון דער פאַרגאַנגנהייט און וועט זי זיך באַ־

*) אין Unity (טשיקאַגאָ) פון 16 נאָוועמבער 1922 פירט אונטער בלאַנטש וואַטסאָן אַ סך־הכּל פון „די נוצן, וואָס אינדיע האָט געהאַט פון איר וואָפּבלאָזן ווידערשטאַנד”. זי פאַרזיכערט, אַז אינדיעס אינערלעכע הכנסה איז קלענער גע־וואָרן אויף 75 מיליאָן דאָלאַר, און אַז צוליב דעם באָיקאָט אויף די ענגלישע סחורות האָט ענגלאַנד היזק 20 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. זי שאַצט די צאָל פון

מיען אויסצומיידן אויף להבא דעם אויפשטאַנד ? וועט זיך דאָס פאָלק נישט איינברעכן אין זיין עקשנות ? יעדעס פאָלק האָט אַ שלעכטן זכּרון. און ווען איך וואָלט נישט געווען זיכער, אַז דעם מאַהאַטמאַס תּורה איז טיף איינגעקריצט אינם באַוואוסטזיין פונם פאָלק, וואָלט איך מורא געהאַט, אַז אינדיע וועט עס פאַרגעסן־ ווייל נאָר דער מענטש איז אמת־געניאַל, ווער עס גיט אַ ענטפער אויף די שטרעבונגען פון זיין פאָלק, אויף די נויטן פון זיין דור און די האָפענונגען פון דער וועלט.

אַזוי איז אויך מאַהאַטמאַ גאַנדי. זיין תּורה, די אַהימשאַ (אומווידערשטאַנד), איז שוין געווען אָנגעצייכנט אינם האַרץ פון

די אַרעסטירטע הינדוסן ביז צו יענעם טאָג אויף 30.000 מאַן. זי ברענגט באַווייזן, אַז די אַדמיניסטראַטיווע מאַשין אין אינדיע איז אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער צעפאַלונג. נאָר בלאַנטש וואַטסאָן, וואָס איז אַ באַגייסטערטע אָנהענגערין פונם גאַנדיזם, טרייבט אומבאַוואוסטזיניק איבער. אַנדערע מקורים ווייזן די לאַגע אַביסל ווייניקער גינסטיק. לויט די לעצטע, שטויסט זיך אָן די אידייע פון אויפאָפּערונג מיטן עגאָיזם פון דעם האַנדלס־ און רייכע קלאַסן; אַ סך דעמיסיעס זענען שפּעטער צוריקגעצויגן געוואָרן. און עס איז נישט קיין וואונדער. אין יעדער רעוואָלוציע שטייען אַ סך אָפּ און בלייבן פון הינטן. דער עיקר איז נאָר: צי איז די באַוועגונג באמת אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פונם פאָלק? און אָט איז אַ באַווייז, אין וועלכן מען קאָן נישט צווייפלען וועגן זיין וואָרהאַפטיקייט און אומפּאַרטייאישקייט.

“The Manchester Guardian„, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין ליבעראַליזם, וועלכער איז אָבער אויך גלייכצייטיק דער פאָרשטייער פון די, וועמענס אינטערעסן עס באַדראָט צומיינסט גאַנדיס אום־מיטאַרבעט, איז צוגעטרעטן צו אַ גרינדלעכער אויספאָרשונג פון אינדיע. די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ רייע אַרטיקלען. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס פילט זיך אין זיי די אָפענע אַנטיפּאַטיע צו דער גאַנדישער באַוועגונג און דער געדאַנק צו פאַרקלענערן איר ווערט — פילט

אינדיע זינט צוויי טויזנט יאָר: מאַהאַווירא בודדאַ און דער קולט פוןווישנו האָבן עס געמאַכט פאַר אַן אייגנטום פון מיליאָנען נפשות. גאַנדי האָט נאָר אין דעם אַריינגעגאָסן זיין העלדיש בלוט און עס באַלעבט. ער האָט געוועקט די ריזיקע שאָטנס און די כוחות פון דער פאַרגאַנגנהייט, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער אַ שווערער היגערפלעט. אויפן קלאַנג פון זיין קול האָבן זיי אויפגעוואַכט. ווייל אין אים האָבן זיי זיך אַליין דערקענט. ער איז מער ווי אַ פאָרזאָגער — ער איז אַ ביישפּיל. ער האָט זיי פאַרקערפּערט אין זיך אַליין. וואויל דעם מענטש, וואָס איז אליין דאָס פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון קבר דורך אים.

נאָר אָט די תחיית-המתים געשעען קיינמאָל נישט צופעליק. און אַז דער גייסט פון אינדיע איז אַרויס פון אירע טעמפּלען און

זיך דאָך אין אַלע אַרטיקלען די וואַקסנדיקע מוֹרא פון ענגלאַנד און די ערנסט-קייט פון דער לאַגע אין אינדיע. איך וועל אין קורצע ווערטער איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דעם לעצטן אַרטיקל, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דעם 16-טן פע-ברואַר 1923 (Manchester Guardian Weekly).

דער שרייבער פונם אַרטיקל באַמיט זיך אַליין איבערצוצייגן, אַז גאַנדיס באַוועגונג האָט געליטן אַ שטאַרקע מפּלה און אַז די אום-מיטאַרבעט דאַרף זיך אָרגאַניזירן אויף נייע יסודות. „נאָר, גיט ער צו, דער גייסט פון אום-מיטאַרבעט איז נאָך גענוג שטאַרק. אומעטום איז — אויב נישט קיין ריינער גאַנדיזם, איז אַ ומצופרידי צו דער פרעמדער רעגירונג און אַ הייסער ווילן זיך צו באַפרייען פון איר. מיט דעם דאָזיקן גייסט זענען אַדורכגעדרונגען אפילו די העכערע קלאַסן און די שטאַט-אייגוואוינער. דער פויער (ryot) איז נאָך דערווייל מיט דעם אויבערפלעכלעך איבערגענומען, נאָר אין די דערפער זענען די לעבנס-באַדינגונגען אַזעלכע, אַז גאָר אינגיכן וועט אויך דער פויער זיין אַדורכגעדרונגען מיט די גאַנדישע אידייען. די אַרמיי ווייזט נאָך אויס דערווייל צו זיין צופרידן. אָבער זי ווערט רעקרוטירט פון די דערפער און פריער צי שפּעטער וועט זי מיטגיין מיט דער אַלגעמיינער באַוועגונג. גאַנץ אָפט זענען די בעסע-

וועלדער, איז עס דערפאַר, וואָס זי האָט געבּרענגט דער וועלט אַ פאַראויס-באַשטימטן ענטפער, וואָס די וועלט האָט פון איר דערוואַרט.

*

יאָ, דער ענטפער האָט ווייט איבּערגעוואַקסן אינדיע. נאָר זי איינע האָט אים געקאָנט געבּן. אָט דער ענטפער הייליקט זייבּע קרבּנות. ער קאָן ווערן אַ נייער קרייץ.

מיר ווייזט זיך אויס, אַז ס'איז אַ אייבּיקע נויטווענדיקייט, אַז איין פאָלק זאָל זיך ברענגען פאַר אַ קרבּן פאַר דער בּנייאונג

רע מענטשן און אפילו די מעסיקסטע אַדורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אום-מיטאַרבּעט. די מעסיקע זענען נאָר קעגן די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן; אָבּער דער רוב מנין ובנין פונם פאָלק איז נישט מיט זיי. דאָס לאַנד איז גיכער מסכּים מיט דער אומבּאַרעכנטקייט פון די אָנהענגער פון אום-מיטאַרבּעט, איידער מיט דער פאַרזיכטיקייט פון די מעסיקע..." דער ענגלישער באַאָבּאַכטער רעכנט אויס, אַז בּיז וואַנען די אינדישע פירערן וועלן צוטרעטן צו אַן אויפשטאַנד און זיך אָפּזאָגן צו צאָלן שטייערן, דאַרף אַדורך אומגעפער צען יאָר. נאָר בּיז דעמאָלט וועט זיך די לאַגע כּסדר פאַרשאַרפן. מען קאָן שוין נישט איינהאַלטן די הינדוסן מיט דער מורא פון תּפיסה — אַזאַ מורא עקזיסטירט שוין נישט בּיי זיי. מען מוז איבּערגיין צו שאַרפערע און שטרענגערע מיטלען. נאָר זיי וועלן נאָך פאַרגרעסערן די שנאה. „ס'איז מעגלעך נאָר איין לייזונג פון דער פראַגע, אויבּ זי עקזיסטירט נאָך — אַ פרידלעכע": ענגלאַנד דאַרף אויף זיך נעמען די איניציאַטיוו אַדורכצופירן גרינטלעכע רעפאָרמען אין אינדיע. נישט קיין האַלבּע רעפאָרמען, וואָס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן אין 1919 און אין משך פונם גאַנצן יאָר נישט געקאָנט אויסגעפירט ווערן. זיי זענען נישט גענוגנדיק, און די צייט שטורעמט. זאָל ענגלאַנד צונויפרופן אַן אינדישן נאַציאָנאַלן קאָנווענט, וואו עס זאָלן זיין פאַרטרעטן אַלע אינדישע אידייען און אינטערעסן — אַזוי גאַנדי מיט זיינע תּלמידים, ווי די אינדישע פירשטן און די אייראָפּעאַי-

פון דער גאַנצער וועלט. די יידן האָבן זיך געבּרענגט פאַר אַ קרבּן פאַר זייער משיח, ווען זיי האָבּן אין זיך געטראָגן די האָפֿענונג און זיך מיט איר באַגייסטערט אין משך פון דורות, און לסוף אים נישט דערקענט, ווען ער איז אַ פּאָרבּלוטיקטער געהאָנגען אויפֿן קרייץ. אינדיעס גורל איז אַ גליקלעכערער: זי האָט איר משיח יאָ דערקענט. און פריידיק איז זי זיך מקריב צו דעם, וואָס דאַרף זי אויסלייזן.

אָבער אַזוי ווי די ערשטע קריסטן, פאַרשטייען זיי דאָך נישט

שע קאַפּיטאַליסטן; די מחמדאַנער, די הינדוסן, די פאַרשי, די אייפּיער, די קריסטן, די מצורעים... זאָל דער דאָזיקער קאָנוועגט אויסאַרבּעטן די קאָנסטיטוציע פון דעם אויטאָנאָמען אינדיע און זאָל ער באַשליסן אויסצופירן דעם האָם־רול (אויטאָנאָמיע). אַזוי און נאָר אַזוי קאָן ווערן אויסגעמיטן דער איבּעררייס מיטן קעניגרייך.

איך ווייס נישט, אויף וויפיל די אינדישע רעגירונג און די ענגלישע בּיוראָקראַטיע וועט אָננעמען דעם פּראָיעקט, וואָס זיין אַדורכפירונג פאָדערט אַזוי ענערגיש דער Manchester Guardian, אויפן סמך טאַקע פון דעם אויבּן געבּרענגטן באַריכט. מיר איז אויך שווער צו גלייבּן, אַז גאַנדי און די איבּעריקע אָנהענגער פון דער אום־מיטאַרבּעט זאָלן מסכים זיין אַריינצוטרעטן אין איין פאַרזאַמלונג מיט די אינדישע און אייראָפּעאישע קאַפּיטאַליסטן. איינס בּין איך אָבּער זיכער: אַז דער אינדישער האָם־רול אונטערליגט נישט קיין שום ספק. אַזוי צו אַנדערש — ער איז אומפאַרמיידלעך. און קיין שום זאַך וועט מיך מער נישט וואונדערן, ווי די ענדערונג אין דער בּאַציונג פון די ענגלענדער צו אינדיע, נאָך אַזאַ אָפּלאַכן פון גאַנדיס אידייען. נישטאָ שוין מער קיין פאַראַכטונג מצד די אייראָפּעער צו די הינדוסן. מען בּאַמיט זיך שוין צו ריידן וועגן זיי מיט אַכטונג און מען בּאַמיט זיך צו פ אַ ר ד ע ק ן די אומזיניקע געוואַלט־מעשים, וואָס זענען אַמאָל געווען זייער העכערער, און טיילמאָל זייער איינציקער אויסדרוק פון מאַכט. אינדיע האָט ש ו י ן אָפּגעהאַלטן אַ מאָראַלישן נצחון.

דעם אמתן זינען פון זייער אויסלייזונג. זיי האָבן שוין לאַנג גע־הערט אויף זייער ערד דעם רוף פון דער פּאָליטישער און גייס־טיקער באַפרייאונג. די האָפענונגען פון דער גרעסטער מערהייט הינדוסן גרייכן נישט אָבער מער פונם אינדישן סוואַראַדזש. און איך מיין, אַז אָט דער פּאָליטישער אידעאַל וועט ווערן אינ־גיכן דערגרייכט. איירָאָפּע, אַ פאַרבלוטיקטע פון מלחמות און רע־וואָלוציעס, אַ מידע, אַ געפאַלענע — האָט אָנגעוווירן איר גלאַנץ אין די אויגן פון אַזיאַט, וועלכן זי האָט אונטערגעדריקט. זי וועט שוין אינגיכן נישט קאָנען הערשן אין די אַזיאַטישע לענדער פון די אויפגעוואַכטע פעלקער, פונם קאָראַן, פון אינדיע, כינע און יאַפּאַן.

אָבער עטלעכע נייע פעלקער — ווי פּרעכטיק ס׳זאָל נישט זיין די האַרמאָניע, מיט וועלכער זיי באַרייכערן די סימפּאָניע פון דער מענטשהייט — וואָלט נאָך ווייט נישט געווען אַלץ, ווען די נייע כחות פון מזרח וואָלטן נישט געבערענגט מיט זיך אַ נייעם זינען פון לעבן, פון טויט און — דער עיקר — פון אַרבעט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; ווען זיי וואָלטן נישט געבערענגט פאַר דער מידער איירָאָפּע קיין נייעם באַלזאַם.

איבער דער וועלט הערשט דעם שטורעם פון דער פּויסט. אָט דער שטורעם, וואָס שווענקט אַרונטער די דערוווּרבונגען פון דער ציוויליזאַציע, איז פאַר אונז נישט אומדערוואַרט. די דורות פון ברוטאַלן נאַציאָנאַליסטישן שטאָלץ, אויפגעלעבט דורך דער בלינדער אידעאָלאָגיע פון רעוואָלוציע, פאַרברייטערט דורך דער בלינדער דעמאָקראַטיע — דורות, וואָס אין זייער ענדע שטייט אַ דור פון אוממענטשלעכן אינדוסטריאַליזם און גיריקער פּלוטאָקראַ־טיע, פון שקלאַפישער מעכאַניזאַציע, פון אויסשליסלעכן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, ביי וועלכן די מענטשלעכע נשמה גייט אויס — אָט די דורות האָבן געמוזט פירן צו די פיינטלעכע קאַמפן, ביי וועלכע

עס זענען חרוב געוואָרן די גייסטיקע אוצרות פון אייראָפּע.

איין פאָלק דריקט דאָס אַנדערע אין נאָמען פון די פּרינציפּן, וואָס האָבן אַמאָל באַרעכטיקט די אינסטינקטן פון קינען. און יעדער נאַציאָנאַליסט, פאַשיסט, סאָציאַליסט, יעדער אונטערגעדריקטער, יעדער אונטערדריקנדיקער קלאַס אָדער פאָלק — יעדער פון זיי וויל פאַר זיך געווינען דאָס רעכט צו דער פויסט — די פויסט איז שוין ביי אים געוואָרן אַ געזעץ! — און יעדער פון זיי וויל צו דעם „רעכט" נישט צולאָזן קיין אַנדערן. נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט די פויסט געוועלטיקט איבערן געזעץ. היינט איז די לאַגע אַ סך ערגער. די פויסט אַליין איז געוואָרן דאָס געזעץ. זי האָט דאָס געזעץ פאַרשלונגען.

נישטאָ קיין אויסוועג, נישטאָ קיין האָפענונג אין אָט דער אַלטער, חרוב-געוואָרענער וועלט. נישטאָ קיין איין ליכטיקער שטראַל. די קירכע, די שול גיט נאָר צייטווייליקע פאַרבלענדנדיקע, לינדערנדיקע עצות. זי האָט מורא, אַז מען זאָל זי נישט פאַרגלייכן מיט די לעצטע מאַכטהאָבער פון דער וועלט. איבעריקענס גיט זי נאָר עצות, אָבער זי ווייזט נישט קיין איין ביישפּיל. עובר-ובטלדיקע פּאַציפיסטן, אָפּגעוועלקטע רודפי-שלום שטאַמלען עפּעס אַזעלכעס, אין וועלכן זיי אַליין גלייבן נישט. ווער זאָל זיי געבן דעם גלויבן? און — ווי אַזוי? דורך דער טאַט!

דאָס איז „די בשורה צו דער וועלט", ווי גאַנדי רופט עס אָן, דאָס איז אינדיעס בשורה: „לאָמיר זיך מקריב זיין!"

טאַגאָרע האָט עס איבערגעחזרט אין די פאָלגנדיקע באַפליגעלטע ווערטער*) — ווייל אין אָט דעם גרויסן פּרינציפּ גיבן זיך

---

*) אַ בריוו פון 2-טן מערץ 1921, אָפּגעדרוקט אין מאַי-נומער פון Modern Review.

טאַגאָרע און גאַנדי די הענט:

„...איך האָף, אַז דער זאָמען פון אויפּאָפּערונג און ליידנ־גרייטקייט וועט זיך ברייט צעוואַקסן... נ אָ ר דאָס איז די אמתע פרייהייט... קיין שום זאַך קאָן נישט זיין גרעסער דערפון — אפילו די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט. אייראָפּע גלייבט, אין איר פאַרבלענדעניש, אין דעם כּוח פון די מאַטעריעלע רייכטימער. דעריבער, ווי זי זאָל נישט שרייען וועגן שלום און אַנטוואָפענונג, וועט זיך איר בלוטדורשטיקייט דערפון נישט פאַרמינערן. עס איז אַזוי ווי אַ פיש, וואָס דאָס וואַסער האָט אים צופיל געדריקט: מיטאַמאָל פאַרגלוסט זיך אים צו פליען — אַ גלענצנדיקער איינפאַל; עס איז אָבער אוממעגלעך אים אויסצופירן. מיר, אינדיע, מוזן ווייזן דער וועלט, ווי עס זעט אויס דער אמת, וואָס מאַכט נישט נאָר מעגלעך די אַנטוואָפענונג, נאָר וואָס פאַרווירקלעכט זי. דעם אמת, אַז דער גייסטיקער כּוח איז אַ סך העכער פונם פיזישן, וועלן מיר דערווייזן אָן געווער. אָט האָבן מיר דאָך געזען אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג, אַז דער מענטש האָט באַצוואונגען די אורמיקע וועלט נישט מיט זיין פיזישן כּוח, נאָר דווקא מיט זיין גייסטיקער העכערקייט. און עס וועט קומען דער טאָג, ווען די וועלט וועט געהערן צום נייעם מענטש, דעם מענטש אָן וואָפן. און ס'איז פאַר מיר גאַנץ ריכטיק, וואָס דווקא מאַהאַטמאַ גאַנדי, אָט דער פיזיש־נישטיקער מענטש, איז דער מאַכט־פירער פון אַלע גוטע מענטשן אין דעם באַרויבטן און באַליידיקטן אינדיע. אינדיעס גורל האָט זיך צוגעקליבן פאַר אַ חבר די נאַראַיאַנאַ, און נישט די נאַראַיאַני—סענאַ, ד"ה דעם כח פון גייסט און נישט דעם כח פון מוסקולן. זי דאַרף דאָס דערהייבן די מענטשהייט פונם זומפּ פון מאַטעריעלע קאַמפן צו דער הייך פון גייסטיקן קאַמף. לאָמיר אַרויסוואַרפן פון אונזער מויל אַלע פראַזן, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעלערנט פון אייראָפּע. אָבער דער סוואַראַזדש

איז דאָך נאָך נישט אונזער ציל. אונזער קאַמף איז אַ גייסטיקער קאַמף. עס איז דער קאַמף פאַרן מענטש. מיר דאַרפן אַרויספלאָנטערן דעם מענטש פינם שפּינוועבס, וואָס ער האָט זיך געשפּונען מחמת זיין עגאָיסטישן נאַציאָנאַליזם. מיר דאַרפן דעם שמעטערלינג דערציילן, אַז די פרייהייט איז בעסער פון זייד-ניס. נישטאָ אין אונזער אומגאַנגס-שפּראַך דער אויסדריק „פאָלק". מיר האָבן עס אויסגעבאָרגט ביי אַן אַנדער שפּראַך — אָבער עס גרילצט אינז אין אויער. ווייל מיר ווילן זיך פאַראייניקן מיט דער נאַראַיאַנאַ, מיט דעם העכסטן וועזן. און אונזער זיג וועט אונז גאָרנישט געבן, נאָר דעם זיג אַליין, דעם זיג פאַר גאָטס וועלט... ווען מיר וועלן קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט די שטאַרקע, די רייכע, די באַוואָפנטע, ווען מיר וועלן דערוועקן אין דער וועלט דעם באַוואוסטזיין פון דער אומשטערבלעכקייט פון גייסט, — דעמאָלט וועט די פעסטונג פון דעם ריז שאַיראַ איינפאַלן אין דעם חלל פון גאָרנישט. דעמאָלט וועט דער מענטש געפינען דעם אמתן סוואַראַדזש. מיר, די בעטלער, מיר, די אָפּגעריסענע מזרח-מענטשן וועלן ערווערבן די פרייהייט פאַר דער גאַנצער וועלט".

אָ, טאַגאָרע, אָ, גאַנדי, איר שטראָמען פון אינדיע, וואָס נעמט אַרום אינדיע פון מזרח און מערב, אַזוי ווי אירע צוויי טייכן אינדו און גאַנגעס; טאַגאָרע, פול מיט דער אומענדלעכער ליכטי-קייט; גאַנדי — מיטן טראַגישן העלדן-מוט — ביידע פליסט איר פון גאָט צו דער ערד, וואָס איז צעאַקערט מיטן אַקער-אייזן פון דער געוואַלט — וואַרפט אויף איר גאָטס זאָמען!

„אונזער קאַמף, זאָגט גאַנדי, פירט דערצו, אַז מיר זאָלן ווערן די חברים פון דער גאַנצער וועלט... דער אומווידערשטאַנד איז אַנטשטאַנען צווישן מענטשן און ער וועט תמיד בלייבן. ער

איז דער פּאַרזאָגער פון שלום אויף דער וועלט..."

דער וועלט־שלום איז נאָך ווייט. איך מאַך מיר נישט דערפון קיין אילוזיע. מיר האָבן אין משך פונם לעצטן האַלבן יאָר־הונדערט בייגעוואוינט ליגן, פּחדנות און חיהשקייט ביים מענטש. אָבער דאָס שטערט מיר נישט אים ליב צו האָבן. ווייל אפילו ביים נישטיקסטן איז דאָ דער געטלעכער פונק. מיר קענען די אַלע מאַטעריעלע לאַסטן, וואָס הענגען איבער דער אייראָפּע פונם 20־טן יאָרהינדערט, די אייזערנע קאָנסעקווענץ פון אירע עקאָנאָמישע נויטן, וואָס האַלט איר אין צוואַנגען. איך זע דעם צער פון ליידן און בלאָנדזשענישן, וואָס פאַרדעקן די נשמות פון די היינטצייטיקע מענטשען מיט אַ האַרטער הויט, וואָס לאָזט נישט אַדורך קיין ליכט־שטראַל. אבער איך ווייס אויך די וואונדער, וואָס עס קאָן באַווייזן דער גייסטיקער כח. אין דער געשיכטע האָבן מיר געזעען, ווי זיינע שטראַלן זענען אַדורכגעדרונגען נאָך פינסטערערע הימלען, ווי היינט. מיר, וואָס לעבן אינם היינטיקן דור, הערן פון אינדיע קלאַנגען פון דער פויק פון סיוואַ, „פון דעם געטלעכן טענצער, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון דער וועלט און טאָקט אויס זיינע באַוועגונגען און קליגט זיך, כדי צו ראַטעווען די וועלט פון אומקום..."*)

די „רעאַלע פּאָליטיקער" פון געוואַלט (סיי רעאַקציאָנערן, סיי רעוואָלוציאָנערן) לאַכן אויס אָט דעם גלויבן און דערמיט דערווייזן זיי, אַז זיי האָבן נישט קיין חוש פאַר דער טיפערער ווירקלעכקייט. זאָלן זיי זיך לאַכן! אָט דער גלויבן איז אויך מיינער. מיין שטימע ווערט אין אייראָפּע פאַרפאָלגט און אויסגעלאַכט. אין מיין אייגענעם לאַנד זענען מיר אַ קליין הייפל (צי זענען מיר

*) פראַגמענט פון דער אַלטער אינדישער פּיעסע Mudra Rakshasha, פאַרפאַסט פון Vishakadatta.

טאַקע אַ הייפל...?) נאָר אויב ווען כ'וועל אַפילו זיין אייגער — איז וואָס? אונזער גלויבן איז וויט דערפון, אַז מיר זאָלן אָפּשפּעטן פון די שלעכטע מעשים פון דער וועלט — מיר קוקן זיי נאָר נאָך און באַקעמפן זיי. דאָס איז נאָך בעסער. ווייל גלויבן איז קאַמף. און אונזער אומווידערשטאַנד איז דער שטרענגסטער קאַמף. דער וועג צום שלום איז נישט דער וועג פון שוואַכקייט. מיר זעגען נאָך גרעסערע שונאים פון דער שוואַכקייט, ווי פון דער געוואַלט. קיין שום זאַך ווערט נישט דערגרייכט אָן כח: נישט קיין שלעכטס, נישט קיין גוטס. און ס'איז בעסער דאָס אמתע שלעכטס איידער דאָס פאַלשע גוטס. דער היינט-מאָדישער פאַציפיזם איז אַ סם פאַר דער וועלט: ער איז קלייגלעך, ער איז אָן גלויבן. זאָלן די, וואָס גלייבן נישט אָדער צווייפלען — זאָלן זיי אָפּטרעטן! דער וועג צום שלום איז דורך דער אויפאָפּערונג.

אַזאַ איז גאַנדיס לערע*). אים פעלט נאָר דער קרייץ. יע-דער ווייסט, אַז אָן די יידן וואָלט רוים נישט אָנגענומען דאָס קריסטנ-טום. און דאָס ענגלישע קעניגרייך איז געגליכן צו רוים. דער ער-שטער רוף איז שוין געוואָרפן. ער האָט אויפגעטרייסלט די נשמה פון די מזרח-פעלקער. און זירע אויפטרייסלונגען האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

די גרויסע רעליגיעזע געשעענישן פון מזרח קאָנען נישט פאַרגלייכט ווערן מיט די אייראָפּעאישע. זיי האָבן זייער ספּעצ-יעלן ריטם. פאַראַן צווי מעגלעכקייטן: אָדער גאַנדיס לערע וועט גלייך זיגן, אָדער זי וועט געפינען איר גלגול אין דורות —

---

*) פאַראַן אין ענגלאַנד אַ געזעלשאַפט Conscientious Objectors, וואָס האַלט זיך אָן דעם גאַנדיזם. ענלעכע געזעלשאַפטן עקזיסטירן אויך אין מערערע שטעט פון אייראָפּע.

אַזוי ווי עס האָבן געפונען זייער גלגול אין דורות יעזוס און בודדאַ — ביז צו דער ענדגילטיקער פאַרקערפערונג פונם לעבנס־פרינציפ אין אַזאַ שטערבלעכן האַלב־גאָט, וואָס וועט פירן די מענטשהייט אויף אַ נייעם וועג.

פעברואר 1923

נ אָ כ וו אָ ר ט
צו דער דריטער אויפלאַגע

•

די ערשטע אויפלאַגע פון דעם בוך איז ערשינען מיט זעקס חדשים צוריק. אין משך פון דער צייט זענען פאָרגעקומען די פאָלגנדיקע דריי וויכטיקע געשעענישן:

ביי די וואַלן דעם לעצטן דעצעמבער האָט אָפּגעהאַלטן א גרויסן נצחון די אינדישע סוואַראַדזש-פּאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם באַדייטנדיקן אינדישן פירער, פריינט פון מאַהאַטמאַ גאַנדי — ר. ד אַ ש ; די דאָזיקע פּאַרטיי, הגם זי האַלט זיך אָן אומווידערשטאַנד, שטרעבט זי דאָך צו מיטאַרבעט מיט ענגלאַנד און אָנטיילנעמען אין דעם מלוכה-ראַט.

די ברידער אַלי, די אָנערקענטע פירער פון די אינדישע מחמדאַנער, האָבן נאָכן אָפּזיצן זייער שטראָף — צוויי יאָר תפיסה, זיך ווידער געשטעלט בראש פון דער באַוועגונג. איינער פון זיי, מאולאַנאַ מחמד אלי, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאַרזיצער פונם אַלאינדישן קאָנגרעס.

און מאַהאַטמאַ גאַנדי איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה.

*

אין אייראָפּע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם, אַז גאַנדי איז באַפרייט געוואָרן. אָבער זייער ווייניק מענטשן

ווייסן, ביי וועלכע פּאַטאַלע אומשטענדן די באַפרייונג איז פאָר־געקומען. עס האָט נישט קיין סך געפעלט, אַז גאַנדי זאָל שטאַרבן אין תּפיסה.

ווי געזאָגט, איז ער איינגעזעצט געוואָרן אין דער תּפיסה אין פּונאַ, ביי באָמביי. שוין פון אַ לענגערער צייט איז ער געווען זייער אָפּגעשוואַכט און געוואָרן מוראדיק אויסגעצערט. אין דע־צעמבער האָט ער דערפילט שרעקלעכע ווייטאָקן אין אונטערלייב׳ ער האָט אויך אָנגעהויבן באַקומען אָפטע אָנפאַלן פון פיבער. קיינער האָט זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט. די פאַמיליע, וואָס איז צו אים נישט צוגעלאָזט געוואָרן, האָט דערפון גאָרנישט געוואוסט.

אָנהייב יאַנואַר איז דער צושטאַנד פונם חולה געוואָרן אַזוי געפערלעך, אַז די גלייכגילטיקע תּפיסה־אַדמיניסטראַציע האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און דרינגענד גערופן דעם מיליטער־דאָקטאָר מעדדאָק. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ביי גאַנדי האָט זיך אַנטוויקלט אַ אַנטצינדונג פון דער בלינדער קישקע, און אַז די קראַנקהייט געפינט זיך אין אַ העכסט קריטישן סטאַדיום. עס איז זיכער, אַז ווען מעדאָק וואָלט זיך נישט אַזוי פיל אַנטשלאָסן, וואָלט דער חולה געווען פאַרלוירן. ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ערלויבעניש, און אויף זיין אייגענער אחריות אָפּגעפירט גאַנדין אין זיין, מעדאָקס, אויטאָמאָביל אין פּונער שטאָטישן שפּיטאָל. ער האָט אים אויסגעבעט אַ טראַג־בעטל און צוזאַמען מיט זיינע סטודענטן אים אַריינגעטראָגן אין שפּיטאָל. און נאָך דעם זעלבן אָוונט — שבת, דעם 12 יאַנואַר — האָט ער אים גע־מאַכט די אָפּעראַציע. קיינער האָט דערפון נישט געוואוסט. גאַנדיס פאַמיליע איז ערשט שפּעטער וועגן דעם געוואויר געוואָרן. אָבער אין שפּיטאָל גופא און אין די רעגירונגס־קרייזן האָט געהערשט אַ געוואַלדיקע שפּאַנונג. די רעגירונגס־קרייזן האָבן

ערשט דערפילט, וואָס פאַר אַ אומגעהייערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט עס ליגט אויף זיי. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב דער מאַהאַטמאַ וואָלט נישט אַרויס פון תפיסה מיטן לעבן, וואָלט אויסגעבראָכן אַ בלוטיקער אויפשטאַנד.

אײן מענטש נאָר האָט פאַרהאַלטן זיין גאַנצע רויקייט און איידלמוטיקייט: מאַהאַטמאַ גאַנדי. אַ שעה פאַר דער אָפעראַציע האָט די תפיסה־מאַכט אַריינגעשיקט אין דעם צימער, וואו גאַנדי איז געלעגן, דעם פירער פון דער אינדישער ליבעראַלער פּאַרטיי, שאַסטרי, פאַר אַן עדות. כאָטש ער איז געווען גאַנדיס אַ פּאָליטישער שונא, פלעגט דאָך גאַנדי זיך באַציען צו אים מיטן גרעסטן צוטרוי. שאַסטרי האָט באַשריבן די דאָזיקע אימהדיקע שעה אין דער מעדרעסער צייטונג–Swarajya אינם נומער פון דינסטיק דעם 15 יאַנואַר 1924.

מען האָט גאַנדין געגעבן אַ בויגן פּאַפּיר, וואו ס'איז געווען אויסגעדריקט זיין הסכמה צו דער אָפּעראַציע, און אים געבעטן זיך אונטערצושרייבן. ער האָט אָנגעטון זיינע ברילן, אויפמערקזאַם אַדורכגעלייענט און געבעטן, אַז מען זאָל אים ערלויבן צו ענדערן דעם אינהאַלט. דאַן האָט ער דעם אָפיציר מעדאָק דיקטירט אַ בריוו. ער דאַנקט אין זייער אַ העפלעכן אופן דעם דאָקטאָר און דער תפיסה־מאַכט פאַר דער גוטער אויפזיכט איבער אים; ער דריקט אויס זיין פולסטן צוטרוי דעם דאָקטאָר און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים באַלד אָפּערירן. ער האָט צוגעצויגן אונטער זיך די קני, אַרויפגעלייגט דערויף דעם בויגן פּאַפּיר און מיט דער אויסגעצערטער ציטערנדיקער האַנט קוים געקאָנט זיך אונטערשרייבן.

בשעת די צוגרייטונגען צו דער אָפּעראַציע, איז גאַנדי געבליבן אַליין מיט שאַסטרי. מיט אַמאָל האָט ער רויק אָנגעהויבן צו רעדן:

„... מיין קאַמף מיט דער ענגלישער רעגירונג געדויערט נאָך אַלץ און ער וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן, ווילאַנג עס וועלן אָנהאַלטן די סיבות, וואָס האָבן אים אַרויסגערופֿן. אַנדערש קאָן נישט זיין. אויב די רעגירונג האַלט, אַז מיינע טענות זענען גערעכט און אַז איך אַליין בין אומשולדיק, זאָל זי מיך באַפֿרייען; איר כבוד וועט דערפֿון נישט ליידן... זאָל זי מיך פֿריילאָזן, אָבער דאָס טאָר נישט געשעען מיט קיין פֿאַלשער כוונה...” (דערמיט איז ער אויסן געווען צו זאָגן — ווי ער האָט עס אויף אַן אַנדער אָרט אויסדריקלעך איבערגעחזרט—אַז ער וויל נישט, מען זאָל אים באַפֿרייען צוליב זיין געזונט-צושטאַנד). ער גיט צו, אַז „ער האָט ליב יעדן ענגלענדער פֿערזענלעך, כאָטש ער שטייט אין אַזאַ האַרטן קאַמף מיט דער ענגלישער רעגירונג”; אַז ער וועט אַפֿילו נאָך דער באַפֿרייונג ווייטער פֿירן זיין אַגיטאַציע פֿאַר אום-מיטאַרבעט

שאַסטרי פֿרעגט אים, צי ער האָט נישט עפּעס וואָס צו זאָגן דעם פֿאָלק. גאַנדי האָט מסתמא דאָס געוואָלט שוין פֿון לאַנג, פֿון זינט אָן ער איז פֿאַרשפּאַרט געוואָרן און האָט נישט געקאָנט קומען אין אוממיטלבאַרער באַרירונג מיטן פֿאָלק. באַלד נאָך זיין אַרעסט האָט ער געגעבן דעם דעמאָלטיקן פֿאָרזיצער פֿון אַלאינדישן קאָנגרעס אַ בריוו צום פֿאָלק. די רעגירונג האָט אים איבערגעכאַפּט און קאָנפֿיסקירט. זי האָט אין אים געוואָלט ברענגען פֿאַרשיידענע ענדערונגען, אָבער גאַנדי איז אויף זיי נישט מסכים געווען יעדער אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אין דער יעצטיקער לאַגע זיינער, פֿאַר דער אָפּעראַציע, פּנים אל פּנים מיטן טויט, אויסגענוצט די געלעגנהייט און איבערגעגעבן דאָס פֿאָלק זיין לעצטן פֿאַרלאַנג. גאַנדי האָט עס אָבער ניט געטון, אין דעם וואונדערוועריטיקן ערן-געפֿיל, אין דעם מערקווירדיקסטן שטריך זיינעם. ער האָט בעסער געוואָלט שווייגן.

ער ענטפֿערט שאַסטרין, אַז ער האַלט זיך פֿאַר אַ געפֿאַנ-

גענעם פון דער רעגירונג און דעריבער מוז ער זיך אַלס אַזעלכער האַלטן אין די כּללים פאַר געפאַנגענע; זאָל מען אים האַלטן פאַר פּאָליטיש טויט. ער האָט אָבער גאָרנישט וואָס צו זאָגן...

אין דער זעלבער רגע — עס איז געווען צען אַזייגער בייַנאַכט — האָט זיך געעפנט די טיר. מען האָט אים שנעל אַראָפּגענומען פונם טראָג־בעטל און אַרויפגעלייגט אויפן אָפּעראַציע־טיש,

צוואַנציק מינוט האָט זי געדויערט. אין מיטן דער אָפּעראַציע איז געשען אַן אומגליקלעכער צופאַל, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו אַ שלעכטן רעזולטאַט. ווען מען האָט דעם חולה שוין כלאָראָפאָרמירט, האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט אין גאַנצן הויז. אין פּאַנישער שרעק האָט מען זיך גענומען זוכן לאָמפּן. צוערשט האָט מען אָנגעצונדן נאַפטלאָמפּן, אָבער די אָפּעראַציע איז פאָרגעקומען ביי קליינע עלעקטרישע טאַשן־לעמפּלעך. דערווייל איז דאָס בלוט כּסדר אָפּגעפלאָסן. כּדי אויסצוציען דאָס ברודיקע בלוט, האָט מען אַריינגעלייגט אין דער וואונד אַ שטיק מאַרלע, פּופצן סענטימעטער די לענג. גאַנדי האָט די אָפּעראַציע איבערגעטראָגן, אָבער די נאַכט איז געווען אַן אומרויִקע.

אויף צומאָרגנס זענען אין שפּיטאָל אָנגעקומען זיינע זין. ערשט הייַנט האָט מען זיי וועגן דעם מודיע געווען. שפּעטער איז אויך אָנגעקומען זיין פרוי. דאָס גאַנצע לאַנד איז אין משך פון עטלעכע טעג געווען אין געשפּאַנטער מורא פאַרן גורל פונם מאַהאַטמאַ. דער פאָרזיצער פונם אַלאינדישן קאָנגרעס, מחמד אַלי, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דעם 18 יאַנואַר זאָלן איבערן גאַנצן לאַנד אָפּגעריכט ווערן תּפילות פאַרן געזונט פונם חולה. דאָס גאַנצע לאַנד האָט ענערגיש געפאָדערט, מען זאָל אים באַפרייען. די רעגירונגס־פּרעסע האָט אויך אונטערגעהאַלטן

די פאָדערונג. מען האָט געמוזט פאַר יעדן פרייז אַרויס פון דער געפערלעכער, פאַרפלאָנטערטער לאַגע. דעם 17 יאַנואַר איז דער בירגערמייסטער פון באָמביי דרינגענד אַרויסגערופן געוואָרן צום אינדישן וויצע־קעניג לאָרד רידינג קיין דעלהי. סוף חודש האָט געזאָלט געעפנט ווערן דער נייגעגריגדעטער מלוכה־ראַט מיטן אנטייל פון די אינדישע פאָרשטייער; פאַרשטייט זיך, אַז גאַנדיס קראַנקהייט איז זיי נישט געווען אויף דער האַנט. די אויפרעגונג אין לאַנד איז געוואַקסן.

דעם 4 פעברואַר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו באַפרייען גאַנדין.

און באַלד ווי נאָר דער מאַהאַטמאַ איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך געווענדעט מיט אַן אַפעל צום פאָלק אויף די הענט פון פאָרזיצער פונם אינדישן קאָנגרעס (7 פעברואַר 1924).

*

אין אָנהייב באַדויערט ער דעם באַשלוס פון דער רעגירונג וועגן זיין באַגנעדיקונג. ער האָט אין קיין פאַל נישט פאַרלאַנגט אַזאַ חסד.

„ס'איז מיר באמת אַ שאָד, וואָס די רעגירונג האָט מיך פאַר דער צייט באַפרייט, צוליב מיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד. אַזאַ מין באַפרייונג פרייט מיך נישט. איך האַלט, אַז אויב אַן אַרעסטאַנט ווערט קראַנק, דאַרף אים נאָך די רעגירונג נישט פריילאָזן".

ער דאַנקט די אַלע — קיין איינעם נישט פאַרפעלט — וואָס האָבן אים אין תפיסה און אין שפיטאָל אַזוי זאָרגפעלטיק באַהאַנדלט. ווייטער דריקט ער אויס די מורא, אַז ער וועט אין זיין יעצטיקן צושטאַנד נישט קאָנען ווידער בעמען אַזאַ גרויסן

אָנטייל אין דער אַרבעט. ער מוז זיך נאָך לאַנג אָפּרוען. אחוץ דעם דאַרף נאָך געדויערן, ביז וואַנען ער וועט זיך אָריענטירן אין דער בייגעשאַפענער לאַגע. ער איז דאָך צוויי יאָר געווען אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט. דאָך גיט ער ווידער אַנט־שיידענע עצות, וואָס דאָס באַווייזט, אַז ער האָט זיין פריערדיקן פּראָגראַם און טאַקטיק אויף קיין האָר נישט געענדערט.

קודם־כל—די פאַרייניקונג פון אַלע הינדוסן. אין דער צייט, וואָס ער איז נישט געווען, איז די פאַרייניקונג אַסך אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

„כאָטש אין דער יעצטיקער רגע אָריענטיר איך זיך ווייניק אין דער לאַגע פון לאַנד, דאָך זע איך, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אינדיע איז היינט אַ סך שאַרפער, ווי ביים אָנהייב פון דער בירגעלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט אין באַרדאָלי. יעדער געדאַנק וועגן דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אָן דער אַחדות צווישן אונזערע אַלע פעלקערייען און רעליגיעס, האָט נישט קיין זינען. די אַחדות צווישן די הינדוסן און מחמדאַנער, וואָס האָט זיך אין 1922 אויסגעוויזן צו זיין אַזוי נאָענט, איז שטאַרק געפאַלן. אויב מיר ווילן אויף אַן אמת דערגרייכן די פרייהייט, מוזן מיר קניפּן אַן אומצערייסבאַרן בונד צווישן אַלע אונזערע געמיינשאַפטן. איך בעט אייך נישט, אַז איר זאָלט תּפילה טון פאַר מיין געזונט. פון אייער אַחדות וועל איך אַ סך גיכער גע־נעזן ווערן, ווי פון אַלע דאָקטערישע מיטלען. אַז איך קוק זיך צו צו אייערע רייבונגען, צו אייער צעשפּליטערטקייט, ווערט מיין האַרץ פול מיט סם. אַזוי לאַנג, ווי עס ליגט אויף מיר אָט די שווערע לאַסט, קאָן איך מיר נישט געפינען קיין רו. איך ווענד זיך צו די אַלע צווישן אייך, וואָס האָבן מיך ליב: פאַר־אייניקט אייך! יאָ, איך ווייס, אַז מיין אויפגאַבע איז אַ שווערע. אָבער פאַר דעם, וואָס פאַרמאָגט דעם לעבעדיקן גלויבן אין גאָט,

איז קיין זאַך נישט שווער. הינדוסן, מחמדאַנער – וואָרצלט אויס אייער קעגנזייטיקן אומצוטרוי! אומצוטרוי נעמט זיך פון מורא, און מורא נעמט זיך פון שוואַכקייט. זאָלן בײדע, סײ די הינ־דוסן, סײ די מחמדאַנער, אַראָפּוואַרפן פון זיך די מורא און ממילא אויך דעם אומצוטרוי. זאָל נאָר כאָטש באַדײ איין טייל אויפהערן מורא צו האָבן, און דער קאַמף וועט אויפהערן. אין די טיפענישן פון אונזערע הערצער האָבן מיר זיך דאָך אַלע ליב, ווי ברידער – איך ווייס עס. און איך בעט אייך, אַז איר זאָלט, אַזוי ווי איך אַליין, מיט אייער גאַנצן וועזן שטרעבן צו דער פאַרייניקונג...״

זיין פּראָגראַם איז געבליבן דער זעלבער. צוויי יאָר פון איינזאַמען נאָכדענקען האָבן אים נאָכמער פאַרשטאַרקט אין זיין איבערצייגונג. דאָס שפּינראָד–פריער פאַר אַלץ. דערווייל איז עס דאָס איינציקע מיטל קעגן דער אָרעמקייט. דערנאָך–די פאַרייני־קונג פון אַלע רעליגיעס. ווייטער–מאַכן אַ סוף צו דער מכה פון די „קרעציקע״. לסוף-די באַוואוסטזיניקע און נאָכגעטראַכטע אָנ־ווענדונג פונם אומווידערשטאַנד אין געדאַנק, אין וואָרט און אין טאַט.

„ווען מיר וועלן אויספירן אָט דעם פּראָגראַם, דאַרפן מיר נישט אָנקומען צו דער בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמקייט. פונ־דעסטוועגן האַלט איך, אַז די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט איז אַ גערעכטיק און ווירקזאַם מיטל צו אונזערע צילן. איך האַלט, אַז דאָס איז אַ וויכטיק געווער אינם קאַמף פאַר אונזערע רעכט, און אין געוויסע מאָמענטן איז עס אַ חוב פאַרן פאָלק. זי איז אַ סך ווייניקער געפערלעך, ווי די מלחמה. ווייל די בירגערלעכע אומגעהאָרכזאַמקייט, אויב זי איז נאָר ערפאָלגרייך אַדורכגעפירט, ברענגט נוצן פאַר ביידע צדדים, און די מלחמה איז אַן אומגליק סײ פאַרן באַזיגטן, סײ פאַרן זיגער...״



מאהאטמא גאנדי אין שפיטאל.
2 וואכען נאך דער אפעראציע.

ער מיידט אויס צו ריידן וועגן דער נייגעגרינדעטער סוואראַדזש-פּאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון זיין פריינט ר. דאַש. ער דאַרף זיך פריער געניויער אָריענטירן אין דער לאַגע, כדי ער זאָל קאָנען אַרויסזאָגן זיין מיינונג. ביי די וואַלן צום געזעצגעבערישן ראַט, אין דעצעמבער 1923, האָבן די סוואראַדזשיסטן באַקומען לערך אַ העלפט פון די הונדערט און דריי ערטער אינם ראַט. אין די אָרטיקע פּראָווינציעלע ראַטן האָט די דאָזיקע פּאַרטיי כמעט אומעטום באַקומען אַ מערהייט*). דערמוטיקט פון זייער נצחון, האָבן זיי גלייך נאָך די וואַלן (נאָך אין דעצעמבער 1923) פאַרעפנטלעכט אַ רעזאָלוציע: 1) גלייך מבטל מאַכן די אויסנאַם-געזעצן, 2) גלייך באַשטימען אַ זעלבסטפאַרוואַלטונגס-רעגירונג, 3) צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל אויסאַרבעטן די נייע וואַל-אָרדינאַציע, 4) די פעדעראַציע פון די אַזיאַטישע פעלקער מיטן צוועק צו באַפרייען גאַנץ אַזיע. גאַנדי האָט די דאָזיקע פאָדערונגען זייער גוט פאַרשטאַנען. ער האָט אויך געהאַט צוטרוי צום פירער פון דער באַוועגונג, דאַש. דערמיט ערקלערט

---

*) אַנדריוס שרייבט אין אַ אַרטיקל אין „מאַנשעסטער גוואַרדיען" פון ערשטען פעברואַר, אַז דער זיג פון די סוואראַדזשיסטן איז נאָך אומדערוואַרטעטער דערמיט, וואָס נאָר עטלעכע טעג פאַר די וואַלן האָבן זיי באַשלאָסן אין זיי אַנטיילצונעמען. אַ סך אָנהענגער פון דער אום-מיטאַרבעט, וואָס זענען אין תוך שטרענגע נאָכפאָלגער פונם גאַנדיזם, האָבן זיך אין די וואַלן נישט באַטייליקט. ווען זיי וואָלטן זיך פאַר די וואַלן צווישן זיך פאַרשטענדיקט, וואָלטן זיי געהאַט אַ גוואַלטיקן נצחון.

זיי זענען דער לינקער פליגל פון די אינדישע נאַציאָנאַליסטן. אָנהענגער פון אומווידערשטאַנד, זענען זיי פאַרן אויסנוצן אַלע לעגאַלע מעגלעכקייטן און אויך פאַר דער באַטייליקונג אין די מלוכהשע געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן.

זיך דאָס, וואָס ער רעדט אַזוי רויק וועגן דער דאָזיקער נייער באַוועגונג, כאָטש זי איז אַזוי ווייט פון זיין אידעע פון דער אום־מיטאַרבעט.

„איר וועט פון מיר נישט אַרויסקריגן מיין מיינונג וועגן דער פראַגע פון די וואַלן צו די געזעצגעבערישע ראַטן און צו דער קעניגלעכער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג. מיין מיינונג וועגן דעם באָיקאָט פון די ראַטן, די געריכטן און די שולן איז געבליבן די זעלבע. דאָך האַלט איך זיך נאָך אָפּ וועגן דעם צו רעדן, ווייל איך האָב נאָך נישט אַלע נייטיקע ידיעות וועגן אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען. איידער איך וועל זיך נישט גענוי אַדורכשמועסן מיט די פריער פון אונזער לאַנד, וועלכע האָבן אין אַלע זייערע טאַטן אין זינען דעם וואוילשטאַנד פון אונזער לאַנד, קאָן איך נאָך גאָרנישט רעדן."

דערמיט ענדיקט ער זיין אַפּעל. ער חזרט איבער נאָכאַמאָל, אַז ער באַקעמפט נישט די ענגלענדער, נייערט די ענגלישע רעגירונג אין איר סיסטעם פון פּאָליטישער אונטערדריקונג.

*

דעם 16 פעברואַר פאַרעפנטלעכט ער אַ פרישע ערקלערונג וועגן די לעצטע געשעענישן אין דרום־אַפריקע. דער דאָרטיקער פּאַרלאַמענט האָט באַנייט אַן אַלטן געזעץ וועגן דער קלאַסן־אָפּגרענעצונג, וואָס דאָס איז דירעקט געווענדעט געגן די דאָרטיקע הינדוסן. ער דריקט אויס זיין פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס מען האָט צעריסן די פאַרשטענדיקונג, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין 1914. דערביי גיט ער אַ ברייטן איבערבליק איבער דער גאַנצער געשיכטע פון דער דרום־אַפריקאַנישער באַוועגונג.

דעם 25 פעברואַר פאַרעפנטלעכט ער אַן אויפרוף צו די אַקאַליס (וואָס זענען אַזוי טרויעריק באַרימט געוואָרן מיט זייער אָפּפערוויליקייט ביים טעמפּל אין גורו-קאַ-באַה), וואָס האָבן געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט דער ענגלישער פּאָליציי, ביי וועלכן זי האָט צו זיי געשאָסן. ער פאָדערט זיי אויף זיך שטרענג צו האַלטן ביים אומווידערשטאַנד.

דאָס ווייזט, אַז כאָטש די קראַנקהייט האָט אים קערפּערלעך אינגאַנצן רויִנירט, האָט ער דאָך, אַ קראַנקער, זיך גלייך געשטעלט ביים רודער פון דער באַוועגונג און אָנגעפירט מיט איר.

*

זאָל איך דערציילן וועגן דער ריזיקער פרייד-באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד נאָך זיין באַפרייונג? וועגן מחמד אַליס באַפעל, אַז מען זאָל דעם 10-טן פעברואַר מאַכן פאַר אַ נאַציאָנאַלן יום-טוב? וועגן דער פאַראייניקונג פון אַלע רעליגיעס, קלאַסן, אידעאישע שטרעמונגען אין איין ריזיקער באַגייסטערונג? וועגן דער ריזיקער באַגריסונגס-פאַרזאַמלונג אין באָמביי לכבוד זיין באַפרייונג, וואו עס האָבן אָנטיילגענומען איבער 30.000 מענטשן? וועגן די גרויסע פּראָצעסיעס פון די מחמדאַנער? וועגן די פייערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען איבערן גאַנצן לאַנד? מעכטיקע כוואַליעס פון ליבע האָבן געשטראָמט צו אים פון אַלע זייטן, און די דאָקטוירים האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל אים נישט שטערן צום געזונט ווערן. די ליבע צו אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַפילו באַהערשט די ענגלענדער, ווי יענער 82-יעריקער וועטעראַן, וועלכער איז — ווי עס דערציילן די ענגלישע צייטונגען — געקומען יעדן אַנדערן טאָג מיט אַ קראַנץ בלומען צו גאַנדין אין שפּיטאָל אַריין און נישט געוואָלט

אַוועקגיין, ביז וואַנען מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט צו אים אין צימער, און ער האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט און זיך געזעגנט מיט אים מיט די ווערטער: „מוט, מוט, ליבער פריינט!"

נאָר דער מאַהאַטמאַ אַליין האָט זיך געהאַלטן רויק, זיך באַהערשט און זיך אָנגעשטרענגט לאַנג צו רעדן מיט די, וואָס זענען צו אים געקומען. ער איז זייער אויסגעצערט און איינגעשרומפן. „קוים אַ העלפט פון דעם, וואָס ער איז געווען... טרערן שטעלן זיך אין די אויגן, ווען מען קוקט אים אָן". אָבער ווער עס הערט אים רעדן מיט זיין רויקן קול און מיט זיין גרויסער ליבעסווירדיקייט, פילט עפּיס אַ מאָדנע נאָענטקייט צו אים. און ווער עס קען אים נאָך פון פאַר זיין אַרעסט און זעט אים היינט ווידער (אַזוי ווי דער יונגער פאַרשי, וואָס האָט מיר מיט עטלעכע טעג צוריק דערציילט וועגן זיין באַזוך ביים מאַהאַטמאַ), דערקענט גלייך די ענדערונג. פאַר זיין אַרעסט, ווער עס האָט מיט אים גערעדט, פלעגט גלייך דערפילן זיין טרויעריקייט און זיינע דאגות. היינט איז ער אויפגעהייטערט און לוסטיק... „אַ נשמה, וואָס קאָן וועגן זיך זאָגן, אַז זי איז אין שלום מיט דער וועלט"*)

איך מוז אַוועקגיין אַביסל אָן אַ זייט פון דעם עצם-ענין, כאָטש איך זאָג צו אין די ווייטערדיקע אויפלאַגן פון דעם בוך צו דערציילן די ווייטערדיקע געשעענישן אינעם לעבן פון מאַהאַטמאַ גאַנדי און זיין באַוועגונג. די אינדישע סוואַראַדזשיסטן האָבן לעצטנס אינעם מלוכהשן געזעצגעבערישן ראַט אָפּגעוואָרפן

*) ווי צופרידן בין איך צו דערציילן וועגן דעם שמועס, וואָס מיין פריינט, דער אינדישער מוזיקער דיליפּ קעמאַר ראָי האָט געהאַט מיט גאַנדין אין שפּיטאָל וועגן מוזיק. ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פונעם אינדישן רעליגיעזן לעבן אָן דער מוזיק. אָבער ווי די גריכישע חכמים און ווי גטעט זעט ער דאָך די העכסטע קונסט אין דעם שיינעם, גערעכטיקן לעבן.

דעם בודזשעט, וואָס מאַקדאָנאַלדס רעגירונג האָט פֿאָרגעלייגט. זיי האָבן אים אָפּגעוואָרפֿן פֿון איין זייט אַלס דעמאָנסטראַציע, און פֿון דער אַנדערער זייט — כּדי געבן צו וויסן דער רעגירונג, אַז זי וועט זיך אין דער צוקונפֿט מוזן מיט זיי רעכענען. זיי וואַרטן אויף פּראַקטישע פֿאָרשלאָגן מצד ענגלאַנד און זיי וועלן זיי אַנטקעגנקומען.

וועט פֿון דער ענגלישער זייט געמאַכט ווערן אַזעלכע פֿאָרשלאָגן? און וועט עס — דער עיקר — קומען צו דער ריכטיקער צייט? אַלנפֿאַלס זעט עס נישט אויס, אַז דאָס מיניסטעריום פֿון דער ענגלישער אַרבעטער-פּאַרטיי זאָל גיכער ווי די פֿריערדיקע געבן אינדיע די זעלבסט-פֿאַרוואַלטונג. אַפֿילו מאַקדאָנאַלדס אויפֿרוף האָט אַנטוישט אַ סך פֿריינט פֿון אינדיע און ענגלאַנד (נישט אַזוי פֿיל דעם מחבר פֿון די שורות, וואָס מאַכט זיך נישט שוין פֿון לאַנג קיין אילוזיעס וועגן דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק).

איך ענדיק. די לאַגע איז טראַגיש פֿאַר ביידע צדדים. ענגלאַנד האָט צוליב איר אייגננוץ געבּרענגט אינדיע צום אָפּגרונט. ווען זי זאָל אָבער געבן אינדיע די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט, וואָלט עס זיכער געבּרענגט צום אונטערגאַנג פֿון די מאַנטשעסטערער פֿאַבריקן. גאַנדי איז איינער פֿון די ווייניקע מענטשן, וואָס קאָנען זיך דערהייבן איבער די אינטערעסן פֿון ביידע קעמפֿנדיקע צדדים און זוכן אַזאַ וועג, וואָס זאָל פֿירן צום וואויל פֿון ביידע. וועט ער אויך אין ענגלאַנד געפֿינען אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זיך גלייכן צו אים אין זיין גרויסקייט און זיין קלאָרן פֿאַרשטאַנד? דער גוטער גייסט פֿונם ענגלישן פֿאָלק דאַרף אַזאַ מענטש באַשאַפֿן.

אַלנפֿאַלס וועט ענגלאַנד גאָר איינגיכן דערקענען גאַנדין און די ווירקונג פֿון דעם געווער, וואָס ער ווענדעט אָן — דעם אומווידערשטאַנד. כּדי צו ווייזן פֿאַר די אייראָפּעאישע פּאָליטיקער

דעם ווערט פון אָט דער געווער, ברענג איך צום סוף אַן אויס־צוג פון איינעם פון די פאַרשטענדלעכסטע און פּאָזיטיווע ליבע־ראַלע ענגלישע צייטונגען, וועלכע קיינער קאָן נישט חושד זיין אין סימפּאַטיעס צום גאַנדיזם. דער „מאַנטשעסטער גוואַרדיאַן“ פון 15 פעברואַר 1924 שרייבט:

„אינדיע איז היינט דאָס לאַבאָראַטאָריום, וואו עס ווערן גע־מאַכט פּרווון מיט דעם זעלטענעם נייעם פּולווער, וואָס רייסט בכלל נישט אויף און איז דאָך ווירקזאַמער פון אַלערליי אויפרייס־מאַ־טעריאַלן... ביז אַהער האָבן מיר דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד גע־האַלטן פאַר דאָס לעצטע ווער־מיטל פון די, וואָס האָבן נישט קיין אַנדערע מיטלען אין קאַמף מיט דער מאַכט. כאָטש די פראַגע איז נאָך נישט גענוג אויפגעקלערט, איז דאָך וואַרשיינלעך, אַז מיר מוזן רעווידירן אונזער אָנשויאונג וועגן די פאַרשיידענע פּאָ־ליטישע מיטלען און אַז דער געבאָט: „שטעל אויך אונטער די צווייטע באַק“ איז אַ וויכטיקער פּאָליטישער כח און נישט נאָר, ווי בעקאַן זאָגט, אַ געבאָט פון „אָפּגעריסענער, אַבסטראַקטער קלויס־טערלעכער מאָראַל“.

ר. ר.

סוף מערץ 1924

ס'גרייט זיך צום דרוק

יונג=אינדיע

אַ זאַמלונג

פון מאהאטמא גאנדיס אַרטיקלען

געשריבן אין די יאָרן 1919—1922

*

אויסגעקליבן דורך

ראָמען און מאַדלען ראָלאן